STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06069

ERTSEHLUNGEN UN BILDER

Berl Botwinik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. באָטווינִיק

ערצעהלונגען און בילדער

B. BOTWINIK

Short Stories :

I. God's Living Creatures.

II. Men and Women.

III. The Old Home and The New.

IV. Children.

V. Bundists.

Illustrations by the Author.

1920.

NEW YORK

Copyright by B. Botwinik, 1920



ב. דאטווינק

דאָס ערשיינען פונ׳ם ערשטען בוך פון אַ אידישען שרייבער איז ווי דאָס אויפבליהען פון דעם ערשטען זאַנג אויף אַ פעלד, וואָס איז לאַנגע יאָהרען געשטראָפט געווען מיט היישע־ריקען, רעגען־הונגער און אַנדערע פורעניות.

ביז אַ אידישער שרייבער דערזעהט זיין ערשטען בוך, מאַכט ער דורך אַ סך, אַ סך ביטערע יאָהרען פון ליידען, ליידען און ליידען. די גרעסטע און שווערסטע טהייל פון די ליידען פאַלט אויף דער פרוי פונ׳ם שרייבער. וואָס די פרוי פון אַ אידישען שרייבער טראָגט אַריבער, ווייסען זעהר ווייניג מענשען. די פרוי פון אַ אידישען שרייבער איז די גרעסטע מאַרטירערין צווישען דעם מין וואָס רופט זיך מענש.

— — — — — — — — — — — — — —

ווידמע איך דיזען ערשטען בוך מיינעם צו מיין פרוי רבקה באַטוויניק.

דער אויטאָר.

אינהאלט פערצייכנים:

נאט'ס ברואים — צייכענונג.

מענשען און חיות — — — 11
שלאנגען — — — — — 16
נעלי — — — — — — — 21
וותיוטי — — — — — — 37
דזשעק — — — — — — 44
אין א ווינטער פארנאכט — 54
א אידישער פערד — — — 60

ער און זי — צייכענונג.

די ליעבעס חתימה — — — 67
דאס נייע בוך — — — — 73
דער גלעזער — — — — — 83
עטעל — — — — — — — 91
א פאר פאלק — — — — — — 108
איהר אונשולד — — — — 120
אנגעצויגען — — — — — 134

קינדערלעך — צייכענונג.

דעם קינד'ס ערשטע ענטוישונג 143
דאס דריטע קינד — — — 146
אין סקוהל — — — — — 151
ניט פראמאוטעד — — — — 156
דאס צווייטע קינד — — — 161
בעסי — — — — — — — — 165

אלטע און נייע היים — צייכענונג.

די באבע — — — — — — — 173
שבת אין דער פריה — — — 177
דער דעקאדענטישער בארדער 183
א מענש — — — — — — — 189
דער טויט האט פערבלאנדזשעט 198
עספעראנטא — — — — — 204
קאנקורענטען — — — — 209
ישראל מיט זיינע קינדער — 215

בונדיסטען — צייכענונג.

ארויגעפאלען — — — — 229
מענדעל דער בלעכער — — — 234
דער גענעראל סטרייק — — 240
די מאמע'ס יום־כפור — — 254
די ראדיקאלען — — — 245

אלע אילוסטראציעס זיינען געצייכענט פון דעם מחבר אליין.

מענשען און חיות

עס דרעהען זיך ארום גאָט'ס לעבעדיגע ברואים אויף דער וועלט און יעדע בריאה איז אַ יחסן'טע אויף איהר פעלד. אַלע זיי־נען אָבער געקומען מיט איין אַבזיכט — צו לעבען און צו זוכען דעם בעסטען חלק. איין סאָרט בריאה הייסט מענש און האָט אַ שפּראַך און רעדט, זאָגט חכמות און דענקט, אַז דער פערד און די בהמה קענען נעבעך ניט רעדען. דער פערד הירזשעט און דענקט, אַז דער מענש איז געשטראָפט וואָס זיינע פאָדערשטע פיס הענ־גען אין דער לופטען און ער קען בלויז גערן אויף צוויי פיס. די בהמה לעקטשורט אויף איהר מו־מו־לשון און דענקט, אַז דער פערד און אַלע אַנדערע בעשעפעניסען זיינען געשטראָפטע. זיי מוזען ארבייטען אויף אַ לעבען צו מאַכען און זי האָט אַ שטענ־דיגע ביזנעס — מילך — פון וואָס זי האָט חיונה בכבוד. אַט אַזוי איז יעדער אַ גאַנצער לייט ביי זיך. מיר לעבען אָבער אַלע צוזאַמען. מיר מאַכען איינע פון די אַנדערע אַ לעבען און ווען דער מענש ווערט פאַרצווייפעלט, הרג'עט ער אַ בהמה; ווען דער פערד ווערט פערצווייפעלט, צוטרעט ער אַ מענשען.

נשמות האָבען, דאַכט זיך, אַלע, דער מענש און די חיה, וואָס לעבט צווישען אונז. און ווייל איך פערשטעה ניט דעם לשון פון די חיות, דוכט זיך מיר אָפטמאָל, אַז אַ חיה האָט אַ טיעף־פיהלענדע פערבענקטע נשמה, וואָס וויעגט זיך אין די גלאַנציגע אונשולדיגע אויגען.

איך הער אַ מאָל שפּעט ביינאַכט, ווי אַ קינד צואוויינט זיך און באַלד ענטפערט פון ערגעץ אַ יונגער הענדעל מיט אַ קרעה. פון דעם קרעה כאַפּט זיך אויף אַ מאַמע און איך הער ווי אַ וויגעלע שאַקעלט זיך און אַ מאַמע זינגט פערשלאָפען „ליו־ליו־ ליו־ליו, ליו־לינקע.“

אַז די בייבעלע ווערט איינגעשטילט, צוקלינגט זיך ערגעץ אַ וועק־זייגער און פויגעלעך שטעלען זיך אוים אויף די וועש־ליינס און ציפּצען. עס הערען זיך שווערע טריט פון אַ מילך־מאַן; אַ הונד צובילט זיך און אַ הוהן גראַגערט אַרוים אויפ׳ן פריהמאָרגען מיט אַזאַ טענה, ווי מען וואָלט איהר די נאַכט גע׳גנב׳עט איהרע מאַיאָנטקעס.

אַלע, די מענשען, די חיות און די עופות זיינען ווי גאָט׳ס האַר־מאָנישע סימפאָניע. ווען דער טאָג פאַנגט זיך אָן, יאָגען זיך אַלע נאָך ברויט און אַ מאָל ווערט אַ מענש איינגעשלונגען אין דאָס יאָגעניש, אַ מאָל אַ פערד, אַ מאָל אַ בהמה און אַ מאָל אַ הונד. אַלע זיינען גלייכע יחסנים אויף דער וועלט און פאַר אַלעמען איז דאָ איין סאָרט יענע וועלט.

איך שפּאַציר איבער די ניט־פּערבויטע גאַסען אין בראָנזוויל. וואו ניט וואו שטעהען מאָדערנע גרויסע טענעמענט־הייזער מיט עלעקטרישע בעלייכטונג, מיט פיינע שטיינערנע גאַניקעס און אַרום אין פעלד, בערגלעך און קינדערלעך שפּיעלען זיך אין זאַמד.

לעבען אַ הויז שטעהט אַ פאַרפּוצטע יונגע פרוי און קאָקע־טירט גרוים־שטאָדטיש און עס הערט זיך פון איהר פּערפיום, און זי מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי איז אויף סאַמע בראָדוויי. אַנטקעג־נען, פון אַ פענסטערעל פון אַ שטעלכעל, וואו עס וואוינט אַן איי־טאַליענער, קוקט אַרוים אַ ווייס־געלאַטעטע קאָפּ פון אַ בהמה און אָטהעמט מיט דעם רח פון שטרוי און מיסט, און קייט, און מוקעט און מאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט געווען אין דאָרף.

ביידע מאַכען דעם אָנשטעל; ס׳איז ביידענ׳ס בראָנזוויל.

אַ פּעראַרימעטער בילדער, וואָס איז איצט אַ הויז־קיפּער, שרייט און ליאַרעמט אויף די שכנים און סטראַשעט מיט מוף־צעטלעך און שטעלט זיך אין פּאָסאַן ווי אַ בעל הבית. אין איהם לעבט נאָך דער קוראַזש פון דעם אַמאָליגען בילדער און ריעל עסטייטניק.

ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ בעל הבית.

אויף דעם לעהרען לאַט לעבען דעם הויז־קיפּער׳ס קעניגרייך געהט אַרום אַן אַלטער, דאַרער פערד מיט אַ צופליקטער פעל. ער שמייסט זיך אַליין וואַזשנע מיט׳ן עק; ער לאָזט אַרונטער דעם קאַפּ צו דר׳ערד און שמעקט מיט די נאָז־לעכער אַרום צובראַכענע פלעשלעך און שטיקלעך בלעך; ער מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער פּיטערט זיך. ער איז געבעך אַ פערד, אַ דאַרער, שטאָדטישער פערד, און ער מאַכט אויך אַן אַנשטעל.

פון אַ גרוב, וואָס מען האָט אַמאָל אויסגעגראַבען צו בויען דעם קעלער פון אַ הויז און מען האָט ניט געבויט, שפּרינגט אַרויס אַ ניגער און פיהרט אַ ווייסע ציעג אויף אַ שטריקעל. צוויי פערשטויסענע בעשעפעניסען, אַ ווייסע ציעג און אַ נאַכט־שוואַרצער ניגער, קוקען זיך אַן איינע די אַנדערע מיט מיטלייד. ער גלעט איהר און צערטעלט איהר און זוכט צו פערשטעהן דער שטומער, ווייסער, בעבערבעלדעטער בריאה און זי מעקעט איהם אַריין אין פּנים און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו איהם:

„יע, איך פערשטעה, דו ווילסט אויך זיין ווייס, נור דו קענסט געבעך ניט."

און מיט שכל בענוגענען זיי זיך ביידע.

איך געה פערביי צוויי פערבויטע קאַרנערס. אין ביידע קאָר־נער־הייזער זיינען דאָ ביער־סאַלונס. איין סאַלון־קיפּער איז אַ קריסט און דער צווייטער אַ איד. דער קריסטליכער סאַלון־קיפּער זיצט אין דרויסען און ביים טיר ליגט אַ הונד.

דער אידישער סאַלון־קיפּער זיצט מיט זיין פרוי אויף אַלטע שטוהלען און לעבען זיי ליגט אַ קאַץ און וואַרעמט זיך אונטער דער זון.

צוויי פּאָר שונאים קוקען זיך אָן. דער קריסטליכער סאַלון־קיפּער רימשצעט מיט רציחה אויף זיין קאָנקורענט, דעם אידליק, און דער אידעל שילט און קאַראַניעט דעם גוי, דעם קאָנקורענט. דער הונד בורטשעט און וואַרפט זיך צו דער קאַץ מיט רציחה;

און די קאַץ טאַפּערט אויס איהרע מיגערשע וואַנצעס און איז גרייט מיט אַ פּיסעל מיט אויסגעשטרעקטע נעגעל.

דער איד און דער קריסט קענען זיך ניט צוטהיילען מיט דער וועלט און די קאַץ און דער הונד קענען זיך ניט צוטהיילען די גאַס בייטאָג און די לבנה ביינאַכט.

אַ מייזעל איז דרכגעפלויגען דעם קעלער־טיר און די קאַץ איז איהר נאַכגעלאָפען. אַ פּאָר פּאַליאַקען זייגען אריין צום קריסט אין סאַלון און דער סאַלון־קיפּער איז פערשוואונדען נאָך זיי.

שפּעט ביינאַכט זיץ איך און שרייב. אַלע שלאָפען אין הויז. איך הער ווי די גאַז־ליכט הודזשעט און אַ לאָקאָמאָטיף פּייפט ער־גערץ. איך טונק די פּען אין טינטער און פערטראַכט זיך און פער־קוק זיך צו אַ ליידיגען ווייסען טעפּעל וואָס שטעהט אומגעקעהרט אויפ׳ן אויווען. איך דערזעה הינטער׳ן טעפּעל צוויי קליינע מיי־זעלעך. איך גיב זיך אַ טרייסעל פון אבשייליכקייט און שרעק, און זיי אַנטלויפען.

איך שרייב און יעדען מאָמענט ציהט מיר אַ קוק צו טהאָן צום אויוועז. אַט זיינען זיי ווידער דאָ.ביידע מייזעלעך, קליי־נינקע, מיט גרויע אַנגעשטעלטע שפּיציגע אויערלאַך, שטעהען לעבען דעם ווייסען טעפּעל אויפ׳ן אויווען. איך שרעק זיי איבער און זיי אַנטלויפען. אין דער שטילער נאַכט, אליין וואַכעדיג און די מייזעלעך מאַכען מיר נערוועז. איך קען ניט קוקען אויף אַ מייזעל. און דאַ שטעהען נאָך צוויי און קוקען אויף מיר מיט זייערע מייזישע אויגען, ס׳איז מיר אבשייליך. איך גיב אויף זיי אַ וואָרף עפּעס מיט כעס. איך לאָז איבער די גאַנצע שרייב־גע־צייג, פערלעש דעם פייער און געה שלאָפען. איידער איך געה אריין אין מיין בעט, געה איך אַ קוק טהאָן ווי די קינדער שלאָפען. פון אונטער דערוויסער צודעק זעהען זיך ארויס רחל׳עס און עשע־לע׳ס קעפּלאַך. איך קוש זיי און בעטראַכט זיי אַ ווילע און ס׳דוכט זיך מיר איך זעה צוויי מייזעלעך, צוויי קינדערלעך.

ס׳איז מיר ערשט אריפגעקמען איפ׳ן זינען, אַז די מייזעלער

האבען אויף מיר גענוקט מיט שרעק און עקעל. עפּעס א גרויסע אב־שייליכע בריאה האבען זיי געזעהן איז געזעסען ביים טיש און האט זיי געוואלט ממית'ען. זיי זיינען אנטלאפען יעדע ווילע אין דער נארע און דארטען דערצעהלט עס פאר די גרויסע מייז, פאר זייע־רע עלטערען. און זייערע עלטערען האבען זיי געטוליעט צו זיך מיט ליעבשאפט און געטרייסאפט.

א לאנגע צייט בין איך געלעגען מיט די אויגען צו דער סטעליע און געזעהען אין געדאנק די צוויי מייזעלעך מיט די שפּיציגע אויערלאך ווי זיי זיינען געזעסען אויפ'ן אויוועך לעבען ווייסען טעפּעל און געקוקט אויף מיר. יעדע ווילע פלעגט זיך מיין דמיון אוועקרייסען פון די מייזעלעך און איך פלעג כאפּען א קוק אויף עשעלע'ם און רחל'עם קעפּעלעך מיט די צו־וואָרפענע הערלאך אויפ'ן קישען ווי שפּיציגע אויערלאך.

זיי זיינען אבער מיינע, מיינע ליעבע מייזעלעך.

שלאַנגען

מיט'ן פריהלינג זיינען געקומען הונדערטער ציפּליאַנקעלעך אין דעם נייעם גרויסען „טשיקען קופּ", וואס דער פאַרמער האָט אויפגעבוים הינטער'ן הויז.

ווען די טעג זיינען נאך געווען קאַלטע, ווען די זון האָט נאך ווייניג געוואַרימט די ערד, זיינען צעהנדליגע אַלטע היהנער געזעסען אין היי און געוואַרימט אונטער זיך די אייער, פון וועלכע עס האבען נאכהער ארויסגעפּיקעט קליינע געפליגעלטע ברואים'לאך אהן פעדערלאך.

דאן איז געקומען דער פריהלינג. די פעלדער האבען זיך בע־פאַרבט אין פערשיעדענע קאָלירען. די זון האט געקושט די גראָז, די בוימער, בערג און טייכען און האט ארויסגערופען לעבען און שפּראָצונג אויף דער ערד. די היהנער־מאַמעס מיט בייזע אויגען און רויטע הייסע קאמען האבען געקוואַקטשעט, אומגעפיהרט זייע־רע פיעלע קינדערלאַך, די ציפּליאַנקעלאַך, און זיך געלאָזען וואויל־געהן אויף גאָט'ס בענייטער ערד.

ווען דער זומער איז געקומען, די זונען שטראַהלען האבען גע־בריהט די ערד און אַלע געוויקסען אויף די פעלדער, די קליינע הינדעלאַך זיינען שוין געווארען גרויס און בעוואַקסען מיט פעדע־רען, פון די אַלטע היהנער איז פערשוואונדען די מוטערליכע וואַ־רימקייט און די קאַמען זיינען אויסגעבלייכט געווארען, זיינען גע־קומען די געסט פון שטאָדט.

צעהן ניו יאָרקער פאַמיליעס זיינען אַנגעקומען אויף דער פאַרם צו פערברענגען דעם זומער. די הונדערטער נייע הינדעלאַך, וואס זיינען מיט גרויס מיה געבראַכט געווארען אויף דער וועלט, פון די עלטערע היהנער, האבען די מענשען, די געסט פון ניו יאָרק, גע־

גומען ביסלעכווייז אויפפרעסען. יעדען טאג איז אין דעם „טשי־קען קופ“ געווארען מיט עטליכע היהנער ווענינער און ארום דער פארם האט דער ווינד אומגעטריבען פעדערען און די הינד האבען געגריזשעט קעפלאך, וואס האבען נעכטען געלעבט אויף די בעפע־דערטע ברואים.

ווען די מענשען האבען נאר געפייערט א יום טוב איז אין „טשיקען קופ“ געוועזן א לויה. וואס די מענשליכע יום טובים זיי־נען געווען גרעסער, וויכטיגער און פרעהליכער, אלץ מעהרער לויות זיינען פארגעקומען אין „טשיקען קופ“.

אין דעם יום טוב שבועות, ווען מען האט געפייערט דעם טאג פון דער אידישער תורה, דעם טאג, ווען אידען האבען בעקומען דאס געזעץ פון לעבען, האט מען דאן געשאכטען צעהן יונגע היג־דעלאך, ווייל אויף די פארם זיינען אנגעקומען די מענער פון די דאטשניצעס.

דעם 4טען דזשולאי, ווען אויף דער פארם זיינען געקומען פיעלע געסט צו די דאטשניצעס און מען האט זיך געפרעהט מיט דער בעפרייאונג פון אונזער לאנד, מען האט געהאלטען רעדעס וועגען דעם זיעג פון די דרייצעהן קאלאניעס איבער דער ענגלישער קרוין, וועגען דעם טריאומף פון יושר און פרייהייט געגען די בלוט זויגער און אונטערדריקער, איז אין „טשיקען קופ“ געוועזן א גרוי־סער הינערשער געוויין און נאכדעם איז אין קופ געווארען ווע־ניגער מיט פופצעהן הינער.

ווען דער פארמער פלעגט נאר אריינקומען מיט שטריקלאך און הינטער איהם איז געשטאנען א בעבערדעלטער איד מיט א חליף, האבען די הינער שוין פארשטאנען, אז די מענשען ריכטען זיך צו פייערען א יום טוב פון פרייהייט, און האבען זיך וועגען דעם דורכגעקוואטשקעט איינע מיט די אנדערע אויף זייער הינערשען לשון: „גרא, גרא, גרא, גרא“ און דאס גראגערט זיך ארויס פון זייערע טשיקען העלזלאך מיט אזא טענה׳דיגען נגון, אזש מען זעהט ווי זי פיהלען זיך אלס די געקריוודעטע און גערעכטע.

עס איז געווען אַ שטילער זומער פאַרנאַכט אויף דער פאַרם צווישען די בערג.

די דאַטשניצעס זיינען געזעסען אין די העמאַקס און אין די געפלאַכטענע וויעג־שטוהלען. אַרום דער פערגעהענדער זון האָ־בען זיך געשפּיעלט קליינע וואָלקענס אין אַ קאַראַהאָד און די קליי־נע קינדער האבען געטאַנצט אַ קאַראַהאַד אויף דער ערד, אויפ׳ן גרינעם גראָז.

לעבען די דאַטשניצעס און זייערע טאַנצענדיגע קינדער, אַרום אַ קוסט הויכע גראָז און בוימלאַך, זיינען אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר קליינע הינדלאַך און געפּיקעט מיט זייערע שנאָבלעך.

אַ הינדעל איז אריין אין מיטען קוסט, האָט אַ פּיק געטאָן מיט איהר שאַרפען שנאָבעל אין אַ לעבעדיגע זאַך. די הינדעלע האָט גלייך געזעהן, אַז זי האָט דאָ געמאַכט אַ שרעקליכען טעות, פאַר וועלכען זי קען בעצאָהלען מיט איהר לעבען. זי האָט אַ שפּרונג געטהאָן פון קוסט אַרויס מיט אַ געשריי. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. נאָך איהר איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שלאַנ־געל. פלינק האָט זיך דאָס שלאַנגעל געדרעהט אַרום דער הינדעל׳ס העלזעל. דאָס הינדעל האָט געשריען און די דאַטשניצעס האָבען גענומען חלש׳ן.

אַי, דאָס שלאַנגעל דערשטיקט אַ הינדעלע, אַזאַ שעהנע הינ־דעלע.

דער פאַרמער איז געקומען צולויפען און האָט מיט אַ שטעקעל גענומען שלאָגען דאָס שלאַנגעל. דאָס שלאַנגעל איז אַרונטערגע־שפּרונגען פון דער הינדעל און גלייך האָט מען עס מיט שטיינער דער׳הרג׳עט. די הינדעלע, וואָס איז געביסען געוואָרען פון דעם שלאַנגעל, האָט זיך געדרעהט אַ פינף מינוטען ווי אַ שכור׳ע, איז געפאַלען ניט ווייט פון דעם דער׳הרג׳עטען שלאַנגעל, האָט פער־וואַרפען דאָס קעפּעל און אויסגעגאַנגען אין שרעקליכע יסורים, בעוועגענדיג שווער און לאַנגזאַם מיט איהרע פליגעלעך.

די קליינע קינדער זיינען אַזוי גערירט געוואָרען פון דעם טראַגישען טויט פון דער הינדעלע, דאָס זיי האָבען געוויינט און

האבען דעם גאנצען פארנאכט געווארפען שטיינער אויף דעם טויט־טען צוברעקעלטען שלאנגעל. די פרויען האבען דעם גאנצען פאר־נאכט ניט געקענט אבבאפען דעם אטהעם פון הארץ קלעמעניש און ספאזם.

אז זיי זיינען געקומען צו זיך, האבען זיי ערשט גענומען שיל־דערען איינע פאר די אנדערע, ווי גרויס די טראגעדיע פון דער הינדעל איז געווען, וואסערע יסורים זי האט געהאט און ווי גיפ־טיג א שלאנג איז.

עס האט גענומען טונקלען און פון אלע זייטען האבען זיך גע־צויגען הינער און הענער צום טשיקען קופ. דער פארמער איז ארומגעגאנגען מיט א בליי־פעדער און פאפיער און געפרעגט יע־דע דאטשניצע וואס זי פארלאנג אויף מארגען.

— איי, וועה איז מיר, — זיפצט ארויס מרס. האבערמאן, — ווי די הינדעלע האט זיך עס נעבעך געמוטשעט. ברענגט מיר אויף מארגען צוויי פונט קאלבען פלייש.

— א קלייניגקייט, א שלאנג, — רעדט מיט הארץ מרס. דאבלין, — א שלאנג איז דאך אזוי גיפטיג, אזוי שרעקליך. מיסטער פאר־מער, מיר זאלט איהר שעכטען א דריי־פונטיגע הינדעל. אט, אט די הינדעל וואלט איך וועלען, — צייגט די מיסעס דאבלין אן אויף א ראבע הינדעלע, וואס שפאצירט מיט א נגון אין טשיקען קופ אריין.

מיסעס לענדער'ס קינדער, וועלכע האבען נאך אלץ געשלאגען מיט שטיינער דאס טויטע שלאנגעל, ווייל זיי האט מעהרער ווי אלעמען וועה געטהאן די הערצעלאך אויף דאס הינדעלע, האבען גע־כאפט א יונגען ווייסען הענדעל און האבען זיך צושריען:

— מא, מא, זאל מען פאר אונז אויף מארגען אויסקאכען אט דעם רוסטער'ל. יע, יע מא?

די מאמע, מיסעס לענדער, ביי וועמען דאס הארץ האט נאך געקוועטשט פון די ספאזמס, וואס זי האט געקראגען, ווען דאס שלאנגעל האט געשטיקט די אונשולדיגע הינדעלע, האט געגעבען

אַ בעפעהל צום פּאַרמער, אַז ער זאָל צוליעב טהאָן איהרע קינדער און שעכטען אויף מאָרגען אַט דעם ווייסען הענדעלע.

ווען דער עולם האָט זיך געזעצט עסען סאַפּער, האָבען די גרויסע און די קליינע דאַטשניקעס און דאַטשניצעס נאָר גערעדט וועגען דער שרעקליכער טראַגעדיע. צו יעדען ביס אין די טשיקען־פּאַלקעס, צו יעדען שטיקעל געפילטע העלזעל, וואָס מען האָט אַרונ־טערגעשלונגען, האָט מען אַלץ בעדויערט דעם ביטערען סוף פון דער הינדעלע.

שפּעט אין זומער, ווען דער עולם האָט שוין געהאַלטען ביים פאָהרען אין שטאָדט; ווען מען האָט שוין אויפגעפרעסען אַלעס וואָס האָט נאָר געלעבט אויף דער פאַרם; ווען אין דעם גרויסען טשיקען קופּ, וואו הונדערטער הינער און הענער האָבען געלעבט און געזונגען, זיינען געבליבען בלויז זעקס אַלטע קוואָקטוכעס, האָבען די דאַטשניצעס און דער פּאַרמער מיט דער פּאַרמערקע נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין רעדען וועגען דער פּאַסירונג פון דער אונשולדיגער הינדעלע.

די גרויזאַמקייט פון דאָס שלאַנגעלע, וואָס האָט זיך אַרויפגע־וואָרפען אויף דאָס הינדעלע, ווי די הינדעל האָט נעבעך געשריען און געוואָרפען זיך, דאָס געהט ביי קיינעם ניט אַרויס פון זינען. אין יעדערענס געדאַנק האָט זיך איינגעקריצט די טראַגעדיע פון יענער הינדעלע. מען קען עס קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערגעסען...

נעלי

זי האט געטראגען א מענשליכען נאמען, אבער די הינטישע אבשטאמונג האט איהר לעבען פערביטערט. נעלי האט מען איהר גערופען, די ברונעטע נעלי, וועלכע איז געווען א שעהנע יונגע ציינעל מיט קליינע אויגלאך און ווייסע און שווארצע לאטעם אויף די פיסלאך. זי האט ניט געהאט קיין „פאספארט“ און איהר לעבען איז געווען פערבונדען מיט פיעלע טראגישע און טאקע אויך פאעטישע מאמענטען.

נעלי האט געמוזט לעבען אונלעגאל, ווייל זי האט ניט געהאט קיין הינטישען פאספארט — א בלעכעל אויפ'ן האלז, און די מענשען האבען איהר ניט געוואלט אנערקענען אלס גאט'ס פרייע בראיה אויף דער ערד.

זי האט דוקא געשטאמט פון גרויסען יחוס און איהרע עלטערן האבען געהאט פארפארטען. איהר מוטער איז געווען א „דראטען הארינע“. דאס איז פון דעם בעריהמטען סארט הינט, וואס האבען שפיציגע הערלאך ארום פנים. דער פאטער איז געווען אן אריסטאקראטישער פוקס־הונד, א גלייכער, א העלדישער, ווייסער כלב מיט טונקעלע לאטעם.

די דראטען־הארינע מאמע און דער טאטע, דער פוקס־הונד, האבען זיך געהאדעוועט ביי צוויי שכנים פארמערס צווישען בראנזוויל און קאנארסי. ווי אלע זאטע יחסנים, זיינען די צוויי אריסטאקראטישע פארמערשע הינט ניט געווען קיין אויסערגעוועהנליכע פעהיגע בעשעפעניסען. זיי זיינען אימער געלעגען אויף די ווערענדעס, געמאכט איינע צו די אנדערע הינטישע חנ'דלעך און פון זיי איז געבארען געווארען נעלי, וועמען עס איז בעשערט געווען צו ווערען א אידישער הונט אין בראנזוויל. צוזאמען מיט

נעלי׳ן זיינען געבארען געוואָרען נאָך דריי ברידער און אַ שוועס־טער. די דריי ברידער־הינט זיינען צוטהיילט געוואָרען צו אַרו־מיגע פּאַרמערס; די שוועסטער איז איבערגעפּאָהרען געוואָרען פון אַ וואַגען נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ נאָמען, און נעלי איז אָוועקגעשענקט געוואָרען צו אַ פּעדלער, וואָס האָט געוואוינט אין טשעסטער סטריט. אַ אינגעל פון בריסטאָל סטריט האָט נעלי׳ן גע׳גנב׳עט פון דעם פּעדלער און האָט איהר באַהאַלטען אונטער אַ הילצערנעם גאַניק לעבען אַ קענדי סטאָר.

אַלע אידישע קינדער פון בריסטאָל סטריט, וועלכע זיינען נעבאָך אַזוי זשעדנע אַ הונט, האָבען זיך מתעסק געווען מיט׳ן כלב נעלי. מען האָט נעלי׳ן געגעבען עסען, געגלעטעט און זיך גע־שפּיעלט מיט איהר; געצווינגען איהר פאַר׳ן עק און געריסען פאַר די אויערען און זי האָט שטיל געליטען און שטיל געסקאַוואוטשעט. נעוואשען האָט איהר קיינער ניט און איהרע יחסן׳דיגע דראַט־הערלאָך אַרום מויל זיינען אימער געווען פערמורזשעט און פער־בלאָטיגט און די אידישע טאַטעס און מאַמעס האָבען דערפאַר נעלי׳ן גערופען „אַ פּאַסקודנער הונד“.

דער בעל הבית פון קענדי סטאָר, מר. גלימקין, וואָלט נעלי׳ן זיכער אַוועקגעטריבען פון אונטער׳ן גאַניק, אָדער ער וואָלט איהר גע׳מסור׳ט צו דער פּאָליציי, דאָס זי האָט ניט קיין פּאַספּאָרט. די אינגלאַך פון גאַס זיינען אָבער קאַסטאָמער אין קענדי סטאָר און ער האָט זיי ניט געוואָלט דערצאָרענען. ווייעדער, איז צו־ליעב נעלי׳ן שטענדיג געווען אַ יאַריד אַרום דער קענדי סטאָר. פון אַלע גאַסען זיינען געקומען קינדער צו שפּיעלען זיך מיט׳ן הונד, און די קענדי סטאָר האָט דערווייל געלייזט פּענים.

אין דער פריה, איידער די קליינוואַרג פלעגט זיך בעווייזען אין גאַס, פלעגט זיך נעלי בעהאַלטען אונטער׳ן גאַניק. זי האָט מורא געהאַט פאַר די עלטערע מענשען. זי האָט געוואוסט, אַז מען האָט איהר ניט ליעב; זי האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף זיך היטען, ווייל זי איז אָהן אַ היים, אָהן אַ בעל־הבית און אָהן וואָהן־רעכט.

איין מאל האט א פארבייגעהענדער גלעזער א קלאפ געטהאן נעלי'ן מיט א יארד סטיק. נעלי האט זיך פערגעסען אן איהר לאגע. אין איהר האט אויפגעפלאמט דער געבארענער יחוס. דאס בלוט פון דעם דראט־הונט און פוקס הונט האט אין איהר אויפ־געקאכט און זי האט דעם גלעזער אבגעריסען א פאלע. דאן האט זיך אין גאס געטהאן מעשים. נעלי איז געזעסען פארשטעקט אונטער'ן גאניק און האט אלעם געהערט און געפיהלט, וואס מען וויל מיט איהר טהאן. מען האט גערעדט וועגען דעם וואגען, וואס כאפט אריין הינט. מען האט גערעדט וועגען א פאליסמאן און שטעקענס האבען זיך גערוקט אונטער'ן גאניק. אבער זי האט געשוויגען אום ניט אויפצורייצען די בלוט־דורשטיגע מענשען. דער קענדי סטאר קיפער, גלימקין, האט זיך אביסעל אנגענומען פאר איהר. די קינדער זיינען געקומען פון סקוהל, האבען פער־טריבען דעם גלעזער און נעלי איז דאן געראטעוועט געווארען. עס איז אריבער גלאט.

אין נעלי'ן האט אימער געטליעט דאס אריסטאקראטיש־שטאל־צע בלוט פון איהרע עלטערען, אבוואהל זי איז געוועזען פערמור־זשעט אין בלאטע און אין ארימקייט. איהר יחסון־דיגער דראט־האריגער מויל האט פאר די בריסטאל סטריט אידען געמאכט דעם איינדרוק פון א ביליגען הונט. אבער דאס איז דערפאר, וואס די אידען זיינען ניט קיינע מבינים אויף אן אמת'ען הונט. מען האט נעלי'ן ניט פארשטאנען. זי איז אריינגעפאלען צווישען מענ־שען, וועלכע זיינען הונט־ניט־בעוואוסטזיניגע, און דערפאר פלעגט זי אפט אריינפאלען אין „טראבעל“. זי פלעגט זיך פארגעסען אויף איהר בירגערלאזער, בעטלערישער לאגע; דאס קאפריזנע בלוט פון איהר אפשטאמונג פלעגט אויפקאכען און זי פלעגט אנ־פאלען אויף א דורכפאהרענדען וואגען. זי פלעגט זיך אפילו באלד כאפען, דאס זי שפיעלט זיך מיט פייער און פלעגט אנטלויפען אונטער'ן גאניק. די דרייווערס האבען געוואוסט אז נעלי איז א טרעמפ און מאנכע פלעגען ניט זיין פויל ארונטערצוגעהן פון וואַ־גען און אריינכוואסטשען מיט'ן בייטש אונטער'ן גאניק.

גלימקין פלעגט דאַן ארויסגעהן, און אום אפצוטרייסלען זיך אלס בעל הבית פון הונט, פלעגט ער זאגען צום דרייווער:

— גיב איהר, דער פאדלע, גיב איהר.

דער דרייווער פלעגט צולעגען נאך א פאר שמיץ אונטער'ן נאַניק אַריין

די קינדער האבען שטארק דאקוטשעט דעם הונט. פאר יעדען שטיקעל ברויט מיט פוטער וואס א קינד פלעגט נעלי'ן צוּווארפען, האט מען איהר אויסגעמוטשעט מיט רייטען אויף איהר, שלעפען איהר פאר'ן עק און פאר די אויערען. נעלי פלעגט פערשווייגען און ליידען אין דער שטיל. וואס האט זי געקענט העלפען? די ביטערע פרנסה, אלץ פאר'ן שטיקעל ברויט. אויך גלימקין, דער קענדי־סטאר־קיפער, האט זיך אנגעליטען גענוג פון די קינדער און פערשווייגען, ווייל ס'איז זיין פרנסה אזא; ער דארף מאכען א לעבען פון קליינע קאסטומערלאך.

אין א רעגענדיגען טאג, ווען די עלטערע קינדער זיינען געווען אין סקוהל און די קלענערע חברה־לייט האבען זיך געשפיעלט אין די הייזער, פלעגט דאן ווערען א נאהענטע פריינדשאפט צווישען גלימקינען און נעלי'ן.

דער מענש און דער הונט רוהען זיך אביסעל אפ פון די קליינע דאקוטשנע חברה. דער ארימער מענש און דער ארימער הונט פארשטעהען זיך דאן איינע די אנדערע און זיי לעבען בשלום.

נעלי שפאציערט אריין אין קענדי סטאר צוערשט מיט שרעקענדיגע טריט און טרייסעלט פון זיך אפ די נאסע פעל. גלימקין גיט אויף איהר א קוק בייז אבער היימליך און זאגט:

— האסט שוין ניט געפונען קיין אנדער ארט, וואו אבצוטרייסלען דיין פארשיווע פעל, ווי נאר אין סטאר? דערביי גיט ער איהר א פריינדליכען שמייז מיט א האנדטוך. נעלי בויגט אונטער איהרע פיס, אלס א סימן פון געטריישאפט און שלום. און גיט א ניס מיט איהרע וואנצעלעך. זי גיט א קוק רחמנות'דיג צום דרויסען, וואו עס כליאפעט דער רעגען און גלימקין פער־

שטעהט עס, וואס זי האט איהם דא געוואלט זאגען. ער ווארפט איהר צו א שטיקעל פערקיהלטע פלייש, אביסעל זופ אין א צובראָ־כענער טעלער און נעלי ווייסט שוין, אז דער בייזער מענש האט איהר פערשטאנען און סימפאטיזירט מיט איהר.

יעדען מאָל, וואס גלימקין גיט איהר מיט עפּעס איבער׳ן רו־קען, נעהמט זי אן אלס א קאמפּלימענט, ווייל אזוי מסתמא בעגריי־סען זיך די מענשען ווען זיי זיינען פריינדליך. זי לעקט ארום די זופּ פון דעם צובראָכענעם טעלער, בריזגעט גאנץ פריי מיט איהר נאז און וואנצעלאַר, קוקט ליעבליך גלימקינ׳ען אין די אויגען אריין און אויס דאנקבארקייט לעקט זי ארום די הענטלאך און די ברודיגע פּנים־לאך פון גלימקין׳ס קינדערלאך און לאזט זיך שלעפען און רייסען פאר׳ן עק, וויפיעל יעדעם קינד גלוסט זיך נאר. אין א רעגענדיגען טאג איז גלימקין פריי פון פרעמדע קינדער און גיט זיך אפּ מיט זיינע אייגענע. און נעלי איז פריי פון די גאסען־אינגלאך און גיט א „טריט" איהר בעל־אכסניה׳ס קונדסים.

דאס רוב אבער פלעגט גלימקין זוכען צו דערוויטערען זיך פון דעם הונט. נעלי האט איהם ניט באשולדיגט דערפאר, זי האט פיעלע מאָל אליין געזעהן, ווי די אידען, די שכנים פון דער גאס, מוסר׳ן גלימקינ׳ען פאר איינגאַרזשען א הונט אין א אידישער הויז.

ווען די אידען פלעגען שטראפען גלימקינ׳ען פאר׳ן הונט, פלעגט נעלי שטעהן א פערטראכטע, א פער׳חלום׳טע, פול מיט געפיהל צו איהר שותף אין די „קענדי ביזנעס". זי האט געוואָלט מיט עפּעס ארויסהעלפען איהם. ווען זי וואָלט געקענט רעדען, וואָלט זי זיך שוין אויסגע׳טענה׳עט. זי וואָלט אלע בריסטאָל סטריט׳ער אידען ערקלעהרט און אויפגעוויזען, אז זי שטאמט פון גרויסען יחוס, אז זי האט אמאָל אויך א היים געהאט און א בכבוד׳ע טאטע־מאמע. זי איז יעצט נעבאך פארטריבען, אהן א היים, אהן א לאנד און אהן א פּאספּארט. צו איהרע אידישע שכנים וואָל־

טען אַזעלכע רייד זיכער אַפּעלירען... נעלי האָט אָבער ניט געקענט רעדען און מען האָט איהר ניט פערשטאַנען.

גלימקין פלעגט איינשטימען מיט זיינע מוסר־זאָגער און ער פלעגט אַרונטערכאַפּען זיין היטעל פון קאָפּ און געבען נעלי'ן אַ שמייץ איבער'ן רוקען. נעלי פלעגט אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק, מיט אַן אַרונטערגעלאָזענער קאָפּ און מיט די אויגען קוקען פריינדליך אַהינטער צו גלימקינ׳ען. זי האָט דאָך געוואוסט אַז דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל פון איהר בעל־אכסניה. אין דער אמת'ן איז ער דאָך מיט איהר אין אחדות.

אַמאָל פלעגט נעלי'ן דערעסען ווערען דאָס שטילע, איינגע־האַלטענע לעבען; זי איז דאָך אַזוי יונג געווען. ביינאַכט פלעגט זי בורטשען שטיל און ביז אונטער'ן גאַניק. איהר שטורעמדיגע נשמה פון דער דראַט־האָריגער מוטער און ענגלישען פוקס־הונטי־גען פאָטער האָט זיך געריסען צו טהעטיגקייט, צו פּראָטעסט און צו ווילדע פרעהליכע טהאַטען. זי האָט עס אָבער אַלעס געמוזט דערשטיקען אין זיך צוליעב איהר לאַגע אַלס פּאַראַזימטע בעשע־פענים און וואַגאַבונד. און דאָ פלעגט זי זעהן אידען מיט גרויסע און קליינע בערד, אידען מיט קאָמישע געבויגענע פּלייצעס, ווייבער מיט פאַטשיילעס און ברענדזשעס, אויף וועמען עס האָט זיך געבעטען צו אָנפאַלען און שלעפּען די פאָלעס און פרענדזלאָך. זי האָט עס אָבער ניט געטאָרט טהאָן.

פאַר די דרייווערס האָט זי אויך מורא געהאַט, און זי האָט זיך פערנומען צו אָנפאַלען אויף די פוהרען הינטערען שטאָדט. זי פלעגט בעגלייטען אַ וואַגען ביז ער איז געווען אַרויס אויף די לעהדיגע פעלדער צו קאַנאַרסי און דאָרטען פערפיהרט אַ מלחמה מיט'ן פערד און מיט'ן דרייווער. זי פלעגט בילען און שפּרינגען דעם פערד אין פנים אַריין, אַמאָל אַריינגעכאַפּט די בייטש פון'ם דרייוועַר אין איהרע יונגע שטאַרקע צייהנער און זי פלעגט דאַן ווערען ווילד, אַזש ווייסע שוים האָט געפּיענט פון איהר מויל.

זי פלעגט פערלאָזען דעם וואַגען, זיך שטעלען פון ווייטען און נאָכגעשיקט אַ „געראַכטע" בילעריי צום דרייווער און פלעגט זיך

צוריקקעהרען צו איהר אכסניה. זי פלעגט זיך לעגען ביים גאניק מיט איהרע ווייסע לאפּקעס ארוים, קוקען מוטהיג אין דער וויי־טער וועלט אריין און סאָפּען מיט הנאה, ווי איינער וואָס ענדיגט נאָר וואָס א שווערע, נוצליכע און צופריעדענשטעלענדע ארבייט.

אזוי האט נעלי געפיהרט א דאַבעלטען לעבען. אין די זומער מאָנאטען אונטער'ן שטאָרט פלעגט זי אַנפּאַלען אויף די עקס־פּרעסען און איז געווען די היציגע קאַפּריזנע אריסטאָקראַטקע פון א בעריהמטע הינטישע פאַמיליע. אין בריסטאָל סטריט איז זי געווען די שטילע אידישע צייגעל, פון וועמען מען האט קיין פּאָרע נט געטאָרט הערען.

ענדע זומער, ווען די זונען שטראַהלען זיינען געוואָרען שוואַ־כער און די נעכט קעלטער, האט נעלי גענומען בענקען. זי האָט אליין ניט געוואוסט נאָך וואָס, אבער א בענקשאַפט האט זיך צוגאָסען אין איהר הינטישער האַרץ. איהרע אויגען האָבען גע־נומען גלימצערען מיט אַ אומעט און בייזקייט און זי האָט זיך קוים, קוים איינגעהאַלטען ניט צו באַפאַלען אימיצען אין גאָס. אין א רוהיגען קיהלען טאָג, ווען גלימקין איז צוגעלאָזען, געהט זי צו און נעהמט אריין זיין האַנד אין איהר מויל. זי שטעכט אריין שוואַך, שטיל איהרע צייהנער אין זיינע פינגער און אָט נאָר וואָס זי גיט איהם א שטאַרקען ביס. זי האַלט זיך אָבער איין און מאַכט עס אַזוי איינדרוקספאָל, אז דאָס זאָל אויסזעהן מיט ליעבע און טרייהייט. גלימקין גיט איהר דאַן א פּאַטש איבער'ן פּיסק און זי פערקריכט שטיל אונטער'ן גאַניק.

פון בענקשאַפט האָט זי גענומען סקאַוואָטשען אין דער שטיל אונטער'ן גאַניק. זי האָט ווענינער געגעסען און וועניגער געוויזען זיך בייטאָג אין גאָס.

איהר בענקשאַפט און אומעט האָט אָנגעהאַלטען ביז עס האָבען זיך גענומען קלייבען הינט ארום איהר גאַניק אַלע נאַכט. פון אַלע ארומיגע גאַסען זיינען געקומען די הינט, ווי נאָר אין

די הייזער אין פינסטער געוואָרען און די לבנה האָט זיך בעווי־זען אויף דעם טיעפען בלויען סעפּטעמבער הימעל.

וואָס אַ נאַכט זיינען אָנגעקומען מעהרערע און מעהרער הינט. מאַנכע הינט זיינען געווען וואַגאַבונדען, אַזוי ווי נעלי, מאַנכע זיי־נען געווען בעל הבית׳ישע הינט מיט בלעכלאַך אויף די העלזער, אָבער קיינער איז ניט געווען פון אַזאַ געבאָרענעם יחוס ווי זי, די פריילײַן נעלי. יעדער הינטישער קאַוואַליער האָט געמאַכט זיין חן׳דעל פאַר נעלי׳ן און זי, די יחסון׳דיגע מיידעל, האָט געהאַלטען פאַר נויטיג ניט צו זאָגען איהר וואָרט, ניט צו געבען איהר צו־שטימונג און ליעבע צו אירגענד וועמען. זי האָט זיך מיישב גע־ווען און איז „אויסגעגאַנגען" מיט איהרע „פעלאָוס", ווי מענשען זאָגען אויף פערליעבטע.

די הינטישע קאַוואַליערען זיינען געוואָרען אונגעדולדיג און יעדע נאַכט האָבען צוויי הינט זיך דועלירט פאַר נעלי׳ן. מען האָט זיך געביסען, געריסען, געבולען און געוואַלגערט זיך אויף דער ערד אין ביטערע קעמפפע פאַר בעזיצען נעלי׳ן.

די מענשען האָבען ניט געקענט ליידען דעם הינטישען טו־מעל. די שפּעטיגע מענשליכע דאַמען און הערען, וואָס שטעהען אין די פינסטערע קאָרידאָרען, האָבען געליטען פון דעם הינטי־שען טאַראַראַם און מען האָט נעליין מיט איהר קאָמפּאַניע „יונגע־לייט" פערוואָרפען מיט שטיינער. דערצו פלעגט נאָך גלימקין אַרויסכאַפּען זיך מיט אַ שטעקען און איבערגעשלאָגען אימיצען אַ פוס, און נעלי האָט גענומען „אויסגעהן" מיט איהר קאָמפּאַ־ניע ווייט אַוועק פון גאַניק.

אַ פּאָר בלאָק וויי‍טער ענדיגט זיך אין גאַנצען בריסטאָל סטריט און עס פאַנגט זיך אָן אַ לעהרע פעלד און אויך ניט ווייט איז אַ קליין וועלדעל פון געדיכטע בוימער. אַהין צום וועלדעל פלעגט זיך נעלי לאָזען לויפען אין דער לבנה־נאַכט און נאָך איהר אַלע הינט.

בייטאָג האָט נעלי געקראָגען קלעפּ פאַר איהרע ביינאַכטיגע הוליאַנקעס. מאַנכע נאַרישע הינט, דוקא מיט בלעכלאַך אויף

די העלזער, פון וועמען נעלי האט ווייניג געהאלטען און וועמען זי האט נאך פון בעפאר ווייניג האפנונגען געגעבען, פלעגען קומען גאנץ פריה צו דאקוטשען מיט זייער שרכנ'ען זיך. דיעזע נארישע הינט פלעגען קומען באלד ווי די זון פלעגט פארגעהן, ווען די גאס איז פול געווען מיט מענשען.

ווי בולוואנעס מיט נארישע פערליעבטע וואסערדיגע אויגען פלעגען זיי זיך אויסשטעלען ארום גאניק, מיט אויסגעשטרעקטע קעפ צו דער ערשט אויפגעהענדער בלאסער לבנה, און קוקען גלאט אין דער וועלט אריין; געווארט, געוואלט פארכאפען א „טשאנס" פאר פריה.

נעלי פלעגט זיצען אונטער'ן גאניק און ניט ארויסגעהן צו זיי. זי האט מורא געהאט פאר די מענשען. זי האט געוואוסט, אז מען איז געגען איהר אויפגערעגט דא אויף'ן בלאק. זי האט דאך געלעבט צווישען די מענשען; זי האט דאך געדארפט ווייזען איהר פנים יעדען טאג. און ווידער האט נעלי פיינט געהאט אט דיעזע הינט, וועלכע פלעגען קומען פריה; און ווען גלימקין האט זיך אמאל ארויסגעכאפט מיט א בעזים אדער מיט א טאפ הייסע וואסער און פערבריהט א זייט אימיצען פון די נארישע פערליעבטע הינט, האט מען געקענט דערקענען ווי נעלי'ן טהוט עס הנאה. זי האט ארויסגעקוקט פון אונטער'ן גאניק מיט גלאנציגע אויגלאך, געשמירט מיט איהר ווייסע לאפקע איבער איהר טונקעלען ברוינעם פנים, וואס דאס מוז מסתמא בעדייטען א הינטיש־קאקעטישער געלעכטער.

צוליעב די הינט האט זיך אויפגעהויבען א בעוועגונג געגען נעלי'ן. די גאנצע גאס האט געוואלט פון איהר פטור ווערען. גלימקין האט זיך אויך פעראייניגט געגען דעם הונט, און מען האט איהר טאקע געוואלט פערראטהען צ א פאליסמאן. דאס האט געזאלט געשעהן איז א געוויסען פריה־מארגען. אבער נעלי'ן האט דא געשפיעלט דער מזל. זי האט זיך אויסגעצייכענט מיט אזוינס, וואס האט איהר בעריהמט געמאכט צווישען אלע איהרע מענשליכע שונאים.

דאָס האָט פּאַסירט דריי אַ זייגער פּאַרטאָג, נאָך איהר שפּאַציער מיט איהרע קאַוואַליערען אין דעם קאַרנאַרסי וועלדעל.

נעלי איז פערקראָכען אונטער'ן גאַניק, האָט שוין גענומען דרעמלען, און פּלוצלינג האָט זי דערשפּירט אַ רויך. זי האָט זיך שנעל ארויסגעכאַפּט פון איהר נאָרע, האָט ארומגעשמעקט די הויז און גענומען בילען. זי האָט זיך אָבגעשטעלט ביים טהיר, אַריינגעשטעקט דעם נאָז צום קליאַמקע, געדראַפּעט זיך אויף די פענסטער און געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע פיסלאַך אין די שויבען. זי האָט געזעהן דורכ'ן פענסטער, ווי גלימקין דראַפּעט זיך אַרום די ווענד; ער וויל געהן צום טהיר און פאַלט. דער רויך אין הויז ווערט גרעסער און שטיקענדער און נעלי האָט זיך שטאַרק צובולען, אויסשטרעקענדיג איהר קאָפּ צו די אַנטקעגענדיגע הייזער. אימיצער האָט אָן עפּען געטאָהן אַ פענסטער און מיט אַ שטיק האָלץ געוואָרפען נעלי'ן און געטראָפען איהר אין זייט. נעלי איז ניט אַנטלאָפען; זי האָט געבולען, גערופען צו הילף אין דעם גרויסען געפאַהר און געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע פיסלאַך אין די טיהרען פון דערבייאיגע הייזער. נאָך אַ פענסטער האָט זיך ערגעץ געעפענט און מען האָט באַמערקט ווי דער רויך שפּאַרט ארויס פון גלימקין'ס סטאָר. עס איז געוואָרען אַ טומעל אין גאַס. מענשען האָבען זיך אַרונטערגעכאַפּט פון די געלעגערס. מען האָט געראַטעוועט גלימקינ'ען מיט זיין פאַמיליע און די שכנים פון דעם אויבערשטען שטאָק. פייערלייטע זיינען אָנגעקומען. דער פייער איז שנעל איינגעלאָשען געוואָרען און נעלי איז געשטאַנען שטיל פון וויטען און האָט געקוקט.

אויף מאָרגען האָבען אַלע גערעדט וועגען נעלי'ן. יעדער האָט איהר געגלעט און בעוואונדערט איהר שכל. גלימקין און די שכנים פון דעם אויבערשטען שטאָק האָבען נעלי'ן געגעבען עסען פון כל טוב. דאָס האָט איהר זייער געשמייכעלט; זי האָט געדרעהט קאָקעטיש מיט'ן עק און דאָט זיך מיט די קליינע קינדער גאָר ניט פערנומען יענעם טאָג. אַ קליין קינד האָט זי געשענקט אַ לעק פּאַר אַ הענטעלע אָדער דאָס פּנים'ל, און שוין, נעלי איז

געוועז די העלדיז צווישעז די ערוואקסענע מענשעז, וועלכע האָ־בעז איהר קיינמאָל ניט געוואָלט שענקעז אַז ערנסטעז בליק.

איז אייניגע טעג ארום האבעז די מענשעז פארגעסעז דעם הונט'ס העלדענטהאט, ווי זיי פאַרגעסעז שנעל מענשליכע העל־דענטהאטעז, און מעז האט איהר ווידער פערפאַלגט. גלימקיז האט אבער אלץ געפיהלט אַ דאַנקבאַרקייט צו נעלי'ן און איז צו איהר געוועז ליעבליך. נעלי'ן איז שוין אבער בעסער געפעלעז געוואָרעז די פעלדער און דער קאַנאַרסי וועלדעל און די זילבערנע לבנה נעכט.

פון אלע איהרע הינטישע קאַוואַליערעז, צווישעז וועלכע עס האבעז זיך געפונעז אַ פּאַר בול־דאָגס; אַ פּאַר פיין בעוואַקסענע הינט מיט שעהנע האָר, ווי לייבעז; פּודליקעס און סתם העל־דישע כלבים, האט זי דוקא אויסגעקליבעז אַז אומעטיגעז טרעמפּ און איהם ערקלעהרט אלס איהר באַשערטעז.

דער אויסגעוועהלטער האט געהייסעז דזשאָו און איז אויך געוועז אַז אומגליקליכער אריסטאַקראַט. זיינע אורעלטערעז זיי־נעז געוועז בעריהמטע יאַגד־הינט. ער, דזשאָו אליין, האט גדריענט אלס פראַסטער הונט אַרום אַז אַלטע איטאַליענישע הילצערנע היי־זעל, וואָס איז געשטאַנעז ווייט אוועק אויף די לעהרע פעלדער. דער איטאַליענער האט אימער גערעדט וועגעז דזשאָו'ס אריסטאַ־קראַטישעז אָפּשטאַמונג, אבער פון דזשאָו'ס פּנים איז שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרעז יעדער פיינער שטריך. פון זיין יאַגד־הינ־טישעז יחוס זיינעז איהם בלויז פאַרבליבעז די דאַרע ביינערדיגע זייטעז, די דינע פיס און דער לאַנגער שמאָלער פּנים. ער איז איז גאַנצעז פערווילדעוועט געוואָרעז. זיין טאַטע־מאַמע זיינעז שוין גע־וועז טרעמפּס און האבעז ניט געהאט קיינע געזעצליכע בעלי־הבתים. דזשאָו איז גאָר אַמאָל געוועז אַ ווייסער הונט און נאַכהער איז ער געוואָרעז פון אַז אונבאַשטימטעז קאָליר. אימער איז ער געוועז פערכמורעט אַז פערזויערט, זיינע אויגעז מוטנע און פאַרטרעהר־טע. איז דער כאַליאַסטרע הינט איז דזשאָו געוועז ווי אַ זייטיגער צושויער. ער האט ניט געוואָגט צו געהן נאָהענט אַרם דער קע־

ניגען נעלי. אהן מוטה, ווי אַן אורח, איז ער נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם עק און איז שטענדיג געווען גרייט צו אַנטלויפען, ווען אַ קאָנקורענט זאָל נאָר אַ שצירע טהאָן צו איהם די צייהנער. אָט אין דיעזען דערשלאָגענעם געבאַד, אין דעם גע־בוירענעם טרעמפּ, האָט נעלי דערזעהן אַ סך מעלות. אפשר זיין היסטאָרישען יחוס, און האָט איהם אויסערוועהלט אַלס איהר נעליעבטען. מענשען וואָלטען זאָגען, דאָס זי האָט עס געטהאָן אום אויסצולאַכען די גרויס־האַלטער, די „סנאָבס“ מיט די קודלאַטע קעפּ.

דעם גאַנצען מאָנאַט אָקטאָבער האָט נעלי ראָמאַנסירט מיט דזשאָו׳ן. גאַנצע נעכט איז זי מיט איהם ארומגעלאָפען אויף די לעערע פעלדער און דעם קליינעם וועלדעל און האָט איהם גע־לערענט בילען אויף דער לבנה.

אין די שטייפע אָקטאָבער נעכט, אונטער דעם ברייטען בלויען לבנה הימעל, וואו ניט וואו בעפּוצט מיט אַ ווייסען וואָל־קענדעל, האָט זיך נעלי דערפיהלט אַזוי ראָמאַנטיש, מוטהיג און צופריעדען. דאָס אַריסטאָקראַטישע בלוט האָט זיך אין איהר ווידער אַמאָל אָבגערופען. און איהרע אויגען האָבען געקוקט ווייט, ווייט אין דער טיעפער בלויער ליכטיגער נאַכט אריין.

אַ וואָלקענדעל שווימט אַרויף אויף דער לבנה; נעלי שמֶרעקט אוים איהר קאָפּ אַרויף צום הימעל און דזשאָו טהוט איהר גלייך נאָך. ווען די לבנה קריכט ווידער אַרויס פון אונטער׳ן וואָלקענ־דעל, צובילט זיך נעלי הילכיג אין טרעלען אַז דזשאָו בעגלייט איהר אויף זיין באַסאָווער שטימע. עס איז זיי גוט, זיי זינגען אַ דועט אין פרייען פעלד, אין ווילדען וואַלד אַליין.

ווען נעלי וואָלט ניט געהאַט איהר הינטישע נאַטור פון זיין צוגעבונדען צו מענשען, וואָלט זי פערבליבען דאָ אין וועלדעל און אין די פּוסטע ניט פערזעעטע פעלדער. איין מאָל האָט זי דאָ שיער, שיער געכאַפּט אַ וועווערקע, נאָר דער נאַרישער חתן־בחור דזשו האָט איהר געוואָלט העלפען און די וועווערקע איז אין דעם אויגענבליק פערשוואונדען אויף אַ בוים.

צו זומער צו איז נעלי געלעגן געוואָרען אונטען גלימקינ׳ס גאַניק מיט פינף קליינע הינטעלעך: צוויי טונקעלע מיט ווייסע פלעקען, צוויי ווייסע מיט טונקעלע פלעקען און איינער אַ ווייסער מיט אַ שוואַרצע לאַטע אויפ׳ן קעפּעל.

ווי דער שטייגער אַ נערוועזע קינפּעטאָרין, איז נעלי געוואָרען אויסערגעוועהנליך בייז. גראָדע דאַן האָבען די קינדער פון גאַס איהר געגומען שטאַרק דערקוטשען. זיי האָבען צו איהר ניט געקענט צוקומען, ווייל זי איז געלעגן ווייט אונטער׳ן גאַניק איבער איהרע פינף קליינע בייבעלאַך. די ווייסע חברה׳ניקעס האָבען איהר געטאָרעט מיט שטעקענס, געוואָרפען שטיינער און נעלי האָט געשצירעט די צייהנער און געבורטשעט.

אַ שטיפּערעל האָט איינמאָל דערזעהן ווען נעלי איז אַרויס פון אונטער׳ן גאַניק, איז ער אַרונטערגעקראָכען און אַרויסגעשלעפּט דעם ווייסען הינטעלע, וועלכער האָט די שוואַרצע לאַטע אויפ׳ן קעפּעל. נעלי איז אָנגעקומען, ווען דער אינגעל איז אַוועק מיט איהר קינד. די בייזע מוטער האָט אויפגעפלאַמט פון רציחה, אַ יאָג געטהאָן זיך נאָך דעם אינגעל, אָבגעריסען איהם אַ קאַלאַשע, געכאַפּט איהר קינד מיט׳ן מויל פאַר׳ן פעלכעל ביים קאַרק און אַנטלאָפען אונטער׳ן גאַניק. דער אינגעל האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און מיט בעגומענע קולות געלאָפען אַהיים צו זיין מאַמען.

אין גאַס איז געוואָרען אַ טומעל. אַלע זיינען אויפגעצונדען געוואָרען געגען נעלי׳ן, און מען האָט זיך אָרגאַניזירט פּטור צו ווערען פון דעם הונט.

אַרום גלימקין׳ס גאַניק איז געוואָרען אַ רעדעל פרויען, מענער און קינדער. די מוטער האָט געהאַלטען פאַר אַ האַנד איהר צושראָקענעם אינגעל מיט דער אָבגעריסענער קאַלאָשע און נעלי איז געלעגן ווייט אונטער׳ן גאַניק איינגעטוליעט צו איהרע הינטעלאַך און האָט מיט פייגע אויף איהר מויל געשצירעט איהרע בייזע צייהנער. זי האָט געהערט דעם טומעל אַרום איהר; זי האָט פערשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע. דאָס וועט זיין

אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט. זי מוז דעם קאַמפּף אויפנעה־מען, זי איז אַ מאַמע, זי דאַרף בעשיצען איהרע „עופה׳לאך".

די מענשליכע מאַמע מיט איהר בלאַסען צושראָקענעם אינ־געלע איז געשטאַנען די נאָהענטסטע צום גאַניק און האָט מיט כעס און קללות אַריינגעקוקט צו דער צויג. אונטער׳ן גאַניק האָט די צויג געדריקט איהרע הינטישע קינדער און מיט גיפט און צאָרן געבורטשעט צו די מענשען אַרוים.

— גיט מיר אַ שטעקען, — האָט די מענשליכע מאַמע גע־שריען, — איך וועל דעם הונט דער׳הרג׳ענען.

פון אונטער׳ן גאַניק האָט נעלי אָבגעענטפערט:

— וורררררר, ראו!

גלימקין האָט אַרויסגעטראָגען אַ שטעקען און די פרוי האָט מיט׳ן שטעקען גענומען קלאַפּען אונטע׳ן גאַניק. ווען דער שטע־קען האָט זיך פערטשעפּעט אַן עפּעס אַ ווייכע זאַך און עס האָט זיך דערהערט אַ פּישצען פון אַ קליין הינטעל, האָט זיך נעלי אַ וואַרף געטהאָן צו דער פרוי און אַנגעכאַפּט איהר שפּיץ שוך אין די צייהנער. נעלי׳ס פּנים איז געווען אַזוי ווילד, די אויגען אַזוי פערלאָפען מיט אַ געדיכטער גלאַנציגקייט, אַזש גלימקין האָט ניט דערקענט די אימער שטילע, געהאָרכזאַמע צויג. גלימ־קין האָט זיך צוגעאיילט און נעלי׳ן געגעבען אַ שטאַרקען זעץ מיט דעם אייזערנעם שליסעל פון די סאַדאַ וואַסער קאַנען. נעלי האָט אַרויסגעלאָזען אַ געשריי פול מיט וועהטאָג און ווילדקייט און איז שנעל אַנטלאָפען צו איהרע הינטעלאַך, וועלכע האָבען פון קיין זאַך ניט געוואוסט און האָבען זיך ליעבליך גענומען צו דער ברוסט.

די גאַנצע גאַס האָט זיך שוין אַנגעטהאָן אין גלימקינ׳ען פאַר׳ן בייזען הונט. און גלימקין האָט שוין געבראַכט אַ פּאָליסמאַן צו איבערגעבען נעלי׳ן אין די הענד פון גערעכטיגקייט.

דער פּאָליסמאַן האָט פאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג פון דעם גאַניק, וואו נעלי איז געלעגען איבער איהרע קינדער, האָט אויפ־געריסען אַ פּאָר ברעטער פון דעם גאַניק, וואו מען האָט געקענט

דערגרייכען מיט׳ן האנד, האט פערוואָרפען אַ שטריק איבער נע־לי׳ס האלז און האט איהר ארויסגעשלעפּט אויפ׳ן מיטען גאַס.

דער פּאָליסמאַן האט געשלעפּט נעלי׳ן און זי האט געקוקט מיט צאָרן און אויסגעגלאָצטע אויגען אויפ׳ן פּערטיידיגער פון די מענשען. זי האט פערשטאַנען, אַז דער פּאָליציאַנט איז פּאַרטייאיש צו זיינע. זי וועט שוין קיין עהרליכען משפט ניט קריגען. דער פּאָליסמאַן האט בעקוקט די צוויג און דערזעהן, אַז אַ פוס איז ביי איהר איבערגעבראָכען.

די קינדער פון גאַס האָבען זיך דערוויילע צוטהיילט מיט די הינטעלאַך. יעדער האט אוועקגעשלעפּט אַ שעהן הינטעלע און נעלי האט געדרעהט איהר קאָפּ אין קאַנוואולסיעס און געקוקט אין אַלע זייטען, ווי מען צושלעפּט איהרע קינדער.

צוויי אינגלאַך מיט הינטלאַך אין די הענד האָבען זיך אוועק־געשטעלט לעבען דער צוויג צו זעהן וואָס דער פּאָליסמאַן וועט דאָ טהאָן. דער פּאָליסמאַן האט מעשה דאָקטאָר אָנגענומען נע־לי׳ס צובראָכענע פיסעל און האט ארויסגערעדט ווי אַ שטרענגער פּראָפעסאָר:

— ענטייערלי בראָקען.

ער האט אַרויסגעצויגען זיין רעוואָלווער פון קעשענע, אויפ־געהויבען נעלי׳ן פאַר׳ן שטריקעל און געציעלט גלייך אין איהר שטערען.

נעלי׳ן האט דאָס שטריקעל געוואָרגען. וואָס העכער דער פּאָליסמאַן האט געצויגען דאָס שטריקעל, אַלץ מעהרער האָבען איהר די אויגען פון קאָפּ ארויסגעשפּאַרט. זי האט געקוקט מיט שרעק אין דער לאָך פון׳ם רעוואָלווער, וואָס איז אָנגעשטעלט צו איהר קאָפּ, האט געכאַפּט אַ קוק אַן דער זייט, וואו די צוויי אינגלאַך האַלטען איהרע הינטעלאַך און מיט געבעט אריינגע־קוקט שטאַרק, שטאַרק דעם פּאָליסמאַן אין פּנים אריין. עס האט זיך אָפּגעדרוקט, אַז באַלד, באַלד וועט זי ארויסרעדען:

— זעה, גזלן, האָב כאָטש מיטלייד אויף מיינע קליינע קינדער, זיי בלייבען דאָך יתומים.

עס האַט זיך דערהערט אַ שאָס. נעלי האַט אַ טרייסעל גע־טהאָן איהר קעפּעל און אַ צווייטער שאָס איז געקומען. דאַן האַט דער פּאָליסמאַן איינגעלאָזען דאָס שטריקעל און נעלי איז גע־בליבען ליגען אין גאַס, ביים טראָטואַר, אין אַ טייך בלוט.

דער פּאָליסמאַן האַט פּראָפעסיאָנאַל אריינגעלעגט זיין רע־וואָלווער אין קעשענע און אַוועקגעשפּאַנט רוהיג, העלדיש איבער דער גאַס.

גלימקין און עטליכע אינגלאַך זיינען געשטאַנען לעבען נע־לי'ס טויטען קערפּער און האָבען לאַנג, לאַנג געקוקט אויף איהרע אויסגעצויגענע פיס מיט די ווייסע לאַטעס און אויף איהרע גע־שלאָסענע מיט בלוט פערגאָסענע אויגען.

ווהייטי

מיר האבען זיך שנעל צוגעוואהנט צו דער קריסטליכער פאמיליע בראון, און זייער פארם איז געווארען אונזער צווייטע היים.

עס איז שוין יאהרען ווי מיר פארהען אלע זומער צו די בראונס. פאר אונזערע אויגען איז פון זייער בייבי געווארען דער גרויסער בחור דזשאהן, וועלכער איז איצטער דער גאנצער פארמער. פאר זייערע אויגען זיינען אונזערע קינדער געבארען געווארען, אופיגעוואקסען. מיר רעכענען זיך שוין מיט די בראונס פאר איין משפחה. די קינדער רופען מרס. בראון טאנטע, און שרייבען זיך דורך א גאנצען יאהר מיט דזשאהנ'ען, וועלכער איז א הויך־געוויקסיגע, ליעבליכע אכטצעהן־יעהריגע בייבי.

בעקענט האבען מיר זיך צופעליג, ווען איך און מיין פרוי זיינען איינגעשטאנען אין א באַרדינג־הויז לעבען פאלסבורג. מיר האבען מרס' בראון געטראפען אויף א בארג לעבען א בוימעלע יאגדעס. זי האט זיך מיט אונז פארנאנדערגערעדט אין א קריסטליכע רוהיגקייט און אידישע אפענהערציגקייט, און דעם נעקסטען זומער זיינען מיר שוין געפאהרען צו איהר.

די מרס. בראון האט אין זיך די מעלות פון א קריסטליכער פרוי און די מעלות אויך פון אן אידישער פרוי. קרים מעסט זי מיט א צולייג, ווי א קריסטליכע פארמערקע, און איז געשפרעד און אין איהר האלטונג אין הויז איז זי ווארעם און איבערגעגעבען ווי א אידישע. מיר האבען זיך ליעב בעקומען. צו אונזערע קינדער איז זי ווירקליך ווי א גוטע טאנטע; דזשאהן איז ווי פון אונזער אייגענער הויז־געזינד. און יעדען זומער איז אונזער היים ביי די בראונס.

מיסטער בראון, דער פארמער אליין, איז געווען א קלוגער,

אינטעליגענטער קריסט אין די מיטעלע יאָהרען. ער איז געווען שטיל ווי אַ קריסט און געזאָגט שאַרפע וויצען און גלייכווערטלאַך ווי אַ גמרא־איד. ער פלעגט אַכטונג געבען אויף די בלומען און אויף די בהמות ווי אַ קריסטליכער פּאַרמער, און האָט פיינט געהאַט הינט ווי אַ איד האָט פיינט אַ הונט. קיין הונט איז ביי איהם קיינמאָל אויפ׳ן פאַרם ניט געווען.

דער שווייגעדיגער מר. בראָון האָט געהאַט אַלס זיין שטענדיגען ליעבסטען חבר, דעם אַלטען וואַיטי, אַ דאַרער, ווייסער פערד. גלייך ביים אויסזעהן האָט מען געקענט באַמערקען אַן עהנליכקייט פון דעם פאַרמער צום פערד. דער פערד וואַיטי האָט געהאַט אַ יונגען, שאַרפען בליק אין זיינע גלאַנציגע אויגען; אַן אַלטען, געבויגענעם קערפּער; אַ שיווע גריוועס, צוויי דאַרע, טאַרטשענדע ביינער אויפ׳ן רוקען און דעם קאָפּ אימער געבויגען צו דער ערד. און פּונקט אַזוי האָט אויסגעזעהן זיין בעל הבית, דער מענש, מר. בראָון. דאָס ספּעציפיש פערדישעס וואָס מען קען צורעכענען צו וואַיטי׳ן אַליין איז, דאָס ער האָט געהאַט אַ טונקעלען פלעק אויפ׳ן ווייסען פנים און אויף דער רעכטער זייט האָט ער געהאַט אַ שטעמפּעל פון אַ פאַר ניט דייטליכע בוכשטאַבען. אויף דער ספּינע האָט ער געהאַט אַ כראָנישע וואונד און די פליגען האָבען איהם דאָס רויהע פלייש געפרעסען. געגען די פליגען איז דער אָרימער וואַיטי געווען מאַכטלאָז, מחמת זיין עק איז געווען האַלב אויסגעקראַכען.

ביידע, דער פאַרמער און זיין פערד, זיינען געווען רוהיגע, שטילע, און עפּעס בעהאַלטענע ליידען האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגען. ביידע האָבען געפיהלט אַ צוגעבונדענקייט איינער צום אַנדערען, און זיי האָבען זיך פאַרשטאַנגען אויפ׳ן וואונק.

פּונקט ווי מען איז געווען זיכער מיט דעם אינטעליגענטען מר. בראָון, אַז ער וועט קיינמאָל ניט סקאַנדאַלעווען און זיין שכור חלילה, אַזוי איז מען געווען זיכער, אַז וואַיטי וועט ניט צוטראָגען דעם וואָגען און וועט זיך ניט צו פאַבריקעווען, ווען מען וועט אויף איהם פאָהרען אין שטעדטעל.

מר. בראון איז געווען די זיכערקייט פון דעם אנשטענדיגען מענשען, און ווהייטי, להבדיל, איז עס געווען אלס פערד.

איינמאל א פארנאכט ביז איך געזעסען אויפ'ן וועראנדע און מרס. בראון איז צוגעקומען מיט איהר געוועהנליכען ליעבליכען שמייכעל.

מיר האבען זיך פארנאנדערגערעדט וועגען דעם שטאדטישען לעבען, און זי האט מיר דערצעהלט, דאס זי און איהר מאן זיינען געבארען אין ניו יארק און געלעבט אלע זייערע יאהרען אין ניו יארק, ביז מיט צעהן יאהר צוריק, ווען מר. בראון איז קראנק געווארען.

„מיין מאן האט געהאט זעהר א גוטע שטעלע — האט מרס. בראון דערצעהלט — ער האט פערדיענט הונדערט דאלאר א וואך, און מיר האבען קיינמאל ניט געטראכט צו וואהנען דא אויף דער פארם, וועלכע איז אונז געבליבען בירושה. מיר האבען די פארם געהאט פערדענט, און האבען אפט אין גאנצען פערגעסען, דאס מיר האבען א פארם ערגעץ אין די מאונטיינס. מר. בראון איז אבער קראנק געווארען. א נערוועז־קראנקהייט האט ער געקראגען און געליטען שרעקליכע קאפ־שמערצען. קוקט זיך איין אויף זיין גרויען קאפ און בעטראכט, אז ער איז נאך קיין פערציג יאהר ניט אלט, ווענט איהר פערשטעהן אז ער האט געליטען. ער האט מעהר ניט געטארט זיין אין שטאדט, אין דעם טומעלדיגען לעבען, און מיר האבען געמוזט ארויספאהרען אהער אויף דער פארם".

מרס. בראון האט מיר אויך דערצעהלט ווי גליקליך זיי זיינען געווען אין דער יוגענד. זי האט געשילדערט וואס פאר א העלדי־שער, געזונטער מענש איהר מאן איז אמאל געווען און ווי היים זיי האבען זיך פערליעבט.

א סך, א סך האט מרס. בראון מיט מיר גערעדט יענעם פאר־נאכט, ביז די טונקעלקייט פון'ם וועלדעל האט זיך צושפרייט ארום דער פארם און ס'איז געווארען נאכט.

מר. בראון איז צוגעקומען און האט מיט א סארקאסטישען שמייכעל געזאגט:

„די זון איז שוין פאַרשטומט געוואָרען אין מערב, און מיין פרוי רעדט נאָך אַלץ".

מרס. בראַון האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, אָבער זי האָט איהם גאָרניט געענטפערט. זי פערשווייגט איהם אויף פיעלע ביטערע בעמערקונגען, ווייל ער איז קראַנק. איהר פערשוויינגען איז איינע פון די אָפּפער, וואָס זי ברייגגט צוליעב איהר געטריישאַפט צו איהר קראַנקען מאַן.

זי איז אַוועק מיט איהם אין הויז. פון שטאַהל האָט זיך גע־הערט דזשאָהן'ס געשרייען אויף די בהמות און אַ רונדע לבנה האָט זיך אַרויפגעהויבען איבער'ן דאַך פון'ם שייער.

* * *

אויף מאָרגען האָט מר. בראַון איינגעשפּאַנט וואַייטי'ן אין דער אַלטער פאַרמערישער באַגי און איז געפאָהרען אין ווילעדזש. איך בין אויך מיטגעפאָהרען. פאָהרענדיג האָב איך בעוואונדערט, ווי דער פערד און דער מענש פערשטעהען זיך איינער דעם אַנ־דערען אויפ'ן קוק. וואַייטי און מר. בראַון האָבען זיך געדונגען צו יעדען בערגעל ווענען לויפען אָדער געהן פּאַמעלאַך. ביי אַ קליין בערגעל האָט זיך מר. בראַון פערגעסען און, לויט זיין גע־וואָהנהייט, אַ טאָרע געטאָן וואַייטי'ן מיט זיין בייטש־שטעקעל. וואַייטי האָט אומגעקעהרט זיין אַלטען, געבויגענעם קאָפּ צום וואָ־גען און מיט זיינע גלאַנציגע אויגען אַ קוק געטהאָן מיט רחמים צום בעל הבית. אין דעם פערד'ס טענה'דיגען בליק האָט אפילו אַ פרעמדער געקענט איבערלעזען די ווערטער:

„סעי, ברודערקע, האָב גאָט אין האַרצען; דו זעהסט דאָך אַז מיר זיינען געקומען צו אַ בערגעל".

בראַון האָט דאָן ווייך און ליעבליך צוגעקלאַפּט מיט'ן בייטש־שטעקעל איבער וואַייטי'ס פּלייצע, און דאָס האָט געהייסען: קי־מער זיך ניט, מיין אַלטער, וויסער פריינד. איך מאַך שפּאַס. געה ווי דו פערשטעהסט. וואַייטי האָט דאָן אָבגעענטפערט מיט אַ הילכיגען בריזג: טפררררר, און דוקא אַ ביסעלע אַ לאַף גע־

טהאָן, כדי דער בעל הבית זאָל זעהן, אַז פאַר איהם וועט ער אַלעס, אַלעס אין דער וועלט סטאַרען זיך צו טהאָן.

מיר זיינען געקומען אונטער'ן באַרג, און ווהייטי האָט זיך מסתמא וועגען עפּעס פערטראַכט און אין גאַנצען פערגעסען, אַז לויט דעם יושר, מוז ער דאָ אונטערלויפען. בראַון האָט עס איהם אויף אַן עדעלען אופן דערמאָהנט מיט'ן בייטש, און דאַן האָט דער פערד ווי אַ פערשולדיגטער גענומען לויפען מיט זיינע לעצטע כוחות און אַרויפגעפלויגען מיט אימפּעט אַ שטיק אויף דעם געקס־טען באַרג.

„איהר זעהט — רופט זיך צו מיר אָפּ מר. בראַון — ער איז קלוג, דער אַלטער טייפעל (אַזוי האָט בראַון גערופען ווהייטי'ן פון ליעבשאַפט וועגען). ער בלייבט ניט שולדיג, ער פערשטעהט יעדע בעוועגונג פון דער בייטש“.

„אַ קלוגער פערד“ — בעמערק איך, אום צופריעדענצושטעלען מר. בראַון, וועלכער רעדט מיט אַזוי פיעל ליעבשאַפט וועגען דעם אַלטען פערד.

„איך ווייס ניט אויב אַ פערד קען זיין קלוג — זאָגט מר. בראַון — אָבער געטריי איז ער זיכער, אַט דער אַלטער ווהייטי“.

נאָך אַביסעל טראַכטען, זאָגט מר. בראַון אין אַ פיליזאָפישען טאָן:

„ער האָט אַ היבש ביסעל דורכגעמאַכט אין זיין לעבען“.

„ווער? — פרעג איך, פערגעסענדיג זיך אין גאַנצען, אַז מיר ריידען דאָ וועגען דעם פערד.

„ווהייטי, — רופט זיך אָפּ דער פאַרמער — ווהייטי'ן מיין איך. ער איז געווען יאָהרען לאַנג אַ פערד ביי די פייערלייט אין ניו יאָרק. ער האָט געפיהרט אַ פייער־אינזשין אין די בראָנקס. ווען איך האָב געקויפט פון שטאָדט אויף דער פאַרם, האָב איך דאַן ווהייטי'ן אָבגעקויפט פון דעם פייער־דעפּאַרטמענט. די פייער־לייט האָבען איהם זעהר געזשאַלעוועט. זיי האָבען איהם אָבער געמוזט פערקויפען, ווייל ער איז קראַנק געוואָרען אויף די פיס און ער האָט ניט געקענט לויפען שנעל“.

בראַון האָט אַ זיפץ געטהאָן און אַ גלעט געטהאָן מיט'ן בייטש־שטעקעל וואַהייטי'ן איבער'ן רוקען.

פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען געקומען פון ווילערדזש, האָט מען וואַהייטי'ן אויסגעשפּאַנט און געלאָזען אַביסעל אויף די גראָז לע־בען הויז.

נאָך סאַפּער בין איך אַרויס אויף דער ווערענדאַ. פּאַראויס, אויף די טרעפּ פון דער ווערענדאַ איז געזעסען מר. בראַון און גע־קוקט ווי וואַהייטי שמעקט די גראָז. פון צייט צו צייט האָט וואַהייטי אויסגעשטרעקט זיין האַלז, אַ טרייסעל געטהאָן זיין גריווע און איינדרוקספול אויסגעגלאָצט זיינע פערדישע וואַסערדיגע אויגען צו זיין בעל הבית.

מר. בראַון האָט אַ זאָג געטהאָן האַלב צו מיר און האַלב צום פערד:

„וועל, אַמאָל איז ער געווען ביי די פייער־לייטע".

די זון האָט זיך אַרונטערגעזעצט הינטער אַ הויכען באַרג; רויטע און קופּערנע וואָלקענס האָבען זיך צושפּיעלט אין'ם מערב־דיגען הימעל; פון אַ דערבייאיגער פאַרם הויז האָט זיך דער־הערט אַ געזאַנג און אַרום אונז איז געווען שטיל. אַן אומעט האָט געדריקט אין האַרצען. איך האָב געהערט ווי וואַהייטי האָט אויפגעבּיסעןי עטליכע גראָז.

איך האָב באַטראַכט די שיווע האָר אויף מר. בראַון'ס פער־ציג־יאָהריגען קאָפּ און די שיווע האָר פון וואַהייטי'ס גריווע, וועל־כע האָט אַמאָל געמוזט זיין חן'עוודיג פערפלאָכטען מיט אַ רויטע סטענגע. איך האָב בעטראַכט די צוויי שפּיציגע ביינער פון מר. בראַון'ס אויסגעדאַרטע און אויסגעקרענקטע פלייצע און די צוויי שפּיציגע ביינער אויף וואַהייטי'ס רוקען, וועלכער איז בעזעצט מיט פליגען.

בראַון איז געזעסען פערטיעפט אין שווייגען און מיט אַ רחמנות'דיגען און פיינליכען בליק געקוקט ווי וואַהייטי געהט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו די טרעפּ פון דער ווערענדאַ.

איך האָב געטראַכט וועגען בראַון'ס שטעלע אין ניו יאָרק,

וואו ער האָט גענומען הונדערט דאָלאַר אַ וואָך און וועגן וֿהייטי׳ס שטעלע ביי די ניו יאָרקער פּייערלייטע אין די בראָנקס, וואו ער איז געפלויגען מיט׳ן אינדזשין. ביידענס ניו יאָרקער קאַריערעס האָבען זיך צוזאַמענגעפלאָנטערט אין מיין מח און איך האָב בע־מערקט, ווי וֿהייטי איז שוין צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט צו די טרעפּ פון דער וועראַנדאַ. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען ווי אימער, אַרונטערגעלאָזען. די אונטערשטע ליפּ, פון וועלכער עס האָט גע־גאָווערט, איז אַרונטערגעהאַנגען נאַכלעסיג. בראַון האָט צו איהם אויסגעשטרעקט אַ שטרויעלע און דער פערד האָט עס אַ בלאָז געטהאָן מיט זיינע צוויי גרויסע נאָז־לעכער און נאָכהער אריינ־גענומען דאָס צווישען זיינע געלע פערדישע צייהנער. בראַון האָט דאָס שטרויעלע ניט איינגעלאָזען און וֿהייטי האָט עס ניט צוקיים. דעם פערד האָט אַפּנים הנאה געטהאָן דאָס שפּיעל אַזש ער האָט אַ פּינטעל געטהאָן מיט זיינע איגען און זיי צוגעמאַכט מיט גרוים אַפּעטיט. ער האָט זיך זיכער פערטראַכט וועגען זיינע גע־זונדע יאָהרען, ווען ער איז העלדיש געפלויגען איבער די ניו יאָר־קער גאַסען מיט׳ן פייער אינדזשין און אַלע האָבען פריי געמאַכט פאַר איהם דעם וועג. פונקען זיינען געפלויגען פון דעם אינדזשין און פונקען זיינען געפלויגען פון אונטער וֿהייטי׳ס מעכטיגע פליג־קע קאָפּיטעס.

איך בין אַזוי געווען פערזונקען אין מיינע רעיונות, דאָס איך האָב ניט באַמערקט, ווי מרס. בראַון איז צוגעגאַנגען און געגריי־זעלט איהר מאַן׳ס גרויע האָר.

„ער איז דאָך געווען ביי די פייערלייט“, האָט בראַון ווידער באַמערקט, אַ פּאַטש טוענדיג וֿהייטי׳ן איבער׳ן האַלז.

„אבי איצט טויג ער אויף כפּרות“, האָט די פרוי געזאָגט, און אַבגעטריעבען דעם פערד פון דער וועראַנדאַ.

בראַון איז איהם נאָכגעגאַנגען און האָט איהם אריינגעפיהרט אין שטאַהל.

ס׳איז געוואָרען נאַכט און ערגעץ האָט זיך אַ בהמה צורעוועט,

מר. בראון האָט קיינמאָל ניט געטרויט דעם פערד אויף פרעמ־דע הענד. אפילו זיין זוהן דזשאהן האָט ניט געטאָרט פאָהרען ער־גענץ אויף וואַייטיז. דער שוואכער פאַרמער האָט זיך בעגאַנגען מיט זיין שוואכען פערד, ווי מיט אן איידעלעם וועזען, ווי מיט א גביר'ס א בן יחיד. דזשאהן האָט אָבער ליעב, אז א פערד לויפט שטאַרק. דזשאהן איז אליין א שטאַרקער לויפער, א געזונטער יונ־גער פאַרמער בּאָי, וואָס גלויבט ניט אַ קראַנקען...

צו ענדע פון'ם זומער איז אָבער וואַייטי אין גאַנצען געבליבען אונטער דער השגחה פון דזשאהנ'ען. מר. בראון איז געשטאָרבען.

אין מיטען ווינטער האָבען מיינע קינדער בעקומען א בריוועל פון דזשאהנ'ען, אין וועלכען ער האָט מיטגעטיילט, אז דער אָרימער וואַייטי איז גע'פגר'ט.

אין פריהלינג בין איך געפאָהרען אויף א פּאָר טעג צו די בראונס. איך האָב געטראָפען די זעלבע בליהענדע שעהנע פאַרם. מרס. בראון איז געזעסען אויפגעקאָרטשעט אין א וויעג־שטוהל און האָט עפּעס געשטריקט. דזשאהן האָט געמאַכט א פּאַרקאַן אַרום גאָרטען און האָט זיך דערוויל אַרומגעשטיפט און הילכיג געלאַכט מיט דער איינגסטער טאָכטער פון א דערבייאיגען פאַרמער. פון שטאַהל האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פון א יונגען זשערעבעץ — דער נייער פערד אויף דער פאַרם. — — — — — — — — —

— —

דזשעק

דעם פערטען דזשולאי זיינען מיר אוועקגעפאָהרען צוזאַמט אויף הערר טעמקין'ס דאַטשע אין די פּרעכטיגע קעטסקיל בערג. הערר טעמקין איז אַ טהעאַטער דירעקטאָר און שוישפּיעלער. זיין זומער וואָהנונג איז אַ מין אכסניא פאַר אַלע זיינע בעקאַנטע, ווייל ער איז פון יענע גוטע ברידער און ברייט־האַרציגע אידען, וואָס ער שטעלט פאַר אויף דער ביהנע אין זיינע ראָלען, און אַזוי איז ער שוין פערבליבען אין לעבען. אין אונזער קאָמפּאַני זיינען געווען אַ פּאָר אידישע שרייבער און אַ פּאָר אַקטיאָרען פון הערר טעמקין'ס טרופּע.

מיר זיינען אַנגעקומען פאַרנאַכט. הערר טעמקין האָט אונז איבערגענומען ביים פּריצישען אריינפאָהר צו זיין מאַיאַנטעק. זיין ערשטער ברידערליכער „העללאָ" און זיין ברייטער שמייכעל האָט אונז אַלעמען געמאַכט מונטער און ווי קינדער זיינען מיר געשפּרונגען פון וואַגען און זיך געלאָזען לויפען אין הויז אריין אַרויף צום באַרג צופוסענס פון נאָך אַ גרעסערען באַרג.

אויף דער ווערענדא איז שוין געווען געגרייט אַ טיש מיט פערשיעדענע ביסקוויטס און אַ סאַמאָוואַר האָט פייערליך געזאָדען אויפ'ן טיש.

מיר האָבען זיך צוזעצט אין געפלאַכטענע וויעג־שטוהלען. מאַלווינא, די פּוילישע דיענסט־מיידעל האָט אַנגעגאָסען טהעע און מיר האָבען זיך גענומען צום טרינקען און עסען ווי אַ פּרעהליכע היימישע געזינדעל.

אויף טעמקין'ס שוים האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַ ווייסער קליין קודלאַטער הינטעל, וועלכען טעמקין האָט געגלעט און צערטליך גערופען: „ניקי, מיין באָי".

ביי די טרעפּ פון דער וועראַנדאַ איז געלעגען דזשעק, אַן אַל־טער ברוינער יאַגד־הונט. דזשעקן האָבן מיר אַלע געקענט נאָך פון פאַר פינף יאָהרען, ווען מיר זיינען צום ערשטען מאָל געקו־מען צו טעמקינ׳ען צוגאַסט. דאַן האָט אונז טעמקין פאָרגעשטעלט פאַר דזשעק׳ען און האָט אונז דערצעהלט אַז דיזען הונט האָט ער שוין צוועלף יאָהר. אַן ענגלישער אַקטיאָר האָט עס איהם גע־שענקט אַ מתנה.

דזשעק איז געלעגען מיט זיין דאַרען לאַנגען קערפּער אויס־געצויגען צווישען די טרעפּ פון וועראַנדאַ אַנטקעגען דעם אריינ־גאַנג אין הויז. זיין לאַנגליך שמאָלען הינטישען יאַגד פּנים האָט ער געהאַלטען ארויפגעלייגט אויף זיינע פאָדערשטע לאַפּעס. די לאַנגע דינע אויערען זיינען ארונטערגעהאָנגען מיט אויסגעלעגטע ברעגען צו דער ערד און מיט זיינע וואַסערדיגע מאַנדעל אויגען פול ליעבע און הינטישע אונטערטהעניגקייט, האָט ער געקוקט אויף טעמקין׳ען. איינער פון אונזער קאָמפּאַני האָט בעמערקט, אַז דזשעק „עסט פיש״ ביי דעם הערר טעמקין. עסען פיש איז אַ טהעאַטער ווערטעל, וואָס מען זאָגט אויף אַן אָנגעשטעלטען, וועל־כער חנפה׳עט זיך צום דירעקטאָר.

דזשעק האָט געטריי נאָכגעשפּירט יעדע בעוועגונג פון זיין בעל הבית. ווען טעמקין האָט זיך אַ הויב געטהאָן נעהמען אַ לע־פעלע אָדער אַ שטיקעל צוקער, האָט דזשעק צוגעשאָקעלט מיט זיין עק, אַלס אַ סימן פון געטריישאַפט און מיטפּיהל. ווען טעמקין האָט גערופען די פּוילישע דיענסט־מיידעל, האָט דזשעק אויסגע־צויגען אין דער הויך זיין שפּיציגען קאָפּ, בעוועגט מיט זיין האַלז, אויף וועלכער עס איז געווען אַ ווייסליכער פאַס ביז ארונטער צו זיין ברוסט און אין זיינע אומעטיגע געטרייע אויגען האָט מען געקענט לעזען:

„איך וואָלט איהר שוין גערופען, דער דיענסט, נאָר איהר זעהט דאָך, אַז איך בין געשטראָפט, איך קען ניט ריידען״.

פון די טהאַלען און פון דעם נאָהענטען וועלדעל האָט זיך אַ טונקעלקייט דערנעהענטערט. עס איז געוואָרען פאַרכמאַרעט און

אויבעז ביים שפּיץ פוז דעם העכסטעז באַרג זיינעז שטיקער וואָל־קענס געקראַכעז אויף די קעפּ פוז די ביימלעך. עס האָט גענומעז וועהעז אַ קעלט און שפּריצעז אַ רעגעז. מיר זיינעז אָבער אַלץ גע־זעסעז אויף דער ווערענדאַ, ווייל מיר האָבעז זיך ניט געקענט אָפּרייסעז פוז דעם בילד. פוז אונטעז האָט אויסגעזעהעז ווי גרויע קעלבער מיט וואָלענע פּיס שפּאַציערעז לאַנגזאַם אויפ׳ן שפּיץ באַרג ביז זיי צורינעז זיך, אָדער זיי גיסעז זיך צוזאַמעז אין איין גרויסע פאַנטאַסטישע חיה.

ביי טעמקינ׳עז איז אַזאַ בילד קיין נייעס ניט, נאָר צוליעב אונז האָט ער זיך אויך פאַרקוקט, ווי די וואָלקענס שפּאַציערעז אויפ׳ן באַרג. און ווייל טעמקין האָט געקוקט צום שפּיץ באַרג, האָט דזשעק אויך אויסגעצויגעז זיין שמאָלעז קאָפּ און ווייסליכע האַלז צום באַרג. דזשעק האָט ניט געוואוסט צו דאַרף ער קוקעז בייז אָדער מילד; האָט ער דעם קאָפּ געהאַלטעז צום באַרג, די אויגעז אויף טעמקינ׳עז און האָט שטיל געבורטשעט. דער קליי־נער ווייסער ניק האָט זיך פוז קיין זאַך ניט וויסענדיג געמאַכט און זיך געטוליעט אונטער טעמקינ׳ס פאַלע פוז ראָק און געקייט עפּעס, וואָס ער האָט געפונעז אונטער׳ן טיש.

די נאַכט איז צוגעפאַלעז. דער הימעל איז בעדעקט געוואָרעז מיט שווערע וואָלקענס און ס׳האָט גענומעז בלאָזעז אַ שאַרפע קעלט. מיר, וועלכע זיינעז ערשט געקומעז פוז שטאָדט האָבעז די קעלט אָנגענומעז פאַר ליעב. טעמקין ווייסט אָבער וואָס עס הייסט אַ קאַלטע נאַכט אין די קעטסקיל בערג און ער האָט געהייצעז מאַלווינע׳ן מאַכעז פייער.

ווען מיר זיינעז אַריין אין הויז האָבעז מיר טאַקע דערפיהלט די קעלט און מיר האָבעז זיך אַרומגעזעצט ביים אויוועז, אין וועל־כעז עס האָט געברענט טרוקענע האָלץ און ס׳האָבעז פריילעך אַרויסגעקנאַקט פונקעז.

די פאַר אַקטיאָרעז, וואָס זיינעז געקומעז צוגאַסט האָבעז גע־זאָלט ריידעז וועגעז דער נייער דראַמאַ וואָס מען פיהרט אויף און וועגעז די איינטהיילונג פוז די ראָלעז. איין אַקטיאָר, לעווין, איז

אַז עלטערער, וואָס שפּיעלט מעהרסטענטהיילס פֿאָטער ראָלען, און דער צווייטער, ליפּשיץ, איז נאָך אַ יונגער, ער ריכט זיך אין דיעזער דראַמאַ צום ערשטען מאָל אויפֿצוטרעטען אין דער ראָלע פֿון דעם ערשטען ליעבהאָבער. אַזוי האָט איהם הער טעמקין פֿערשפּראָכען ביים אַנגאַזשירען איהם.

דער ווייסער פּודליק, ניק, האָט אַרומגעטאַנצט אויף טעמקינ'ס קניע, אויף די טשערס און אויפ'ן טיש און דזשעק האָט זיך פֿויל און פֿערשלאָפֿען אויסגעצויגען ביים אויוועז לעבען פֿייער און גערדרעמעלט מיט'ן פּנים צום טישעל, וואו טעמקין איז געזעסען און גערעדט מיט די אַקטיאָרען וועגען דער נייער דראַמאַ.

לעווין האָט וואַכעדיג, ביזנעסמעסיג אַ זאָג געטהאָן:

„נו, איז עס דאָך שוין באַשטימט אַז איך שפּיעל דעם אַלטען זכריה“.

ליפּשיץ האָט קאָקעטיש אונרוהיג געזאָגט מיט אַ פֿראַגע:

„הייסט עס, אַז אַזוי וועט זיין?“

„וואָס אַזוי?“ פֿרעגט טעמקין גלעטענדיג ניק'ס ווייסע גרייזלער.

„אַז איך וועל שפּיעלען דעם ליעבהאָבער, לעאָן זוסמאַן“.

„גערעדט איז גערעדט,“ ענטפֿערט טעמקין, „איך פֿיהל אַז איך פֿאַס זיך שוין ניט פֿאַר אַזאַ יונגער ראָלע, און איהר וועט עס שפּיעלען“.

ליפּשיץ'עס אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אויסערגעוועהנליכע דאַנקבאַרקייט. ווען ער שעהמט זיך ניט, וואָלט ער געכאַפּט טעמקינ'ס הענד צום קושען. זיינע אויגען האָבען אַרונטערגעבלאַנדזשעט אויף טעמקינ'ס האַנד, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן טיש מיט אַ סיגאַר צווישען די פֿינגער און דער ווייסער הינטעל האָט אַריינגעלעקט טעמקינ'ען אונטער'ן אַרבעל.

איך האָב בעטראַכט דזשעק'ן ביים רויטען שיין פֿון אויוועז און האָב געזעהן ווי דער הונט איז אַלט געוואָרען. אַלס דאָרער יאַגד־הונט איז אויף איהם קיין מאָל ניט קענטיג געווען די עלטער, אָבער דיעזען מאָל האָב איך איהם שוין געטראָפֿען ווי

א זקן. אויף זיינע דארע זייטען ציהען זיך ביינער ווי שמאלע רייפען. די אויגען זיינען ביי איהם אויסגעלאָשען און ווען ער מאַכט זיי צו, פינטלען די ברעמען מיט אַן אַלטקייט, מיט אַ מיעדקייט.

„הערר טעמקין," רוף איך זיך אָפּ, „אייער דזשעק האָט זיך שטאַרק געעלטערט."

דזשעק האָט בעת מעשה אויף מיר אַ קוק געטהאָן שטריינג, וואהרשיינליך דערפאַר וואָס איך, אַ פרעמדער, האָב אַזוי פריי דערמאַנט זיין נאָמען.

הערר טעמקין האָט באַמערקט:

„יע, דזשעק פאַהרט שוין אַוועק, ער געהט, ער פאַהרט אין זיין אייביגער רוה".

ווען טעמקין האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען דזשעק, האָט זיך דער אַלטער הונט אויפגעשטעלט. איך האָב בעמערקט אויף דעם הונטס זייט, העכער אַביסעל צום רוקען, אַ פערנעהטע וואונד. דער נאָט איז אין דער פאָרמע פון אַ ווינקעל מיט האַמעטנע שטעך אויף זיין ברוין האָריגער פעל.

„ער איז אַ פאַרוואונדעטער," האָב איך מיט געפיהל אַרויסגערעדט, וואָס דזשעק האָט עס מסתמא פאַרשטאַנען און האָט מיר געגומען לעקען מיינע הענד.

איך האָב דזשעק'ן צערטליך געגלעט און טעמקין האָט דערווייל דערצעהלט, אַז דזשעק וואָלט נאָך געקענט לעבען פיעלע יאָהרען, נאָר לעצטען ווינטער, ווען ער איז געוועזן אין שטאָדט, האָט איהם אַן אַטאָמאָביל איבערגעפאָהרען. מען האָט איהם פערנעהט די וואונד און ער איז געזונד געוואָרען, אָבער פון דאַן אָן ווערט ער דאַרער, שוואַכער, אומעטיגער און עלטערט זיך שנעל.

ווען טעמקין האָט עס דערצעהלט, האָט דזשעק געקוקט אַזוי קינדיש אין טעמקין'ס פּנים אַריין און האָט יעדען וואָרט ווי אַרונטערגעשלונגען אין זיין שמאָלען מויל אַריין.

פון קיך האָט זיך דערהערט מאַלווינאַ'ס שטימע:

„ניק, ספּאַט, סליעפּ, האַרי אַפּ“. טעמקין האָט ניק'ן אַרונ־טערגעטריעבען פון זיינע קניע און געזאָגט:

„געה ניק, געה שלאָפען“.

ניק איז אַוועק אין קיך אריין. אויפ'ן וועג האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט לעבען דזשעק'ען, אַ נים געטהאָן דזשעק'ען אין נאָז אריין, וואָס דאָס מוז זיין אויף הינטיש־לשון אַ גוטע נאַכט. דזשעק האָט איהם געענטפערט קאַלט מיט אַ שמעק אין נאָז צו נאָז און ניק איז פערשוואונדען.

אַזוי שנעל ווי דער קליינער ווייסער פודליק איז אַוועק, איז דזשעק געוואָרען פרעהליכער, האָט זיך אַ שטעל געטהאָן אַהער און אַהין מיט זיינע דאַרע לאַנגע יאַגד פיס און מיט אַ קאַקע־טישען דרעה מיט'ן עק איז ער צוגעקומען צו טעמקין'ען.

איידער טעמקין האָט איהם בעמערקט האָט ער זיין שפּיציג טונקעלע קאָפּ אונטערגעגראָבען אונטער דעם בעל הבית פּאָלע. ווען דער הערר האָט איהם אָבער אַ גלעט געטהאָן, האָט דזשעק אויסגעשטרעקט זיין טרויעריגען פּנים צו טעמקין'ס אויגען און ביידע האָבען זיי זיך שטאַרק, שטאַרק אָנגעקוקט. נאָכדעם האָט דזשעק געוואָרפען אַ בליק אין קיך אַריין, וואו ניק איז פערשוואונ־דען און טעמקין האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו ליפשיץ'ען...

דזשעק האָט אַרויפגעלעגט זיינע פאָדערשטע פיס אויף טעמ־קין'ס קניע און צוגעטוליעט זיין קאָפּ צווישען זיינע פיס. טעמ־קין האָט איהם געגלעט און פאַטערליך טהעאַטראַליש געזאָגט:

„דזשעק מיין טהייערער, מיין אָרימער אַלטער פריינד דזשעק“.

דער הונד האָט אַזאַ גליקליכען סקאַוואָטשע געטהאָן, ווי איי־נער זאָגט: „נו, יעצט איז מיר אַזוי גוט, אַז איך בין בעריט צו שטאַרבען פאַר גליק“.

דער אַקטיאָר לעווין האָט דזשעק'ן אַ פריינדליכען שמיר געטהאָן מיט'ן האַנד איבער'ן קאָפּ און האָט אַרויסגעזאָגט:

„זעה, זעה, דער חברה־מאַן עסט עם אַביסעל „פיש“ ביי אונ־זער דירעקטאָר“.

איך בין אַוועק שלאָפען אין אַ דערבייאיגען צימער און טעמ־

קין מיט די איבעריגע געסט זיינען נאָך געבליבען ריידען וועגען ד פּלענער צו דער אויפפיהרונג פון דער נייער דראַמאַ.

אין דרויסען האָט געגאָסען אַ רעגען. אין די שויבען האָבען געקלאַפּט שווערע טראָפּענס און אין מיין געדאַנק האָט זיך אַרומגעדריהט דזשעק, דער אַלטער יאַגד־הונד מיט זיין שפּיציג טרויעריגען אָפּגעלעבטען פּנים. איך האָב זיך דערמאָנט די נסים וואָס הערר טעמקין פלעגט מיר אַלע מאָל מיט התפלות דערציילען וועגען דזשעקען, און ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דזשעק איז אַן אַקטיאָר אויף דער אידישער ביהנע און פערקערפּערט מיט זיך אַ דראַמאַ פון דעם אידישען טהעאַטער.

שוין זיבעצעהן יאָהר אַז אַן ענגלישער אַקטיאָר האָט געשענקט דזשעקען צו טעמקין׳ען. מיט זיבעצעהן יאָהר צוריק איז דזשעק געבאָרען געוואָרען פון אַ בעריהמטען יאַגד־הונד. וואָלט דזשעק זיך געהאָדעוועט ביי דעם ענגלישען ספּאָרט, וואָלט ער געווען אַן אמת׳ער יאַגד־הונד. ער וואָלט געגאַנגען מיט זיין בעל הבית אויף יאַגד אין די געדיכטע וועלדער. ער וואָלט כאַפּען פויגלען, וועווערקעס און פיליכט אַ וואָלף. ער וואָלט זיך ענטוויקלען און וואָלט געהאַט גרויס ערפאָלג אין זיין ראָלע אַלס יאַגד־הונד, צו וואָס ער האָט געהאַט זיין אמת׳ן בערוף אויף דער וועלט. האָט מען איהם אָבער אַוועקגעשענקט צו אַ אידישען אַקטיאָר, וועלכער איז קיין מאָל ניט געגאַנגען אויף יאַגד און ווייס ניט וואָס איז אַזוינס יאַגד. אפשר צוליעב דער מתנה האָט זיך הערר טעמקין צום ערשטען מאָל דערוואוסט, אַז עס זיינען דאָ ספּעציעלע יאַגד־הינד, אפשר האָט זיך דער אידישער אַקטיאָר גאָר געשראָקען פאַר׳ן הונד, ווען דער ענגלישער אַקטיאָר האָט איהם מיט גרויס אָפּפערווילינקייט אַוועקגעשענקט. און דער יאַגד־הונד דזשעק איז אַריין אין אַ פרעמדער ראָלע. ער איז גאָר אויפגעוואַקסען אַ הויזיגער הונד, וואָס היט די קיך. פּאַסט עס דען פאַר אַ יאַגד־הונד?... פּאַסט עס דען פאַר דעם לאַנגען פלינק פיסיגען און לאַנג אויערדיגען אַריסטאָקראַט צו זיין אַ הונד ביים קיך — אַ טעפּעל הונד?...

און טראכטענדיג אזוי, דערמאהן איך זיך אן א געוויסען אי־דישען אקטיאר, א טראגיקער, וועלכער האט גאר געפאסט צו קאמישע ראלען. ער האט אבער אמאל געמוזט שפּיעלען א טראגי־שע ראלע, ווייל די קאמישע ראלע האט פערנומען אנאנדערער, און ער, דער געבארענער קאמיקער האט שוין געמוזט אפּוויינען פאר׳ן פּובליקום זיין גאנצען לעבען. ער איז פערבליבען א טראגיקער.

און ,ואלט דזשעק׳ען בעשערט געווען ביי א ענגלישען ספּארט צו פערבלייבען א שטובינער הונד, וואלט ער בלויז געווען א שטור־ביגער הונד און ניט אנדערש, ווי דאס איז דער פאל ביי די אומות העולם, ווען מען מאכט סוקסעס אין א ראלע... ביי טעמקין׳ען איז דזשעק ניט נאר געווען א שטוב־הונד און א קיד־הונד, מען האט איהם אויך געהאלטען אלס שפּאציער הונד. ער איז אויך געווען א ניאנקע און א שפּיעלצייג פאר די קינדער. ער איז גע־ווען ביינאכט דער וועכטער ארום הויז און פיעלע מאל געטהאן די ארבייט פון א פשוט׳ער קאץ: מען האט איהם פערשלאסען אויף ביי־נאכט אין טהעאטער צו כאפּען מייז. דאס האט מען איהם צוגעטהיילט די עהרע אלס יאגד־הונד. דזשעק איז געווען דער אידישער יעגער — געכאפּט מייז צווישען די דעקאראציעס ביי־נאכט אין טהעאטער.

דזשעק איז געווען איבערגעבען, ווייל ער איז א הונד און האט זיך ניט ערצויגען אויף א לייטישער יאגד. ווען ער איז גע־ווען יונג, האט ער זיין פּאזיציע אלס טעמקין׳ס ליעבלינג געהיט און בעשיצט. קיין אנדער הונד האט ער ניט צוגעלאזען. ווען מען האט געבראכט א קליין שעהן הינטעלע אין הויז אריין, האט איהם דזשעק פערריאנט; ער האט איהם ניט צוגעלאזען נאהענט צום בעל הבית, צום דירעקטאר. דער נייער הונד פלעגט צוגעהן צו דזשעק׳ען, א שמעק צו טהאן מיט איהם די נעזער און אויפ׳ן הינטישען אופן צו בעגריסען זיך — דזשעק פלעגט דערביי א שצירע טהאן מיט זיינע שארפע צייהנער און דער אנדערער הונד פלעגט זיך גלייך אפּטראגען אין שרעק. האט איין מאל געטראפען, אז א הונד האט ניט גענומען ערנסט דזשעק׳ס ווארנונג. ער

האט זיך מיט דזשעק'ען צושמעקט די נעזער; דזשעק האט אויף איהם א בייזען שצירע געטהאן, און דאך, איז יענער אוועק אויף דער ווייכער סאפע, ווי א גאנצער שמעלקע. דזשעק האט אויף איהם מיט רציחה א שפרונג געטהאן און איינגעביסען זיין האלז טיעף, טיעף מיט די שארפע צייהן. מען האט שוין יענעם הונד געמוזט גלייך ארויסווארפען א האלב טוידטען.

ווען דער נעביסענער הונד איז געלעגען אויפ'ן גאס, איז דזשעק אפילו צו איהם ניט צוגעגאנגען, ווי דאס איז דער מנהג ביי הינט. ער האט ארויסגעקוקט פון ווייטען צום פגר און האט קאקעטיש געלעקט די ווייסע לאטע אויף זיין אייגענער ברוסט. דזשעק האט זיך געפיהלט גערעכט און האט ניט געהאט קיין גע־וויסענביסע פאר'ן מארד.

אזוי ליעג איך און טראכט אלץ איבער, וואס איך וויים פון דזשעק'ס לעבען, לויט הערד טעמהין האט מיר דערצעהלט. און איצט, אך איצט, וואס פון דזשעק'ען איז געווארען. ער איז שוין אזוי אלט און שוואך, אזוי נידערשלאגען, דאס ער ליגט אונ־טעטהעניג רוהיג, ווען דער יונגער קליינער נייער ווייסער פוד־ליק, ניק, קריכט צו טעמקין'ען אויפ'ן שוים. ניק ווערט געלאש־צעט; ניק שפיעלט די הויפט ראלע, און דזשעק בעטעלט אוים א גלעט ערשט דאן, ווען ניק געהט אוועק שלאפען...

איך האב געפיהלט אזא מיטלייד מיט'ן אלטען יאגד־הונד. אין דער דונקעלהייט פון מיין צימער האב איך דייטליך געזעהען זיין שפיציג אלט ארונטערגעלאזענעם קאפ, זיינע טרויעריג־דרעמ־לענדע מאנדעל אויגען, וועלכע ווערען וואס ווייטער, ווייטער וואסערדיגער. און מיר האט זיך אפגערוכט ווי דזשעק שושקעט מיר אריין פערצווייפעלט:

„א דאגה, זאל שוין ניק זיין דער גאנצער מאכער. איך האב שוין מיינס אפגעשפיעלט".

איך האב גענומען דרעמלען און צו מיר האט זיך דערטראָ־גען ליפשיץ'ס געשפרעך מיט טעמקין'ען וועגען דער ליעבהאבער ראלע. ליפשיץ האט איבערגעפרעגט:

„איז „לעאָן זוסמאַן“ מיין ראָלע?“

„יע“, האָט טעמקין געענטפערט, אויסלעשענדיג דעם פייער,
„איך דענק אז די ראָלע פון לעאָן וועט אייך בעסער פּאַסען ווי
מיר“ —
— —

אין מיטען דער נאַכט האָט דזשעק פון שלאָף שטיל געסקאַ־
וואוטשעט, איהם האָט זיך עפּעס גע'חלום'ט פון דער יוגענד...

אין אַ ווינטער פאַרנאַכט

אין דער וואָהנונג פון מיין פריינד ב., אַ בעקאַנטער אידישער כל־טהוער, זיינען מיר געזעסען אין אַ ווינטער פאַרנאַכט און גע־שמועסט וועגען פערשיעדענע זאַכען. דער געשפּרעך איז געגאַנגען אָהן אַ פּראָגראַם; מיר האָבען אָנגעפאַנגען וועגען ליטעראַטור און קונסט און מיר זיינען אַריבער צו אַ שמועס וועגען טוירט. פּלוצלינג האָט פון הימעל גענומען פאַלען אַ טרוקענער דראָבנער שנעע. די טונקעלע גאַסען זיינען געוואָרען אַלץ ווייסער און ווייסער און פון דרויסען האָט זיך דערטראָגען די הילכיגע, לעבענס־לוסטיגע געשרייען פון קליינע קינדער, בעגלייט מיט אַ בריאַזגעריי פון שליטלאַך.

איך און דער הער ב. זיינען געשטאַנען ביים פענסטער און האָבען אַרויסגעקוקט אין דעם פערשנעעטען דרויסען. פון דעם טיעפען ווייטען הימעל קומען אַן די שנעעלאַך לאַנגזאַם איז גרויסע מחנות און צו דער ערד פאַלען זיי שיטערער, ווייסער און שנעלער. פון טיעפען הימעל געהען אַרום די שנעעלאַך מיט אַן אומעט און זיסע בענקשאַפט און צו דער ערד פאַלען זיי צו פרעהליך און ווע־רען פון די קינדערלאַך בעגעגענט מיט בעגייסטערונג.

ווייסע פליגעלאַך, דראָבנע שנעעלאַך, רויטע בעקעלאַך, אַ פרייד, אַ שמחה אויף דער ערד — גאָט׳ס ווייסע האַרץ.

איך האָב שוין ניט געהערט די פּלפּולים פון מיינע פריינד ביים טיש; איך האָב געטראַכט וועגען דעם ווינטער פון דער אַלטער היים: דער שטייפער דויערנדער רוסישער שנעע, אַ שנעע־וועגס, אַ שליטעל, דריי פערד אין דער לענג, אַ גלעקעל און אַ קנאַל פון אַ בייטש.

איך האָב געפֿיהלט אַז מיין פֿריינד ב. טראַכט אויך דאָס זעל־בע. באַלד רופֿט טאַקע ב. אויס אין רוסיש:

— גאָספּאָדאַ, איך האָב זיך פֿערבענקט נאָך אַ שליט־וועגס. איך מאַך אַ פֿאָרשלאַג אַוועקפֿאָהרען אויף אַ פּאָר טעג אין אַ פֿאַרם אַרום באַפֿאַלאָ, וואו מיר וועלען אַ לעב טהאָן אויף אַ רו־סישען אופֿן; מיר וועלען דאָרטען פֿאָהרען אין שליטלאַך, טראָ־גען פּעלצען און הנאה האָבען אביסעל פֿון דער נאַטור, אין דער קאַלטער אַמעריקאַ.

מיר האָבען איינגעשטימט.

אין דעם זעלבען אָבענד האָבען מיר זיך געטראָגען מיט דעם סטייט עקספּרעס צו באַפֿאַלאָ. אונזער קאָמפּאַניע איז בעשטאַנען פֿון זעקס מענשען: איך, ב., דער קאַרטוניסט ס., דער פֿער־חלום׳טער פּאָעט נ. און צוויי דאַמען.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה זיינען מיר שוין געווען אין דער הויז פֿון אַ אידישען פֿאַרמער. אונז האָט באמת הנאה געטהאָן, וואָס דער בעקאַנטער פֿאַרמער, צו וועמען מיר זיינען פֿערפֿאָהרען, איז אַן אָרימאַן. ביי אַן אָרימען פֿאַרמער איז דער ווינטער נאַטיר־ליכער. די הייזעל איז קליין, דער גאַניק צובראָכען און פֿער־שנעעט. אַ ווילד־פֿערוואַקסענער הונד ליגט ביים טהיר. אַ פּאָר קעלבלאַך בלאָנדזשען אַריין אין הויז; האַלב צוריסענע פּאַרקאַ־נעס זיינען צוואָרפֿען אַרום פֿאַרם און עס איז גאַנץ היימליך.

דער פֿאַרמער, אַ איד מיט אַ געזונטער באָרד, איז אַוועקגע־פֿאָהרען אין שטאָדט נאָך אַ שוחט, כדי די געסט זאָלען האָבען וואָס צום עסען, און מיר האָבען געכאַפּט אַ שליטעל רייד, נאָך איידער מיר האָבען זיך אויסגערוהט פֿון דער רייזע.

ביי טאָג האָט ווער פֿון אונז געכאַפּט אַ דרעמעל; אַנדערע האָבען בעקוקט די פֿאַרם, הנאה געהאַט פֿון גאָט׳ס ווייסער, פֿראָס־טיגער וועלט און מיט גרויס אַפּעטיט געאָטהעמט די שטאַרקע קאַלטע לופֿט.

אין איינִיגע שטונדען צייט האָב איך זיך בעקענט מיט אַלע לעבעדיגע בעשעפֿעניסען פֿון דער פֿאַרם. איך האָב שוין געוואוסט

וויפיעל בהמות עס זיינען דאָ און וויפיעל הינער. איך האָב זיך בעקענט מיט'ן הונד, וועלכער הייסט פּרינץ, מיט'ן פערד, וועלכער הייסט דזשאהן, מיט'ן פאַרמער'ס ווייב, וועלכע הייסט אויפ'ן היימישען שטייגער, ציפּע, און מיט דעם פאַרמער'ס עלטערען זוהן, סעם, וועלכער איז דער פיהרער פון דער פאַרם.

פאַרנאַכט איז דער פאַרמער געקומען מיט אַ דאַר אידעל, דער שוחט. דער איינגעשפּאַנטער דזשאהן האָט פון זיין צופּיענטען מויל געבלאָזען אַ דיקע פּאַרע, דער הונד פּרינץ איז צוגעלאָפען צום פערד, אריינגעקוקט איהם ליעבליך און נייגעריג אין פּנים, ווי ער וואָלט איהם פרעגען:

— נו, וואָס מאַכסטו, ווי פיהלסטו נאָך דער רייזע? וואָס הערט זיך דאָרטען אויף דער וועלט?...

דזשאהן האָט איהם געענטפערט מיט זיין פערדישען סאָפּען — טפּרוררר און פּרינץ האָט זיך ברידערליך אַנידערגעזעצט לעבען איהם מיט די פאָדערשטע פיס אויפגעשטעלט.

ווען דער פאַרמער מיט'ן שוחט זיינען אריינגעקומען אין הויז, זיינען מיר, די שטאָדטישע געסט, געזעסען אַרום טיש ביי גלעזער טהעע. דער פאַרמער האָט אונז אַלעמען פאָרגעשטעלט פאַר'ן שוחט און דער שוחט האָט גלייך גענומען ערפילען אַ הייליגע מיסיאָן. ער איז דער טרעזשורער פון אַ קאָמיטע, וועלכע זאַמעלט געלד פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות. ווי זיין פליכט איז, האָט ער גלייך געמאַכט אַן אַפּיעל צו אונז אין דעם נאָמען פון די עלענדע אידישע וואַנדערער דאָרטען אַרום דעם מלחמה־פלאַקער. און מיר האָבען איהם געגעבען נדבות.

— פיין, פיין — האָט דער שוחט געזאָגט — איהר האָט אמת'ע מענשליכע הערצער.

דער דאַרער שוחט האָט עס געזאָגט אַזוי הארציג, אַזוי ריה־רענד, אַז מיר האָבען אַלע דערפיהלט אַ מאָדנעם מענשליכען עדע־לען שטראָם אין אונזער בלוט. דער הערר ב. האָט זיין נדבה פער־גרעסערט, פון דרויסען האָט זיך דערטראָגען אַ טרויעריגער געבעט פון אַ בהמה — מו—או—או, מו— או—אום...

דער שוחט מיט׳ן פאַרמער זיינען אַרוים אויפ׳ן הויף. מיר האָבען געשמועסט וועגען דער מלחמה און וועגען די אידישע ליי־דען. יעדערער האָט דערצעהלט פּאַסירונגען פון די גרוילטהאַטען איבער די אידען אין די מלחמה־געגענדען; מיר זיינען געוואָרען זעהר סענטימענטאַל געשטימט און אונזער גאַנצע פילאָזאָפיע האָט זיך בעצויגען אויף מענשליכקייט, מענשליכע הערצער און טוגענד.

ריידענדיג וועגען די בלוטיגע געשעהעניסען, זיינען אונזערע הערצער געוואָרען אַלץ עדעלער, מענשליכער. מיר האָבען זיך דער־פיהלט ווי צאַרטע קינדערלאַך, ביי וועלכע מען קען יעצט מיט אַ גוט וואָרט אוועקנעהמען די נשמות זאַגאַר.

מאַנכע האָבען דערצעהלט וועגען טוגענד און רחמנות פון איין סאָלדאַט צום אַנדער׳ן אויפ׳ן שלאַכטפעלד. מאַנכע האָבען דערצעהלט וועגען די גרויסע אידישע פילאַנטראָפּען, וועלכע האָ־בען זעהר פיעל געגעבען פאַר די מלחמה־ליידענדע, און מיר האָ־בען זיך אַלע דערפיהלט שטאָלץ אויף די מענשליכע הערצער.

פון דרויסען האָט זיך וויעדער דערטראָגען אַ רעווען פון אַ בהמה. דאָס רעווען איז געוואָרען אַפּטער; דער מו־או איז געוואָ־רען שטאַרקער, טראַגישער און אויסגעצויגענער. צו דער בהמה׳ס מו׳קען איז צוגעקומען אַ צושראַקענע קוואַקטשעריי פון הינער און צולעצט האָט זיך דער הונד פעראייניגט אין כאָהר — ער האָט גענומען בילען; פון דאָס בילען איז דער הונד אַריבער צו אַ וויינענדען וואָיען און האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק, אַז אומעט אויף אונזערע פרעהליכע שטאָדטישע געסט מיט די מענשליכע הערצער.

איך בין אַרוים אויפ׳ן הויף און אָנטקעגען מיר האָט מען גע־טראָגען אין קיך אַריין אַ געקוילעט קאַלב מיט אַ פּאָר געקוילעטע הינער. אַרונטער צום שטאַל אויף אַ שטיק פּלאַץ איז דער ווייסער שנעע געווען צוטראָטען און פערבלוטיגט. פון שטאַהל אַרוים האָט געדעוועט אַ בהמה און פון די שפּאַלטען פון דער טויער האָט זיך געטראָגען איהר סאָפּען. זי האָט געזוכט מיט׳ן נאָז אַן אַרויסגאַנג און פערהילכט די לופט מיט איהר טרויעריגען „מו־מו“ און פון צייט צו צייט געגעבען אַ היסטערישען קוויטשענדיגען „מו־מו“.

דזשעק האט געסקאוואיעט ארויף־צו צום פערד און דער פערד איז געשטאנען אנגעבויגען מיט'ן קאפ צו דזשעק'ן פאטערליך און געשוויגען.

דער הונד האט געסקאוואיעט, גע'טענה'ט און איינגעלעגט די וועלט און דעם פערד'ס אויגען האבען געבלישצעט מיט א פילאזאפישען טרויער צום הונד, ווי איינער זאגט:

— איך זעה, איך פיהל אלעם וואס איז אפגעטהאן געווארען מיט דער טאכטער פון אונזער שוועסטער־בהמה; אבער וואס קען מען העלפען? זיי זיינען דאך מענשען, זיי האבען דען אין זיך א פערדישע הארץ?...

איך האב געווארפען א בליק צו דער רויטער קאליזשע אויפ'ן ווייסען שנעע און איך האב געפיהלט, ווי דער פערד רעדט צום הונד וועגען די מענשען, וועלכע האבען אין זיך ניט קיין פונק פערדישעם, האבען ניט קיין פערדישע הארץ...

א גאנצע נאכט איז אנגעגאנגען דער שמועס צווישען דער בהמה, דעם פערד און דעם הונד. איך האב ניט געקענט שלאפען פון די הארץ־רייסענדע מוטערליכע געשרייען פון דער בהמה. זי האט גע'מו־או'קעט די גאנצע נאכט און געריסען זיך פון שטאהל. ווען זי איז מיעד געווארען, האט זי סתם געקרעכצט. פרינץ האט געבולען און געוואיעט; דזשאהן האט פון צייט צו צייט געענט־פערט מיט א כריפ און ביים פארמער אין קיך האט מען צוגעגרייט א דינער אויף מארגען פאר די געסט.

אין דער פריה האב איך געטראפען דעם פערד ארייננקוקענדיג אין דער טהיר פון דער פארם־הייזעל. ער האט מיר אנגעקוקט מיט זיינע וואסערדיגע אויגען און האט, דאכט זיך, ווידערהאלט דאס נעכטיגע:

„זיי האבען דען א פערדישע הארץ אין זיך?"

די בהמה האט נאך אלץ גערעוועט, געוויינט אויף איהר הארץ־רייסענדען קול. איך האב ערשט דערזעהן, אז א בהמה וויינט אויך מיט טרעהרען... ארום איהרע אויגען זיינען נאך נעכטיגע טרעה־רען געוועזן אויפגעקאכט און פערטריקענט אין א ווייסקייט. זי

איז אַ מאַמע, די בהמה, און אַ מאַמע מוז האָבען טרעהרען...

איך האָב דעם פיינעם דינער פון פרישע קאַלבס־בראַטען ניט געקענט עסען. איך האָב פאַרבראַכט מיט פרינץ'ן, וועלכער האָט זיך הינטיש צוגעלאָזען צו מיר, געלעקט מיינע הענד, געקוקט מיר גלייך אין פנים אריין. מיין געוויסען האָט זיך פערענטפערט פאַר'ן הונד, און ער, פרינץ, האָט מיר ליעבליך און גאַנץ ערעל פאַרגע־וואַרפען:

„נו, זאָג אַליין, האָבען זיי דען אין זיך אַ הינטיש האַרץ?..."

א אידישער פערד

עס איז דא אזא ארט וואו עס ענדיגט זיך דער בעריהמטער אידישער ישוב בראנזוויל, און עס פאנגט זיך אן דער קווארטאל פון די סיציליאנער איטאליענער. דער גרענעץ פון די אידען מיט די איטאליענער איז א שטק פעלד, צושניטען אין גאסען מיט סייד־וואקס אהן הייזער. אויף דיעזע צושניטענע בלאקס וואקסען וויל־דע בלעטער, גראז און עס געפינען זיך בערגלעך אש, וואס די מיסט־פיהרער פוןביידע קווארטאלען שיטען דארט אוים.

א גאנצע וואך וואנדערען ציגען איבער דיעזע אש־בערגלעך, איבער די ווילדע בלעטער און קייען די גרעזלאך. פון צייט צו צייט דערטראגען זיך פון דארטען אידישע און איטאליענישע אויסגע־שרייען און מישען זיך אוים מיט א ציגענעם מע־מע־מע. שבת און זונטאג זיינען די טעג, ווען פערד קומען אהין זוכען חיונה אויף דעם גרינעם גראז.

עס איז אויסגעפאלען אויף דעם גורל פון א אידישען פערד, אז ער זאל דער איינציגער אויפ'ן פעלד אין דעם ליעבען שבת־קודש. דאס איז דער אויסגעמאטערטער מיעדער פערד פון יונה דעם דזשאנק פעדלער, וועלכער וואהנט אין דער לעצטער בראנז־ווילער הויז ביים פעלד. דער אידישער פערד האט טאקע א גרוי־סען מזל, אבער — ניט ער קען עסען, ניט מען לאזט איהם עסען.

אמאל, אין דער יוגענד, איז דיעזער פערד געווען א לייטישע בריאה. ער איז געווען שעהן, מיט א רונדען רוקען, א פיינעם הא־ריגען עק, ליכטיגע אויגען, גלייכע פיס און האט געהאט א נאמען; מען האט איהם גערופען „דארלינג", היינט, אויף דער עלטער, איז ער אן עבר לעבדים, אן אומגליקליכער שקלאף ביי א שקלא־פישען פאלק; א פערד פון א אידישען פעדלער, אהן א נאמען,

סתם אַ פערד. איין אויג איז ביי איהם פערצויגען מיט אַ הייטעל און די אַנדערע איז אַ מאַטע, אַז אויסגעלאָשענע. די הינטערשטע פיס זיינען אויסגעדרעהט, ווי ביי אַ ניט־געראַטענע קינד, וואָס איז שוין אַלט דריי יאָהר און קען נאָך ניט געהן. די פאָדערשטע פיס זיינען קרום אַריינגעבויגען צום בויך און איינע איז נאָך פער־בונדען מיט אַ שמאַטע. די ספּינע איז אַ שאַרפע, אַ ביינערנע, אין אַ זייט איז אַ שטיק פעל אויסגעפליקט, און אויף די רויהע פלייש שטעהט אַ מחנה פליעגען, וועלכע זויגען די פערטריקענטע בלוט. צוטרייבען די פליעגען קען ער ניט, ווייל דער עק איז אַ צופליקטער מיט דריטהאַלבען האָאר. אַהן צייהנער, מיט אַ געבוי־נער קאָפּ, געהט ער אַרוים אויף דעם גראָז אין דעם שבת־דיגען פריה־מאָרגען.

ער וואָלט ניט געגאַנגען, נאָר זיין בעל־הבית, יונה, וואָס האַלט איהם נאָך פאַר אַ רעגעלען פערד, מיט לייטען צו גלייך, טרייבט איהם אַרוים אויף דער פּאַשע. ער וואָלט בעסער געפיהלט צו שטעהן אין פינסטערען שטעלכעל מיט פערזשמורעטע אויגען און וואַרטען אויף דעם ענדליכען זיסען דרעמעל, ווען די מענשען וועל־לען בלויז אויסען זיין די פעל זיינע און די ביינער וועלען זיי לאָ־זען צורוה... אַבער אַז דער בעל־הבית טרייבט, שלעפּט ער אַרויף זיינע פיס אויף די בערגלעך אַשעם און קוקט תּמ׳עוואַטע אַרונטער צום גראָז.

ער שטעהט אַזוי און חלומ׳ט אין דער וועלט אַריין. פון אַן אויג טריפט ביי איהם אַרוים אַז אַלטע טרעהר. עס גיט זיך ביי איהם אַ ציה און אַ ציטער די פעל פון אַ קנעכעל ביז דעם שפּיץ פון דער ביינערנע פּלייצע און ער ריהרט זיך ניט צו צו דער אכילה. ער האָט קיין כח ניט אַרונטערצולאָזען דעם קאָפּ צו די גראָז, און וואָס קען ער געבעך טהאָן מיט זיינע צייהנערלאָזע יאַסלעס? אַזוי שטעהט נעבעך דער אידישער פערד און פליעגען זעטיגען זיך אַרום זיין צופליקטער פעל.

עס וואָלט איהם נאָך געווען צו דערליידען, ווען מען לאָזט איהם אַזוי אויסרוהען זיך אין דעם הייליגען שבת. קומען אַבער

קינדער פון אלע ארומיגע גאסען און מען נעהמט זיך צו דעם ארי־מען פערד. חברה האבען ניט קיין אפשיי ניט פאר יונה'ן, ניט פאר זיין פערד, יונה קען זיי גאר ניט טהאן און דער פערד אודאי ניט.

די חברה קריכען אויפ'ן פערד, רייטען אויף איהם, טהוען איהם אן אן אלטען קאפעליוש, מען פליקט איהם די עטליכע האאר פון עק, מען שפאנט איהם איין אין א בייבי־קערידזש און אזוי אמוזי־רען זיך די קליינע חברה א אגאנצען טאג מיט די דארע ביינער פון דעם אידישען פערד אין דעם שבת קודש. די גראז בלייבט פון פערד אונבעריהרט, ער האט עס אפילו ניט א שמעק געטהאן, ווייל ער האט שוין זאגאר פערלארען דעם חוש פון שמעקען.

אז עס ווערט טונקעל, קומט ארוים יונה און לייזט אוים די פערדישע בריאה פון די הענד פון די לויפערס. ווען יונה פיהרט זיין פערד פאר דער טשופרינגע צום שפאז, הערען זיך שוין די טריט און דאס פרעהליכע הירזשעריי פון פיער געזונדע גרויסע יונגע פערד פון דעם איטאליענישען קווארטאל. דארטען, ביים ענדע פון דעם איטאליענישען קווארטאל וואהנט דזשוזעפי מאַ־קאלוסא, א „דיגער”. ער דיגט (גראבט) די פונדאמענטען צו בויען נייע הייזער און האט פיער פערד מיט צוויי וועגען צו פיהרען די אויסגעגראבענע זאמד. עס געהט צו זונטאג און מאקאלוסא'ס פיער שטארקע רונדע פערדלאך לאזען זיך ארוים אויף דעם זעל־בען גראז, וואו דעם אלטווארג פעדלער'ס פערד האט אפגעפינס־טערט א שבת... מיט זייערע שטארקע ווייסע צייהנער שניידען זיי און עסען די גראז, טרעטען מיט זייערע געזונדע פיס, טרייסלען די גריוועס. פון צייט צו צייט צוהירזשעט זיך א פערד פרעהליך און הילכיג, די קאפ פארריסען, די אויגען גלאנצען צום פעדלער'ס וואגען, אין וועלכען עס איז שוין געשפאנט די פאדלע. די געזונדע איטאליענישע פערעסער מאכען חוזק פון דעם אידישען שלים'מזל־דיגען פערד, וואס ער האט פאר זיי איבערגעלאזען אין גאנצען די גראז, אז זיי זאלען קענען האבען א פרעהליכען און זאטען זונטאג...

צו דיעזע פיער פערד געהען שוין די אינגלעך ניט צו; מען

ציטערט פאַר זיי, זייערע גלאַנציגע רונדע רוקענס, זייערע בליש־צענדע אויגען און זייער שפּרינגען ווארפט אַן אַ מורא אויף די „לויפערס". די פערד זיינען שטאַלץ און זיכער, פונקט ווי זייער בעל־הבית, דער סיציליאַנער מאַקאַלוסאָ... אפילו די פליעגען ציטערן גאָהענט צו צוקומען צו די פיער פערד, וועלכע שמייסען און סטראַ־שען מיט זייערע געדיכט־בעוואַקסענע עקען...

לעבען יונה דעם פעדלער'ס הויז שטעהט דער אַלטער פערד געשפּאַנט און אויפ'ן וואַגען ליעגט מען אַלטע חפצים: אַ פערראַס־טעטען גאַז־אויוועו, צודריבעלטע סוועטערס, אויסגעקרימטע שיך, אַ קאַפּ פון אַן אייזערנע בעט, אַן אַלטען ספּרינג, און דער פערד שטעהט מיט אַן אראָפּגעלאַזענעם קאָפּ און צוגעמאַכטע נאַסע ברע־מען אויף זיינע בלינדע אויגען. צו זיינע אויערען דערטראָגט זיך פון דער פינסטער אַ געשמאַקער טרעשצען פון די פיער פערד'ס צייהנער אין די גראָז, אַ פרעהליכען הירזשען און אַ געזונטער פער־דישער סאָפּען. פאַר די פיער פערד פאַנגט זיך ערשט אָן אַ זונ־טאָג, אַ שטאַלצער רוהע טאָג צו לעבען אין פריעדען און זאַטקייט, און ער, דער אידישער פעדלער־פערד, געהט שוין אַוועק מיט דער משא „דזשאַנק" אין וועג אריין. אַ טרויעריגע וואָך פאַנגט זיך פאַר איהם אָן נאָך אַ פינסטערען, קראַנקען שבת.

ער גיט אַ פערדישען קרעכץ, אַ קרעכץ וואָס שמעקט מיט פּוטלאַזיגקייט און מיט אידישען יאוש.

אַמאָהל האָט ער אויך געהאַט אַ רונדען רוקען, געזונדע צייהנער און פרעהליכע זונטאָגס אויפ'ן גרינעם גראָז. איצט קרעכצט ער, איצט איז ער אַ פערד ביי אַ אידישען פעדלער און ער קרעכצט.

ער און זי

די ליעבעס חתימה

בערענשטיין איז אויפגעשטאנען א זונטאג׳דיגען פריה־מאר־גען און האט ארויסגעקוקט דורך׳ן פענסטער. עס איז אן אומעט־גער טאג. דער הימעל איז פערצויגען גרוי און א רעגען סטראשעט ארונטער־צוקומען אין דער זונטאג׳דיגער גאס.

ער האט זיך וויעדער אוועקגעלייגט אין זיין שטילען איינזאמען צימער און געוואלט איינשלאפען. איהם האט זיך געוואלט וואס לענגער שלאפען, צו פערגעסען וועגען דער נעכטיגער נארישער פאַ־סירונג. מיט׳ן שכל האט ער פערשטאנען, אז די פאסירונג איז במעט ווי ניט וויכטיג, אבער דער געפיהל האט איהם ניט געלאזט רוהען.

— פע, מיאוס, — האט איהם עפעס א בלינדע מכשפה ארייג־געשושקעט אין אויער, — שעהמט זיך, ער כאפט זיך קושען, קו־שען זיך גאר.

בערענשטיין׳ען איז גאר קיין מאל ניט איינגעפאלען אין זינען, אז א קוש, אן אונשולדיגע אינגעלשע שטיפעריי, זאל איהם אזוי פערפאלגען.

„וואס איז דא אזוי״? וויל ער מיט זיך אליין איינ׳טענה׳ען, זי איז שעהן, זעהר שעהן און אינטערעסאנט, און ער האט אויס־געדריקט זיין בעוואונדערונג מיט א קוש. דערמאנט ער זיך אבער ווי נאריש און תמ׳עוואטע ער האט זיך געפיהלט נאך דעם, אונ־טער איהרע שעהנע, גנב׳ישע אויגלאך, ווערט ער ביי זיך געפאלען, און א טיעפע חרטה דריקט איהם אין הארצען פאר זיין לייכט־זיניגקייט.

בערענשטיין איז נאך גאר א יונגער־מאנטשיק. נאך זיין טיעף פיהלענדע הארץ צו די עלענדע, צובראכענע מענשען פון אונזער זינ־

דיגער ערד, זיין הויכע לאַגע אין דער געזעלשאַפט אַלס כּלל־טוּער, האָבן אויף איהם אַרויפגעצויגן אַ צודעק פון עלטער און בעל־הבית'שקייט. זיינע בעקאַנטע און אויך ער אַליין קוקן אויף איהם ווי אויף אַן אַלטן, בכבוד'יגן מענשן.

אינווענינג אָבער אין בערענשטיין'ס נשמה, טליהעט דער פייער פון ניט געלעבטער יוגענד. אין דער מענער געזעלשאַפט פיהלט זיך בערענשטיין קיין מאָל ניט פריי און אָפען־הערציג. די מענער ריידען צווישען זיך וועגען פרויען, וועגען פערשיעדענע זינד, מיט אַזאַ פרעכקייט און גרויסמוטיגקייט, און בערענשטיין קען אין אַזעלכע געשפּרעכען ניט אַנטהייל נעהמען.

ער איז דאָרטען, צווישען די מענערשע געשפּרעכען, ווי אַ פרעמדער. ער האָט איינמאָהל אין אַ קאָמפּאַני פון זיינע חברים ער־קלערט דעם אמת, אַז ער איז נאָך אונשולדיג ווי אַ קינד, אַז עס זיינען דאָ בלויז צוויי פרויען אויף דער וועלט, וואָס ער האָט גע־קושט, דאָס איז זיין מוטער און זיין יוגענד־געליעבטע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען.

נאָך אַזאַ מין ערקלערונג האָט די חברה געמאַכט אַ גרויסען געלעכטער, געוואָרפען וויצלעך אויף בערענשטיין'ס נאַרישע בע־ריהמעריי און אַם ענדע האָבען זיי איהם ניט געגלויבט.

ער איז ביי זיי פערבליבען אַ היפּאָקריט, אַ נאַרישער צבוע'ק, וואָס שפּיעלט די ראָליע פון אַ צדיק אין לאַפּטשעס.

פון דאַן אָן שעהמט ער זיך צו זאָגען דעם אמת. ווען זיינע חברים ריידען וועגען פרויען, האַלט ער מיט אין געשפּרעך און וויל זיך אויך אַרויסצייגען פאַר אַ „העלד". ער בלאָנדזשעט אָבער, מען פיהלט זיינע „גוזמות" און מען לאַכט איהם אויס. דער אָרימער בערענשטיין ווייס ניט ווי צו דערצעהלען די „לינקע געשיכטעס". ער פאַלט דורך און בלייבט אַ ליגנער.

אין פרויען געזעלשאַפט פיהלט ער זיך אימער גוט. ער איז שטיל און פיהרט זיך אויף זעהר אַרטיג. דער פיינער, סטאַטעטש־נער אויפ־פיהרען זיך פון אַ יונגען־מאַן, מאַכט אימער אַ גוטען איינדרוק אויף אַ פרוי, אַפילו ווען זי איז אַ זינדיגע. ער רעדט

און שפּאַסט מיט זיי, הערט אויס מיט גרויס בעגייסטערונג זייערע פּלאַפּלערייען און פיהלט זיך מיט זיי אַזוי גוט ווי מיט אייגענע ליעבע מענשען. עס איז דאַ צווישען איהם און די יונגע פרויען אַ פריינדשאַפט, אַי ער, אַי זיי האַבען אין זיך אַ דערשטיקטע ביינקשאַפט צום זינדיגען לעבען און האָבען עס קיינמאָהל ניט דורכגעפיהרט...

אַט דיעזער בערענשטיין, האָט נעכטען אין אַ שפּעטיגער, שטילער שטונדע, בגנבה אַפּגעפּרעסט אַ קוש אויף דער קלאָהרער אויסגעבלעזטער לייב פון דער לעבענס־לוסטיגער פייגעלע. ער האָט עס אָנגענומען אַלס אַן איינפאַכע, אונשולדיגע שטיפעריי. ער האָט עס געטהאָן מיט דער זעלבער אונשולדיגער הנאה, ווי ער דריקט איהר וואַרימע, ווייכע הענטעל אין זיינע הענד, ווי ווען ער פלעגט אַ בלאָנדזשע טהאָן מיט זיינע שפּיעלענדיגע פינגער אין איהר נעדיכטער קאָפּ זיידענע האָאר. זי פלעגט אימער שווייגען און צומאַכען די אויגען פון גרויס הנאה. יע, ער פלעגט עס פיהלען, אַז זי האָט גאָר ניט דאַגעגען. אַז זי פיהלט זיך דאַן אַזוי בעקוועם ווי ער. און מערקווירדיג, ווען זיין באַק איז געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף איהר אויסגעבלעזטער לייב, האָט זי אַזוי רייצענד געאָטהעמט און געשפּיעלט זיך מיט זיינע האָאר. ווי נאָר זיינע ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגענומען און אַ שטילער שוואַכער קוש איז דער־שטיקט געוואָרען אויף איהר ברוסט, אַזוי שנעל האָט זי מיט בעס אָבגעשטויסען זיין קאָפּ, האָט זיך אויפגעשטעלט פון באַנק און מיט אַ פּאָאר בייזע אויגען, ווי אַ קעניגען, האָט זי שטרענג אַ קוק געטהאָן אויף איהם און געזאָגט:

— הערר בערענשטיין, ס'איז ניט שעהן פון אייך, איך האָב זיך פון אייך אַזוינס ניט געריכט. זאָגט מיר צו, אַז מעהר וועט איהר עס ניט טהאָן.

ווי אַ פערשעהמטער חדר־אינגעל האָט ער אַרויסגעפּלאַפּעלט:

— מעהר וועל איך עס ניט טהאָן.

ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי קליין און אַזוי נישטיג אין פייגעלע'ס אויגען. געפאַלען זיין גאַנצער בכבוד'ער נאָמען. פייגעלע

האָט פאַר איהם געהאַט גרויס אַפּשיי, זי האָט איהם איינפאַך פערגעטערט. דאָס האָט בערענשטיין געוואוסט. און יעצט האָט ער זיך דערפיהלט אַזוי געפאַלען, ווי שטויב אונטער איהרע שטאָל־צע טריט.

זיי זיינען ביידע געגאַנגען טראָט ביי טראָט און האָבען גאָר ניט גערעדט.

בערענשטיין האָט אַלץ געטראַכט, ווער און וואָס איז פייגעלע. וואָס איז זי, אַז די שטיפערקע, וואָס מיט אַמאָל איז זי געוואָרען אַזוי שטרענג און ערנסט. ער ווייסט, אַז זי האָט עס איהם אַליין דערצעהלט, אַז לעווין האָט איהר אַמאָל געכאַפּט קושען. אמת, זי האָט איהם אַנגעזידעלט דערפאַר, אָבער זי בעגעגענט זיך מיט איהם און שמייכעלט צו איהם גאַנץ פריינדליך. מיט לעווין'ען איז זי אימער פון ווייטען און מיט איהם, מיט בערענשטיין'ען, איז זי נאָהענט און זוכט זיין געזעלשאַפט. וואָצו האָט זי זיך אַזוי אויפגעבּאַפּט, ווי אַז אָבגעבריהטע, פון זיין קוש, פון דעם ער־שטען קוש געמאַכט אַזאַ טראַגעדיע, אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער?

און אַ געדאַנק לויפט דורך ביי בערענשטיין'ען, אַז דעם קוש האָט זי אַליין פון איהם אַרויסגערופען...

אויף דער הייסער ווילע, האָט ער גאָרניט געהאַט מיט וואָס זיך צו פערענטפערען פאַר דער כעס'דיגער דאַמעלע. ווען זיי זיי־נען נאָך דעם אָבגעגאַנגען אַ היבשע שטרעקע, האָט ער נאַריש אַרויסגעפּלאַפּעלט:

— נו, איהר זייט בייז?

— נו, נו, — האָט פייגעלע געענטפערט, — איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען און ערגערט זיך ניט.

געזאָגט האָט זי עס מיט אַ גנב'ישען שמייכעל און אַלץ מיט בייזע אויגען.

דאָס דערצעהלען אימיצען האָט איינגענטליך בערענשטיין'ען ניט געאַרט, איהם האָט בלויז געערגערט זיין נאַרישקייט, איהר יעצטיגע שטאָלצקייט האָט איהם געמאַכט זעהר ביליג.

ביים געזעגענען זיך, האָט בערענשטיין ווידער געבעטען, זי

זאָל איהם ענטשולדיגען די נאַרישקייט. זי האָט אַבער שטיפעריש און ליעב נאָכגעשריען:

— ערגערט זיך ניט, איהר וועט אייער נאַרישקייט קענען אָבנעהמען צוריק...

אָט דיעזע לעצטע ווערטער, דער לעצטער שמייכעל: „איהר וועט אייער נאַרישקייט קענען אָפּנעהמען צוריק“, האָבען יעצט בערענשטיין'ען אַרויפגעבראַכט צו אַ נייעם געדאַנק.

אהאַ! זיי זיינען געשעפטסלייטע, די פרויען... אין ביזנעס איז דאָך אויך אַזוי: מען פיהרט פאַרהאַנדלונגען, מען דינגט זיך, אָבער דאָס אַלץ איז גאָר ניט; כל־זמן מען זעהט ניט קיין האַנד־געלד אָדער אַן אונטערשריפט אויף אַ וועקסעל, איז די ביזנעס נאָך קיין ביזנעס ניט... אַ קוש איז דער אונטערשריפט. אַ וויי־כער, וואַרימער אָרעם האָט ניט קיין נאָמען... רייצענדע זיידענע האָאָר, אַ מיעדע קאָפּ אויף אַ שלאָגענדע ברוסט, און גרייזלאָך, — דאָס אַלץ זיינען בלויז פערהאַנדלונגען; דער קוש איז ווי אַן אונ־טערשריפט, אַ זיעגעל, אַ חתימה. אויף דעם וואַרט די פרוי, זי וואַרט אויף דער חתימה.

די חתימה האָט אַ נאָמען, מען רופט דאָס קוש...

פיינעלע'ס כעס איז געווען אַן אָנשטעל; אין אמת'ן האָט זי מיט דעם געפייערט איהר זיעג, געפייערט די חתימה וואָס זי האָט פון איהם אַרויסגעקראָגען... אין דעם וואָלט אַלץ אפשר אַוועק אונבעמערקט...

האָ, זאָל עס טאַקי זיין אַזוי? איז ווירקליך די שטיפערישע פרוי, די קינדערשע פּלאָפּלערקע, די פּאָעזי פון אונזער לעבען, אַזוי געשעפטס־מעסיג, אַזוי אויסגערעכענט דאָך, ווען אַ פּאָאָר הייסע ליפּען בעריהרען איהר נאַקעטע לייב?

— ניין, ניין, איך גלויב ניט, — האָט בערענשטיין אַרויסגע־ברומט — זיי זיינען ניט קיין טרוקענע געשעפטסלייט. זיי זיי־נען די שעהנע בלומען פון אונזער וועלט, וואָס קומען בעציערען אונזער לעבען. זיי זיינען די ליעבע, זיי זיינען דאָך מוטערס, די יום טוב'דיגע שטראַהלען אויף אונזער וואָכעדיגער ערד.

ער האָט זיך אַ הויב געטהאָן פון זיין געלעגער, אַרויסגעקוקט אין דעם וואָלקענדיגען דרויסען, און זיך פערטראַכט.

ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס האָט פייגעלע נעכטען צוערשט איהם געמאַכט צו קליין־געלד, און דערנאָך גע־זעגענט זיך מיט איהם מיט אַן אַנצוהערעניש אויף נאָך אַ קוש.

ווער איז די פרוי? פאַר וואָס קענען מיר אַזוי וועניג אָט דיע־זע פרויען, וואָס מיר דריקען זיי אַזוי נאָהענט צו אונזערע הער־צער? וואָס פאַר אַ געהיימנים ליגט פערבאָרגען אין דער צאַרטער, נאַאיווער בעשעפעניש?

וואָס איז עס פאַר אַ ריעז, וואָס געהט אום אויף קליינע, שמאָ־לע פיסלאַך און בעהערשט די וועלט? זי צערשטערט, זי בויט, זי פערוואַנדעלט האַזען אין שטאָלצע לייבען, פון ריעזען מאַכט זי קליינע נישטיגע קאַרליקעס... ווער איז זי?

אַך, ווער איז די קעניגין, די מלחמה־העלדין וואָס געווינט אַלע שלאַכטען אָהן אַן אַרמיי און וואָס איהרע קאַנאָנען זיינען פער־באָרגען אין איהר געהיימניספאָלער האַרץ? . . .

אַזוי ווי בערענשטיין איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער און געטראַכט און געפרעגט זיך אַליין, ניט האָבענדיג קיין ענטפער, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיהר.

פייגעלע איז אַריין אַ לוסטיגע, אַ שטאָלצע און אַ שמייכלענדע.

בערענשטיין האָט געקוקט אויף דער שטיפערקע מיט ליעבע און שרעק. . .

דאָס נייע בוך

די נאַכט איז געקומען פריהער ווי אין איהר געוועהנליכער צייט. איידער די זון איז פערגאַנגען האָט אַ רעגען־שטורם אויס־געבראָכען. גרויסע שוואַרצע וואָלקענס האָבען בעטונקעלט דעם הי־מעל און האָבען פאַר דער צייט אָפּגעשניטען דעם טאָג.

דער הערר שטיינבערג האָט, ווי געוויינליך אין אַלע זיינע פרייע שטונדען, פערבראַכט אין דעם צימער פון די צוויי יונגע פערליעבטע: איסאַק און פריילין ליליען. דער הערר שטיינבערג, אַלס עלטערער ערפאַהנער מענש, האָט שטענדיג געשפּיעלט די ראָליע פון אַ ריכטער צווישען דאָס פערליעבטע פּאָאַר'ל. שטיינ־בערג האָט שטענדיג געדאַרפט אויסהערען טענות און ברוגז'ן פון ביידע צדדים, און האָט אַלעם געמוזט שליכטען, כאָטש אָהן זיין שליכטען וואָלט סאַי ווי סאַי געוועזען פריעדען, נאָר די צוויי־און־צוואַנציג יאָהריגע ליליען און דער עטוואָס עלטערער איסאַק האָ־בען זיך געהאַלטען אַזוי קינדעריש קאַפּריזנע, אַז עס האָט זיך שוין געפּאַסט צו דער גאַנצער אידילישער בילד די ערפאַהרענע שטראָף־רייד פון דעם עלטערען פון זיי: דעם הערר שטיינבערג.

איסאַק איז נאָך ניט געקומען פון זיין בעשעפטיגונג. צו־ליעב די אונהיימליכקייט פון דער פּלוצליכער טונקעלקייט אין גאַס, האָט זאָס אַריינקומען פון הערר שטיינבערג, דער פריילין ליליען פיעל פרייד פערשאַפט.

— אָה, האַללאָ, מיסטער שטיינבערג, — האָט ליליען אויסגע־שטרעקט איהרע קלאָהרע אַלבאַסטער הענדלאַך, — גוט, וואָס איהר זייט יעצט געקומען, איך האָב אַזוי מורא צו זיין אַליין אין דונערען און בליצען.

שטיינבערג האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט געזאָגט: —

פאַר וואָס האָט איהר דען ניט מורא? איהר האָט דאָך אפילו מורא געהאַט צו זאָגען אין קעסעל גאַרדען, אַז איסאַק איז אייער חתן.

— אָה, מיסטער שטיינבערג, — גיט זי איהם שטיפעריש אַ וואונק מיט'ן פינגער'ל, — איהר זייט שוין צופיעל פּאַטער, אַזוי פיעל פּאַטער, אַז עס דערטרינקט זיך אייער חבר'שאַפט.

— וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

— איך וויל זאָגען, איך וויל זאָגען, אַז איהר ווייסט אַזוי פיעל פון מיר און פון איסאַק'ען, אָבער איהר, מיסטער שטיינבערג, זייט ווי אַ פערמאַכטער בוך פאַר אונז.

— איך בין גאָר ניט קיין פערמאַכטעס בוך, — ענטפערט שטיינבערג ערנסט, — איך בין בלויז אַ פּאַר טאָוולען, אָט דאָס וואָס איהר זעהט, קיינע בלעטער, קיינע אינטערעסאַנטעס האָב איך ניט אין מיין לעבען, אום איך זאָל אייך דערצעהלען.

— איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיינע בלעטער צווישען אייערע יעצטיגע טאָוולען? — גיט אַ פרעג ליליען צווייד־דייטיג, און קוקט איהם אריין פאַרשענד אין זיינע אויגען.

— אָה, פריילין ליליען, — רופט זיך אָפּ שטיינבערג, — איך גלויב, אַז איהר פערדעכטיגט דאָך ניט, דאָס איך מיה זיך צו האַל־טען אַ מאַסקע אויף מיין פערגאַנגענהייט. גלויבט מיר, עס איז ניטאָ קיין אינטערעסאַנטעס אין מיין לעבען.

אויף דעם האָט ליליען בעמערקט: — אייערע אויגען, אייער בענעהמען זיך, מאַכען אויף מיר דעם איינדרוק, ווי איהר וואָלט געווען אַ גלעזערנער, נאָר פון דיקע גלאָז, עפּעס זעה איך שווע־רעס, אינטערעסאַנטעס אין אייך, נאָר פּינרצווינגען אין בלוי־גרין פון די דיקע גלאָז, אַ יאָ, מיסטער שטיינבערג, איז עס אַזוי? זאָגט, זייט זיך מודה.

שטיינבערג האָט געשוויעגען.

איסאַק איז געקומען מיט אַ נייעם בוך אונטער'ן אָרעם.

— אָה, איהר זעהט, — ווענדעט זיך איסאַק צו שטיינבערג'ן, — איהר זעהט דיעזעס בוך? דאָס איז איינס פון די וויכטיגסטע

ביכער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, איך האָב עס ספּעציעל געקויפט פאַר ליליען. איך וויל זעהר, זי זאָל עס לעזען.

שטיינבערג האָט גענומען דאָס בוך אין האַנד, האָט עס בע־טראַכט פון אַלע זייטען און האָט עס אַ שליידער געטהאָן אונטער'ן טיש.

— האָט איהר שוין געלעזען וועגן דאָס בוך? — פרעגט אי־סאַק פערוואונדערט, — עס געפעהלט אייך ניט?

שטיינבערג האָט געשוויגען.

— זעהר, זעהר זאָנדערבאַר זייט איהר מיר היינט, — רופט זיך אָפּ ליליען, אַנדרעהענדיג שטיינבערג'ן פאַר'ן אויער, — איהר זייט אַ צולאָזענער בחור. מיין בוך טאָר מען ניט וואַרפען אויף דער ערד. — זי האָט אויפגעהויבען דאָס בוך און לעזט פאַר דאָס פאַדערבלאַט: — „די געפעהרליכע פרוי“, ראָמאַן פון פּאָולי סטענד־ריץ, איבערזעצט פון נאָרוועגישען דורך אַלעקסאַנדער בערעלסאָן.

— דאָס האָב איך פון דיינטוועגען געקויפט, ליעבע ליליען, — רופט זיך אָפּ איסאַק, — דאָס איז אַ מערקווירדיגעס בוך וועגען פרויען פּסיכאָלאָגי, לעז עס דורך.

— און דער הערר שטיינבערג וואַרפט עס גאָר אונטער'ן טיש, — זאָגט ליליען מיט אַ געמאַכטען ערנסט.

שטיינבערג איז געזעסען ביים טישעל, האָט עפּעס געצייכענט מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער, אונבעשטימטעס, ניט אָפּקעהרענדיג זיך האָט ער בעמערקט: — אָט דיעזעס בוך האָט מיך צושיידעט פון מיין פרוי און קינד.

— וואָס!? — רופט אויס איסאַק און ליליען איבעררואַשט.

— איהר האָט דען אַ פרוי און קינד? — פערענדיגט ליליען.

— יע, איך האָב אַ פרוי און קינד, — ענטפערט שטיינבערג, שוין אָפּקעהרענדיג זיך צו זיי, — אָט דיעזעס בוך האָט אין מיר יעצט אויפגעוועקט אַ ביטערען געפיהל צו מיר אַליין, פאַר מיין גרויסען חסרון, וואָס איך בין אַ זאָנדערבאַרער משוגע'נער, נאָר רופט עס ווי איהר ווילט, גראָדע האָט דאָ פריהער פרייליין ליליען געוואָלט אַרויספרעסען פון מיר: ו ו ע ר, וואָס איך בין. זי

דענקט, אז איך בין פיעל מעהרער, ווי מען זעהט מיר אין מיינע קאנטורען. דאס בוך איז געקומען פונקט אין דער זעלבער צייט פון ליליען׳ס בעמערקונג, און איך וויל אייך דער־צעהלען די זאנדערבארע קאטאסטראפע, וועלכע דאס בוך פון דער נארוועגישער ווייבעל האט געמאכט אין מיין פאמיליען־לעבען.

— דערצעהלט, דערצעהלט, — האט ליליען געפאטשט מיט די הענטלאך, — אבער איך פערשטעה זיך שוין גוט אויף אייך, הערר שטיינבערג, הא?

— איך האב זיך ניט בעהאלטען פון אייך, — האט שטיינ־בערג געענטפערט, — איך האב בלויז ניט געפונען פאר נויטיג צו דערצעהלען צופיעל אמת׳ען, ווי דאס האט געטהאן די שרייבערין פאולי סטענדרין.

— איהר דענקט אלזא, אז צופיעל אמת׳ען זיינען שעדליך, — האט בעמערקט איסאק.

— איך ווייס אליין ניט, וואס איך דענק וועגען די אמת׳ען. הערט מיין ערצעהלונג, און דענקט אליין איבער די אמת׳ען. — די לעצטע פאאר ווערטער האט שטיינבערג ארויסגערעדט מיט גיפט און איראניע. עס האט געהערשט א דראהענדע שטילקייט אין צימער, און שטיינבערג האט אנגעפאנגען:

— נאך גאר יונגע קינדער זיינען מיר געווען, ווען איך מיט מיין סאניע׳ן האבען זיך דערקענט. מען קען זאגען, אז מיר זיינען צוזאמען אויפגעוואקסען. מיר האבעןביידע דורכגעמאכט אינ־טערעסאנטע צייטען. מיר האבען ביידע איינע די אנדערע ניט פערלאזען לענגער ווי א טאג. צוזאמען געקומען אהער אין אמע־ריקא און דא חתונה געהאט. מיר זיינען געווען צוזאמען צוועלף יאהר, ניין יאהר פאר דער חתונה, און דריי יאהר נאך דער חתונה. פאסירט האט גאר א קליינינקייט, און מיר זיינען זיך פארנאנ־דערגעגאנגען. ס׳הייסט, איך בין אוועק און מעהר אהיים ניט גע־קומען ביז היינטיגען טאג. פאסירט האט עס מיט פינף יאהר צו־ריק. אט דיעזעס בוך, וועלכעס איסאק האט יעצט אהער געבראכט

אין דער אידישער איבערזעצונג, האָב איך דאַן געלעזען אין דער דייטשער שפּראַך. דאָס בוך האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַר־קען איינדרוק. און יעדער זאַך, וועלכע פּלעגט מיך בעגייסטערען, פּלעג איך ניט רוהען, ביז מיין סאָניע האָט עס אויך געקענט גע־ניסען. איך האָב געבראַכט דעם ראָמאַן אהיים, האָב עס געגעבען סאָניען׳ן איבערלעזען.

— עס איז געווען אַ זייגער עלף ביי־נאַכט, דאָס קינד האָט שוין לאַנג געשלאָפען. איך בין געזעסען ביים טיש און האָב עפּעס גע־שריבען. סאָניע האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, וועלכע איז געשטאַנען נעבען טיש, און האָט געלעזען דעם ראָמאַן „די גע־פעהרליכע פרוי". איהר, איסאַק, האָט דאָך שוין געלעזען דעם ראָמאַן, ווייסט איהר דאָך, אַז דאָס גאַנצע בוך איז געבויט אויף דעם, דאָס אַ פרוי, ווי ווייט זי זאָל ניט ליעבען דעם מאַן, וועט זי פאַר איהם ניט אויסדערצעהלען אַלע אמת׳ען. יעדע פרוי, פון דער אויסגעלאַסענער ביז דער העכסט־אַנשטענדיגער, אַלע, אַלע האָבען עפּעס פערבאָרגענעס אין זיך, וואָס זיי וועלען זייערע מענער קיינ־מאָל ניט דערצעהלען, זי נעהמט די געהיימנים מיט אין קבר אריין.

— מיט אַמאָל, מאַכט צו מיין פרוי דאָס בוך און זאָגט אַרויס:

— געענדיגט.

— זי איז אויפגעשטאַנען פון דער זאָפע און האָט זיך געגרייט צו געהן שלאָפען. זי האָט שוין אויסגעטהאָן דעם יאַקעל, פאַנאַנ־דערגעלאָזען די האָאַר פון קאָפּ און אַרונטערגענומען די שיך. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר פון הינטען אַרום, האָט זיך איבערגעבויגען איבער מיין קאָפּ און האָט אריינגעקוקט אויף די פּאַפּיער, וועלכע איך האָב געשריעבען. מיין סאָניע איז אַ שעהנע יונגע ווייבעל, קלאָהר, ראָזעווע לייב, און פעד־שוואַרצע געלאָקטע האָאַר. איהר שטאַרקער אָטהעם האָט מיר דערמאַנט אַן אַמאָליגער פריי־הערדיגער יוגענד. איך האָב איהר אַרומגענומען צום קושען. זי האָט געלאַכט וואָס איך בין נאָך אַזוי סענטימענטאַל. זי האָט מיר צוגעפיהרט צום קינד: — זעה, ווי שעהן עס שלאָפט, — ציינט זי מיר אויף דאָס שלאָפענדע קינד. ווי אַ מלאך׳ל מיט צוואָוואַרפע־

נע פליגעלאַד איז ענגלע געלעגנז מיט איהרע צושפּרייטע הענטלאַד איבער'ן בעטעל. שטיל איז אין הויז, נאָר שטילער איז אין גאַס. עס הערט זיך פון ווייטען אַ טויבליך גערודעריי פון אַ לויפענדען באַהן.

— ווי געפעהלט דיר דער ראָמאַן? — פרעג איך סאָניע'ן.

— פּאַרטרעפליך! — רעדט זי ארוים מיט בעגייסטערונג.

— איז די פרויען־פּסיכאָלאָגיע ריכטיג געשילדערט? — פרעג איך איהר.

— אבסאָלוט ריכטיג, — ענטפערט זי, — די שרייבערין סטענד־רין האָט מיט דעם בוך פעסטגעשטעלט פיעלע, פיעלע אמת'ען. בלויז אַ פרוי קען אַזוי פיעל וויסען וועגען פרויען.

— נו, און דו סאָניעטשקע, — גיב איך איהר אַ פרעג אין שפּאַס, — דו האָסט אויך עפּעס פערבאָרגענעס פון דיין מאַן? קענענדיג זיך מיט מיר אַזוי לאַנג?

— דו מיינסט, אַז דו האָסט דאָ געכאַפּט די נאַרוועריגישע שריי־בערין ביי אַ ליגען? — גיט זי מיר אַ זאָג ערנסט, — יע, מיין ליעבער, ווירקליך. עס איז דאָ אַזעלכע קלייניגקייטען, וועלכע דו קענסט קיינמאָל ניט וויסען. יעדע פרוי איז אַזוי. עס איז דאָ אַזעלכע געהיימניסען, אפשר ניט קיין וויכטיגע, אָבער דאָך אַזעל־כעס, וואָס אַ פרוי וועט פיליייכט דערצעהלען אַן אַנדער פרוי, זאָ־גאָר אַן אַנדער ווייניג בעקאַנטען מאַן, אָבער ניט איהר אייגענעם. פערשטעהסט, מיין נאַאיוועֶר מענדעל, — און זי גיט מיר אַ קליי־נעם פּאַטש איבער'ן באַק.

— וואָס הייסט, — פרעג איך איבער שוין אויך ערנסט. — וואָס הייסט? קען איך דען גלויבען, אַז דו האָסט סודות אויסער מיר?

— ניט קיין געוואַלדיגע סודות, — ענטפערט זי, ווי וועלענדיג מיך בערוהיגען, — אָבער דאָך אַזעלכע קלייניגקייטען, וועלכע יע־דע פרוי טראָגט ביי זיך אין האַרצען, און איך גיב נאָך צו צו דער שרייבערין'ס בעהויפּטונגען, אַז עס איז דאָ אַזעלכע זאַכען, וואָס די פרוי, אַט איך אַליין, וועל פאַר זייטיגע מאַנספּערזאָנען

דערצעהלען, און פאַר דיר טאַקי ניט. אַזוי איז די פרוי, און רופט אונז „קנאַק־ניסעל".

זי האָט אַ פאַרשייטען קוק געגעבען מיר אין די אויגען אַריין, האָט אַרונטערגעוואָרפען די קלייד, און איז פלינק אַריינגעשפּרונ־גען אין בעט.

איך בין אַוועק צוריק צו מיין אַרבייט, איך האָב זיך געזעצט שרייבען.

די שטילקייט פון דער נאַכט האָט געהורזשעט אין די אויערען. עפּעס קליינע בת־לצנים׳לאַך האָבען אומגעטאַנצט אויפ׳ן ווייסען פּאַפּיער, געלאַכט און געשצירעט מיט די ציינדלאַך. דיין סאָניע, דיין חבר פון פריהסטען יוגענד, האָט נאָך פיעל, פיעל בעהאַלטענעס פון דיר, און דאָס וואָס זי האָט בעהאַלטענעס, האָט זי אויך לאַנג, לאַנג געהאַלטען אין געהיים... נאָך מעהרער האָט מיר דער גע־דאַנק ניט געלאָזען צורוה, וואָס פאַר אַנדערע מענער דערצעהלט זי דאָס, וואָס פאַר מיר ניט... פאַר אַנדערע יע, פאַר מיר ניט. עפּעס אַ נייע וועלט פון סודות און צווייפעל האָט זיך פאַר מיר ענטפּלעקט.

איך בין צוגעגאַנגען צום בעט, האָב בעטראַכט די שלאָפענדע, ענגעלע האָט פערוואָרפען איהר ווייך זיידענע העמטעלע אויף סאָ־ניע׳ס ענטבלויזטע לייב. לאַנג, לאַנג האָב איך זיי בעטראַכט. אָה, וויפיעל סודות עס שוועבען, — אַרום אַט די צוויי שלאָפענדע. ווער ווייסט, ווער ווייסט וואָס אַט די לעבענס־לוסטיגע סאָניעטש־קע האָט געקענט אָפּטהאָן אין איהר לעבען? אַט אַזעלכע משונה׳־דיגע געדאַנקען האָבען מיר געגעבערט אין מח. איך בין געשטאַ־נען און געפּיהלט ווי אַ בעטלער, וועלכער וויל אויסבעטלען אַ נדבה, אַ נדבה זאָל מיר געבען מיין פרוי און קינד, אַ נדבה: דעם אמת, וואָס און ווער בין איך מיט זיי... אַ גראָבע, פינסטערע וואַנד איז אויסגעוואַקסען צווישען מיר און זיי. איהר פערשטעהט? דאָס וואָס זי קען אַמאָל שוין יע דערצעהלען אַנדערע, אפילו מאַנס־פּערזאָנען, אָבער פאַר קיין פאַל ניט צו מיר, איהר פערשטעהט? ניט צו מיר. וו וואָס אַזוינס קען עס זיין?

ערגעץ איז אַ שווערער מילך־וואָגען דורכגעפאָהרען, און פון צווישען די רעדער און דעם ברוק האָט זיך אימיצער געשטיקט פון ווילדען פרעכען געלעכטער...

גלויבט מיר, אַז איך בין אויף מיין סאָניע׳ן קיינמאָל ניט געווען אייפערזיכטיג. אַמאָל, איידער מיר האָבען חתונה געהאַט, פלעגט אָפטמאָל מיר בעזוכען דער קרענקליכער וואָרעם פון אייפערזוכט, אָבער צייט מיר האָבען חתונה געהאַט, און הויפּטזעכליך, צייט זי האָט גענומען שוואַנגערען מיט אָט דער ענעלע׳ן, איז אַוועק, אַבסאָלוט אַוועק דער מינדעסטער געפיהל פון אייפערזוכט. נאָר אָט דער אונגעריכטער קורצער געשפּרעך האָט אין מיר אריינגעוואָרפען אַ גיפטיגע פייל פון שרעקליכען צווייפעל. איך האָב גענומען קוקען פערדעכטיג אויף יעדער בעשעפענים, וואָס טראָגט אַ קליידעל. איך האָב אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אַז דער פרעהליכער געשלעכט אונזערער איז איין גרויסער טייפעל, וועלכער האַלט אין איין נאַרען אונז, אַפענהערציגע מענער.

עס איז אריבער טעג און וואָכען, און איך האָב פאַר מיינע געדאַנקען קיין רוה ניט געקראָגען. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיינע מעגליכקייטען צו פערענטפערען די זאַך, צו רעכטפערטיגען. עס איז מיר ניט געלונגען. וואָס ווייטער, ווייטער האָט זיך אַ שוואַרצער שלייער פול מיט שרעקליכע סודות איינגעהילט, צערשפּרייט איבער די פריהערדיגע קדשי־קדשים פון אונזער וואָהנונג. אַלעס וואָס סאָניע האָט געטהאָן פאַר מיר גוטעס, איז מיר אויסגעקומען: ניט מעהר ווי אַ פאַלשער אַנשטעל געגען איהר געשוואָרענעם מאַן... איך בין געוואָרען גלייכגילטיג צו דאָס קינד. ווען ענעלע פלעגט זיך אַרומפלעכטען אַרום מיין פּוס מיט איהרע גרינקע הענטעלאַך און זאָגען אויף איהר קינדיש קלינגענדען קול׳־כעלע — פּאַ, הוטאַ־הײדאַ — ס׳הייסט איך זאָל איהר אומוויעגען אויף מיין פוס, פלעג איך דאָן גאָר אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם ראָמאַן פון דער נאַרוועזישער סטענדריך. איך פלעג טראַכטען וועגען סאָניע׳ס צווזעצונג צום בוך: אַז אַ פּרוי דערצעהלט פאַר אַנדערע מענער אַזעלכע זאַכען, וועלכע פאַר דעם אייגענעם ווע־

לען זיי קיינמאל ניט... איך פלעג ענגעל'ן גאַנץ קאלט אַפּשטופּען פון מיר.

עס איז מיר ענג געוואָרען די היים, און אין דער ענגער היים האָב איך געפיהלט אַ שרעקליכע ווייטקייט פון מיר צו סאָניע'ן און צום קינד. איך האָב זיך בענומען אין הויז ווי אַ פרעמדער און מיט שטענדיגע פערדאַכט, קריגעריי איז געוואָרען אַן אָפטער גאַסט צווישען אונז. און גראָדע פאַר קליינינקייטען. די ביטער־קייט, מיט וועלכע סאָניע האָט זיך בענוצט אין איהר קריעג געגען מיר, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט מיין ניט צוטרויען צו איהר...

אין אַ שעהנעם אבענד ביז איך אוועק פון הויז, און מעהר שוין ניט צוריקגעקומען ביז היינטיגען טאָג.

איך בענק זעהר, זעהר נאָך סאָניע'ן מיט'ן קינד. איך האָב שוין פיעלע מאָל געוואָלט איהר אויפזוכען און בעטען איהר פער־צייהונג. נאָר גלייך דערמאָהן איך מיר אָן יענעם געשפּרעך וועגען דעם ראָמאַן „די געפעהרליכע פרוי", און אַלע, אַלע, איבער־הויפּט סאָניע, קומט מיר אויס אַ געפעהרליכע, אַ בעטריגערקע, און איך פערבלייב מיר אַליין. איך וויים, איך פיהל, אַז איך האָב עס אינגאַנצען איבערטריבען אין מיין גערדאַנק, נאָר איך קען זיך ניט העלפען. דער וואָרעם פון פערדאַכט און מיסטרויען זיינען שטאַרקער פאַר קאַלטע איבערלייגונגען...

אָט דאָס, מיינע טהייערע, טהוט אויף אַ בוך, וועלכעם דעקט אויף די זאַגענאַנטע אמת'ן — אַזוי האָט פערענדיגט הערר שטיינ־בערג זיין ערצעהלונג. ער האָט ווידער גענומען דאָס בוך און האָט איהם געבלעטערט, געבלעטערט נערוועז און מיט כעס איהם אַני־דערגעלייגט אויפ'ן טיש.

אַ לאַנגע צייט האָט געהערשט אַ דראָהענדע שטילקייט אין דעם קליינעם צימער'ל.

אַ גרויסע פליעג האָט געזשוזשעט אַרום פענסטער.

הערר שטיינבערג האָט זיך אויפגעהויבען, „גוטע נאַכט" גע־זאָגט און פערלאָזען דאָס צימער.

נאָך אַ לאַנגען שווייגען האָט איסאַק געבעטען אַ גלאָז טהעע.

ווי א שולדיגע האָט זיך ליליען אויפגעהויבען פון שטוהל, האָט זיך צוועקלאָז ארומגעדרעהט איבער'ן צימער.

— וואס האסטו געבעטען? — האָט ליליען געפרעגט ווי פון שלאָף.

— טהעע האָב איך געבעטען, — האָט איסאַק קאַלט געענטפערט, — נאָר זאָל שוין זיין.

אוןביידע זיינען א גאַנצען אבענד אפּגעזעסען אין שווייגען און אין טראַכטען... —

דער גלעזער

שוין פון א לענגערע צייט אז מיר פערמאגען א צובראכענע שויב אין א פענסטער — א קיילעכדיגע לאך מיט פארנאנדערגע־שאטענע „שטראהלען" פון אלע זייטען איבער דער שויב, וואס האט עדות געזאגט, אז א הארטער באל איז דא דורכגעפלויגען מיט גרויס אימפעט פון א לויפער'ס געניטע צילעוודיגע האנד.

איין מאל קומט אריין א אידעל מיט א קעסטעל גלאז אין האנד און פרעגט:

— דא וואהנט דער מאן פון די „פייפערס"?

— דא.

— די הויזקיפערין האט מיר צו אייך ארויפגעשיקט א שויב אריין צו שטעלען.

ציינט איהם מיין פרוי אז אויף דער צובראכענער שויב. נע־בען דער זעלבער פענסטער שטעהט מיין שרייב־טיש און גראדע דאן בין איך געזעסען אריבער געבויגען איבער א בויגען פאפיער און האב פלייסיג געבויט א בנין פון אידישע ווערטער...

דער גלעזער האט זיך צוגעשארט צום פענסטער ארום מיין שרייב־טיש מיט גרויס פארזיכטיגקייט, א שטייגער ווי ער וואלט דורכגעגאנגען פערביי דער בעט פון א שוואכע קינפעטארין. ער האט אויפגעעפענט די פענסטער, איז ארויס אויפ'ן „פייער־עס־קייפ" און האט זיך גענומען צו זיין ארבייט. איך האב שוין דאן ניט געשריעבען, נאר ווי מיין שטייגער, געמאכט צאצקעס מיט דער פען אויף די קלעק־פאפיער פון'ם שרייב־טיש. אזוי צאצקעס אהן א צוועק. ענטלאך מיט עקען פון פיש, פינפען מיט אויסגעפינ־טעלטע דריידלאך ארום און ארום, וועלכע האבען נאכהער אויס־געזעהען גיכער ווי בית־עלמין־ווערעם איידער ציפער.

איך האָב בעמערקט אַז דער גלעזער טהוט זעהר לאַנגזאַם זיין אַרבייט. דורך דער שויב קוקט ער אַריין אויף מיין שרייב־טיש מיט אַ מאָדנעם רחמנות פּנים. אין זיין קוקען איז געווען אַ טשי־קאַוואַשע, אַ געבעט.

דער גלעזער איז נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, העכסטענס אַ יאָהר פינף און דרייסיג. די באַקען זיינען ריין געשאָרען, נאָר אויפ'ן שפּיץ מאָרדע רוהט אַ קליין בלאָנדע בערדיל. דאָס איז פון די בערדלאַך, וואָס צווישען שוהל אידען כשר'ט זי איהם פאַר אַן עהר־ליכען אידען און ווען ער פערבלאַנדזשעט מיט זיין קעסטיל גלאָז אין אַ קריסטליכער גאַס איז זי גאַנץ „מאָדערנע" און זי וועט ניט ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון לויפערשע שטיינער...

אַז ער האָט שוין אַריינגעשטעלט די שויב און איך זעה אַז ער געהט שוין אַרונטער פון פּייער־עסקייפ, רוק איך זיך אָפּ פון דער פענסטער און מאַך אַ וועג פאַר איהם דורכצוגעהן. דער גלע־זער אָבער בלייבט שטעהן אין מיין צימער. זעצט זיך אויפ'ן פענסטער און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַזאַ רחמנות פּנים, אַז איך האָב זיך דערבּיהלט צו איהם ברידערליך.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט, פעטער? — גיב איך איהם אַ פרעג געמיטליך.

— עט, צרות — ענטפערט ער אָפּ און זיפצט אַלץ אויפ'ן פענסטער.

אַ ווייַלע שווייגען מיר ביידע. נאָכהער גיט ער אַ פרעג:

— איהר שרייבט טאַקע פאַר דעם „פּייפּער" פון די אַרבייַ־טער?

— געוויס — ענטפער איך איהם — וואָס זשע דען, איך וועל שרייבען אין די „פּייפּערס" פון די רייכע?

— אַ מכה וועלען די „פּייפּערס" פון די גבירים האָבען אַזעל־כע גוטע שרייבער — גיט מיר דער גלעזער אַ חניפה און פערכאַפּט זיך באַלד — ע, זיי האָבען פיעלייכט אויך גוטע שרייבער, נאָר זיי געהען ניט אַריין אין דער לאַגע פון דעם געדריקטען מענשען.

— געוויס, געוויס זיינען זיי אכזרים — גיב איך איהם צו.

דא האט דער גלעזער אנגעשפארט זיין קעסטיל גלאז אן א וואנד פון מיין צימער, האט א ריב געטהאן א האנד אן א האנד, ווי איינער וואס איז זיך מכין צו א תפילה און האט שעהמעדיג געשטארקט געזאגט:

— איך קלייב זיך אלץ צו אריין געהן צו אייער „פייפער“ און פרעגען דעם רעדאקטאר אן עצה, נאר אזוי ווי עס האט זיך געמאכט אז איך בין דא ביי אייך אין הויז און איהר זייט דאך מיט'ן רע־דאקטאר, עהע, געוועהנליך, איהר מיט'ן רעדאקטאר, שטענדיג צוזאמען מיין איך, וואלט איהר מיר טהאן א טובה און בעמיהען א פרעג געטהאן פון מיינטוועגען ביים רעדאקטאר, און אפשר וואלט איהר מיר טאקע אליין געקענט געבען א גוטע עצה, ווארים וואס איז מיר דער יחוס דער רעדאקטאר, עהע, אפשר איהר אליין זייט ביי זיך אויך א גאנצער רעדאקטאר...

— אדרבה, לאמיך הערען — רוף איך זיך אפ פריינדליך. און איך פיהל א טיעפען מיטלייד צו דעם צער־בעל־חיים־דיגען אויס־זעהן פון אט דעם גלעזער.

— איהר מוזט מיר אבער צוזאגען — נעהמט ער מיט מיר אויס א תנאי — איהר מוזט צוזאגען ניט איבערצושלאגען מיר אין מיטען, ווייל ווער איך איבערגעשלאגען אין מיטען ריידען, ווייס איך שוין ניט וואו איך האלט, ווארים איך רייד דען? מיינע צרות ריידען אין מיר.

איך האב איהם געגעבען מיין עהרען־ווארט, אז איך וועל ניט א פיפס טהאן ביז ער וועט ענדיגען.

דער גלעזער האט א טיעפען שמערץ איינגעזאפט אין זיינע מיעדע רחמנות'דיגע אויגען און האט אנגעפאנגען:

— אין מיין ווילען ליגט יעצט דער גורל פון א מענשען'ס לעבען. דער מענש איז מיין אייגענע ווייב. זי געפינט זיך יעצט אין א האספיטאל פאר משוגעים. פון'ם האספיטאל איז מיר אנ־געקומען א בריעף וואו מען שרייבט מיר, אז מעגליך זי זאל קור־רירט ווערען פון אן אפעראציע וואס זי דארף האבען. די אפעראַ־ציע וועלען זיי אבער איבער איהר ניט מאכען וואו איך וועל ניט

געבען מיין אונטערשריפט. דאָס הייסט, איך זאָל זיך חתמה'נען, אַז זיי מאָגען מיט איהר טהאָן וואָס עס איז זיי נאָר נויטיג. און אָט דאָ קען איך זיך קיין עצה ניט געבען. ווארים זיכער זיין, אַז די אָפּעראַציע וועט איהר געזונד מאַכען, דאָס זאָגען אפילו די דאָקטוירים ניט צו. און איך וויים ביי זיך, אַז פון דער אָפּעראַ־ציע וועט זי שטאַרבען. אַזוי זאָגט מיר דאָס הארץ. פאַרקעהרט קלעהר איך: וואָס איז איהר לעבען ווערטה אָט אַזוי? שוין פיער יאָהר אַ וואהנזיניגע, אַ קראַנקע און יעצט אין אַ משוגעים הויז. אָבער איך האָב מורא צו זיין דער מלאך המות, איהר פער־שטעהט? מיר האָבען פיער קינדערלעך און אַז די קינדער וועלען מיט גאָטעס הילף אויסוואַקסען גרויסע, וואָס קענען זיי דענקען? גענומען זייער מאַמען אַוועקגעשיקט אין אַ משוגעים הויז, געהיי־סען איהר שניידען, געשטאַרבען און פּטור געוואָרען. איהר פער־שטעהט? און בפרט אַז איך אַליין פיהל מיך אויך ניט גאָר ריין אין די אורזאַכען פון איהר משוגע ווערען... און לאָמיך אייך זאָגען דעם טיעפסטען אמת, אַז איך וויל טאַקע זי זאָל שטאַרבען. ווארים וואָס איז ווערטה איהר לעבען אָט אַזוי? פּלאָגט זיך, די קינדער און מיר... וואָלט איך ניט קלעהרען וועגען איהר סוף, וואָלט איך שוין פיעלייכט געגעבען מיין אונטערשריפט, אָבער אַזוי ווי איך וויל עס, דוכט זיך מיר, אַז איך טהו עס בכיוון און איך קען זיך ניט בעשליסען ווי איך זאָל טהאָן. און... און פערשטעהט איהר מיר, איך מוז אייך דערצעהלען מיין לאַגע און ראַליע אין אָט דיעזען אונטערשריפט צו דער אָפּעראַציע. אָט דיעזע אָפּעראַציע איז טאַקע פון אַזאַ סאָרט, אַז ווען אפילו זי זאָל עס אַריבערלעבען און אפילו געהיילט ווערען פון איהר קראַנקהייט, וועט זי פערבלייבען אָט אַזוי זיך גלאַט אַ מענש צו אויסלעבען די יאָהרען... פאַר מיר, פערשטעהט זיך, פאַר מיר וועט זי זיין סיי ווי סיי אָפּגעשטאַרבען... אפילו מיר וואָלט עס ניט שטאַרק געאַרט, איך בין ווייט פון צו זיין חלילה אַ ליידאַק, קינדערלאַך האָבען מיר שוין פיער, זאָלען זיי געזונד זיין און דאָס איז גענוג. אָבער אַז איך דערמאָהן מיך, אַז אַנשטאָט אַ משוגע'נע, אַ לאַ־

בעדיגע, א צורייצטע, וועט ארומגעהן אין הויז א אומעט קאל־טער לעבען, ווערט אין מיר די בלוט פערגליווערט.

נאר מיינט ניט אז דאס איז די אורזאכע וואס איך גיב ניט מיין הסכמה צו דער אפעראציע. ניין, ניט צוליעב דעם. איך בין זיכער אז זי וועט די אפעראציע ניט אריבערטראגען, נאך דעם ווי זי האט אפגעקריינקט פיער יאהר צייט.

און טאקע פאר וואס וויל איך עפעס זי זאל שטארבען? איך וויים ניט וואו און פון וואנען עס נעהמט זיך צו מיר אזא גע־דאנק. איך האב איהר אזוי ליעב. זי איז דאך אזא שעהנהייט, א יוגענד. זי איז יעצט אין גאנצען אלט אכט און צוואנציג יאהר. צוועלף יאהר איז נאך אונזער חתונה. איך בין געקומען אין שטעדטעל אריין פון מיליטער דיענסט שוין זעקס און צוואנציג יאהר א בחור און האב גענומען א זעכצעהן יאהריגע בליהענדע שעהנהייט. זי האט מיר גענומען האבען קינדערלאך אזעלכע שעהנינקע ליעבלינקע און אלעס איז געווען גוט, ביז, ביז איך האב איהר געבראכט אהער אין אמעריקא און דא האט זי זיך געריהרט פון זינען. זי לאכט און וויינט און דארט איין פון טאג צו טאג. פון איהר שעהנקייט איז שוין באלד קיין שפור ניטא. בלויז די דארע באקען איהרע שפיעלען זיך נאך אין ראזע פאר־בען ווען זי צולאכט זיך זעהר היסטעריש.

איך האב געליטען לאנג און מיישב געווען זיך לאנג ביז איך האב זיך ערלויבט איהר אפצוגעבען אין דעם האספיטאל פאר משוגעים. און זייט איך האב איהר אפגעגעבען אהין און איך בעזוך איהר, פיהל איך צו יעדען מאל אז זי איז שוין א פארפא־לענע. איהר קוק ווערט אלץ שארפער, שניידענדער, איהר קער־פער דארער, בלאסער, און איך פיהל, אז זי האט שוין אפגע־שפיעלט איהר וועלט. און מיינט איהר אז איך פיהל צו איהר עפעס א מיטלייד? ניין, רחמנות האב איך אויף מיר אליין. אנ־נאנדערער אויף מיין ארט וואלט איהר זאגאר געהאסט און פער־געסען. איהר משוגעת דריקט זי אוים דערמיט וואס זי טרייבט מיר פון זיך, — אוועק, אוועק, איך קען אויף דיר ניט קוקען.

דאָס אַלעס וואָס זי רעדט צו מיר די לעצטע פּאָר יאָהר. איך ווייס ניט צו נעהמט זיך איהר האַס און שלעכטסקייט צו מיר, ווייל זי איז נעבאָך געריהרט געוואָרען, אָדער זי איז טאַקע געריהרט געוואָרען, ווייל זי האָט מיר אימער געהאַסט?... און דאָס זעלבע ווייס איך ניט ווי צו קלעהרען וועגען דעם איטאַליענער אייזמאַן, צו האָט זי מיט איהם געהאַט געשעפטען, דערפאַר ווייל זי איז ניט פאַר קיינעם געדאַכט משוגע געוואָרען? אָדער אפשר איז זי משוגע געוואָרען דערפאַר וואָס איך האָב איהר מיט גוואַלד און סקאַנדאַלען אַוועקגעריסען פון דעם שוואַרץ וואַנציגען איטאַליענער, נאָך וועלכען זי שרייט נאָך יעצט, אַז זי קען אָהן איהם ניט לעבען...

איהר הערט, איך האָב דערמאָהנט דעם איטאַליענער, דער אייזמאַן פון אונזער אַמאָליגער דירה. איך האָב איהם דערמאָהנט, האָט זיך ביי מיר אין הארצען אויפגעריהרט אַ וואונד. עח, עח... אַ וואונד... אַז איך דערצעהל שוין אַזוי פיעל זאַכען, לאָמיך שוין אייך דערצעהלען דיעזעס אויך. איך וועל זיך אביסעל אויסריידען וועט מיר זיין גרינגער אויף מיין ביטער הארץ.

פיער קינדערלעך האָב איך, צוויי אינגלאך, צוויי מיידלאך. די אינגסטע קינד, אַ מיידעלע דריטער יאָהר אַלט, שעהן ווי זיבען זונען און זי פערפינסטערט מיר מיינע טעג און יאָהרען. זי איז עפּעס ווי אַ שוואַרצער וועקסעל אויף מיינע צרות. אַט ווי איהר קוקט מיר אַן בין איך אַ בלאָנדער, מיין ווייב מיט נאָך העלערע האָר. אַלע פריהערדיגע קינדערלאַך בלאָנדע קעפּעלאַך, נאָר די לעצטע מיידעלע, שוואַרץ ווי פעך... אַנדערע אויגען, אַנאַנדער אויסזעהן, גאָר פערשיעדען פון אַלע קינדער. ווער עס פלעגט אַריין געהן צו אונז, האָט גלייך געפרעגט די הארבע קשיא און איך האָב זיך געשטיקט מיט בלוט אין די אויגען...

איך ווייס, איך בין זיכער, אַז דאָס איז ניט מיין קינד. אָבער ניכאָי וואָלט איהר אויסזעהן ניט וואַרפען זיך אַזוי אין די אויגען, וואָלט עס מר כלל און כלל ניט געאַרט. אדרבה, איך האָב דאָס קינד שטאַרק ליעב... געבאָרען איז עס מיט דעם אויסזעהן פון

אלע קינדער, און דורך דעם געבורט פון דיעזען קינד האב איך געדענקט, וועט זי בעסער ווערען. איך האב מיר איינגעבילדעט, אז מיט דיעזעם קינד וועט זיך אנדערש א דרעה טהאן אונזער לעבען. און נאך דעם ווי איך האב איהר אריינגעגעבען אין דעם האספיטאל, האט מיר מיין הארץ געקלעמט אויף אזא קליין עופה'לע אהן א מאמען, איך האב עס אויפגעפאסט, געשלאפען מיט איהר און דא האט עס גענומען אויסוואקסען מיט איהר אי־טאליענישען אויסזעהן... איך קען עס ניט פיינד קריגען... אדרבה, עפעס אזוי פיעל רחמנות פיה איך צו אט דעם אונגליקלי־כען קינד... עפעס א גרויסע עולה, א רצחה, איז בעגאנ־גען געווארען געגען דאס קינד. דוכט זיך, אז די גאנצע וועלט קוקט קרום אויף איהר. מען פערפאלגט דאס קינד מיט פיינדליכע בייזע אויגען און דערפאר קריעג איך עס ליעבער פון טאג צו טאג...

לייט ראטהען מיר, אז אזוי ווי מיין ווייב איז דאך סיי ווי סיי אין הויז יעצט ניטא, זאל איך דאס „לעצטע קינד" אפגעבען ער־גען אין אן אנשטאלט און א סוף, אן עק...

איך גיב א קוק אויף דאס שווארצע קעפעלע, וועלכע לויפט אום אזוי פריילאך איבער'ן שטוב. איך זינג אריין פארשענד מיינע בליקען אין איהר פנים'ל... א פרעמדער פנים... די די קנייטשען ארום די אויגלאך דערמאהנען מיר דעם אייזמאן... און ווייל איך קלעהר אזעלכע מחשבות וועגען דאס קינדעלע, וועל־כע ווייס נעבאך פון גאר ניט, ווערט זי ביי מיר טייערער, צערט־ליכער נאך ווי אלע מיינע קינדער. איך גלויב קיין זאך ניט אויף מיין קליין ארימער קינד, וועלכע איז צופעליג געבארען געווארען מיט שווארצע הערלאך... איך ווייז זיך גוט אוים און בעשליס ניט צו שיידען זיך מיט אזא ליעב קינד... פאר וואס קומט דאס איהר?... פאר וואס זאל דער גאנצער אויסגוס פון אונזערע צרות פאלען אויף דאס אונשולדיגס קליין קינד'ס קעפעלע?... און איך האב דאך אזוי צוגעוואהנט זיך, ליעב צו האבען דאס קינד... אן אונגליקליכע קינד. — — — — — — — — — — — —

זעהט איהר, פאַר איהר, פאַר מיין ווייב, אַרט מיך שוין ניט אַזוי. וואָרים וואָס איז שוין איהר לעבען ווערטה? —

ווי זאָגט איהר, דאַרף איך אונטערשרייבען זיך מען זאָל איהר אָפּערירען?

— יע, איהר דאַרפט, — ענטפער איך, ניט אַ טראַכט טהוענדיג צי איך בין קלאָהר אין דער פראַגע.

— נו, און וואָס וועלען זאָגען די קינדער? ווען זיי וועלען אויסוואַקסען, מיט גאָטעס הילף, בפרט אַז איך בין זיכער, אַז זי וועט עס ניט אַריבערטראָגען. און איך... איך באַגעהר דאָך אויך איהר סוף...

— ערשטענס, קען זיין וועט זי יע בלייבען לעבען, און צווייטענס, — גיב איך איהם אַן עצה, — צווייטענס, אויב איהר ווילט זיין ריין אין אייער געוויסען, טאַ שרייבט איין אין דעם פּאַפּיער, אַז איהר וועט קיין מאָל ניט חתונה האָבען אויב זי וועט שטאַרבען פון דער אָפּעראַציע.

דער גלעזער האָט אַ נעהם געטהאָן זיין קעסטיל גלאָז און האָט ביי מיר געפרעגט אין וועלכער צייט ער וועט טרעפען מיין רעדאַקטאָר. איך האָב געזעהן אַז פון מיין עצה איז ער ניט אין גאַנצען צופריעדען. איך האָב איהם פריינדליך געגעבען אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציאָנען. מיר האָבען זיך געזעגענט, ער איז אַוועק. אויף די שטיעגען האָט זיך געהערט זיינע שווערע מרה־שחורה׳־דיגע טריט און דאָס קלאַפּען פון זיין קעסטיל גלאָז אַן די פּאַרענצען. אין דער אָפענער טהיר האָב איך איהם לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט. טראָמ ביי טראָט האָט ער זיך געררוקט אַלץ נידעריגער אין דעם טונקעלען קאָרידאָר מיט זיין טונקעלער פערביטערטער האַריץ, און דאַכט זיך אַז אין דער טונקעלקייט האָט זיך געזעהען דאָס „לעצטע קינד“ זיינס, די טונקעלע. — — — — — — — — —

עטעל

אַן אַלמנה איז זי געבליבען. שטענדיג האָט זי געקוקט מיט גרוים מיטלייד אויף אַ פרוי, וועלכע איז געבליבען אַ יונגע אַלמנה. עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז דער אונגליק צו זיין אַן אַלמנה, איז פיעל, פיעל גרוויזאַמער ווי דער טויט. זי האָט בע־וואונדערט יעדען שמייכעל, וועלכען זי האָט דערזעהען אויף אַן אַלמנה'ס ליפּען — ווי קען זי דאָס לאַכען? ווי קען זי עס פער־ברייגנען אין געזעלשאַפט צו־גלייך מיט אַנדערע מענשען?

און יעצט איז זי אַליין אַ יונגע אַלמנה געבליבען. איהרע צוויי קינדערלאַך זיינען יתומים'לאַך. די זיעבען יאָהריגע ענעלע און דער פיער יאָהריגער בענעלע זיינען יתומים, ביטערע עלענדע יתומים'לאַך. און דאָך, איז אויף איהר ניט אָנגעשריבען, אַז זי איז אַן אַלמנה. זי אַליין, עטעל, לאַכט מאַנכעס מאָל פון אַ וויץ, ווען אימיצער זאָגט, זי פערברייגנגט מיט לייטען, און אין יענעם מאָמענט פערגעסט זי גאָר, אַז ענעלע און בענעלע, וועלכע דרעהען זיך אַרום איהר פאַרטוך, זיינען איהרע קליינע יתומים'לאַך. זי איז טאַקע נעבאַך אַן אַלמנה, אָבער פון דעסטוועגען איז זי אַ מענש מיט אַלעמען צוגלייך.

בעגעגענט זי זיך מיט אַ בעקאַנטער און יענע מאַכט איהר אַ טרויעריגע מינע, וועלכע גיט צו וויסען, אַז מען פיהלט איהר מיט וואָס זי איז נעבאַך אַן אַלמנה, אַז יענערס האַרץ וויינט מיט איהר אויף איהר שרעקליכען אונגליק, דאַן אַנטלויפט עטעל פון אַזעלכע רחמנות־אויגען. זי האָט זיי פיינד, זי וויל ניט אָנקוקען אַזעלכע פנים'ער... מענשען האָבען עס גאָר קיין שכל ניט, טראַכט עטעל, ווער בעט זיי מיך צו בעוויינען? איך ווייס אַליין מיין אונגליק. נו, איז וואָס? זאָל איך שטענדיג אַרומגעהן מיט רויט־פערוויינטע

אויגען? איך האָב שוין גענוג, גענוג טרעהרען פערגאָסען. און זי פיהלט אַזאַ שנאה צו אַט די מענשען און זי זוכט זייי אויסצומייי־דען. זי פיהלט ממש, אַז מיט זייערע בייזע אויגען קוקען זיי איהר נאָך, צי ליגט איהר נאָך אין קאָפּ אַנצוטהאָן אַ נייע וויסטעל, צי טראָגט זי טאַקע אַלע טאָג דעם קאַרסעט. עפּעס אַזאַ בייזע וועלט — אַ גרויל! דעם אומגליקליכען לאָזען זיי ניט אַ קאָפּ אויפהייי־בען. שטענדיג זוכט מען איהר אַנצוטשעפּען דעם אונגליק אויפ'ן פּלייצע. זיי ציטערען טאָמער וועט זי אויף איין מינוט זיך ארויס־שלאָגען פון געדאַנק איהר ביטערען מזל.

און עס דאַכט זיך איהר, אַז ברוך, איהר טהייערער ליעבער ברוך, וועלכער ליעגט דאָרט ערגעץ אין קבר, האַלט מיט זיי, מיט די בייזע נאַרישע מענשען. דאַכט זיך, אַז ער וויל אויך ניט לייי־דען וואָס זי שמייכעלט אַמאָל... עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אין חלום בעזוכט די בעקאַנטע און ער בעט זיי, ער רעדט זיי אָן, אַז זיי זאָלען שטענדיג דערמאָנען זיין עטלען. אַז ער ליעגט אין קבר און פוילט אַ יונגער... און שטענדיג דערמאָנט ער איהר אָן די צוויי קליינע יתומים'לאַך...

— וואָס האָסטו צו מיר? — טענה'ט זי מיט איהר פערשטאָר־בענעם ברוך'ן, — וואָס בין איך שולדיג? איז מיר דען גוט וואָס דו ביזט אַזאַ יונגער אַוועק פון דער וועלט? האָב איך דען ניט איינגעלייגט די וועלט, אַז דו זאָלסט געזונד ווערען? מישטיינס געזאָגט וואָס מיין לעבען איז יעצט ווערטה אָהן דיר, אַז די קינ־דערלאַך האָבען ניט קיין טאַטען! טאָ וואָס־זשע פערגינסטו ניט וואָס איך געה אין גאָס? וואָס איך רייד מיט מענשען? וואָס איך זעה די זון? ס'איז מיר דען ליכטיג די וועלט?

נאָר איהרע טענות העלפען ניט. ברוך האַלט מיט לייטען. און ער, צוזאַמען מיט זיי, פאָדערען מיט זייערע שטומע בליקען אַז זי, עטעל, זאָל זיין פערזאָומערט, זאָל ניט הנאה האָבען פון די פרישע ריינע פריהלינגס לופט, זי זאָל זיך ניט פערקוקען אויף די גרינע גראָז, אויף דער אויפגעהעגדער זון. וויינען זאָל זי, טרעה־רען דאַרף זיך פערגיסען. יע, זי וויים, זי פיהלט, אַז מען פאָדערט

עס פון איהר, ברוך אויך; ברוך נאך מעהרער פון אלעמען...

אין עס דאכט זיך איהר, אז זי הויבט אן ברוך'ן צו האסען דערפאר... ער איז איהר ניט געטריי, ער פערגינט איהר ניט וואס זי קען ארומשפאצירען מיט די קינדערלעך. ער איז איהר שטענדיג חושד, אז זי וועט חתונה האבען מיט אימיצען... זי האט עס גאר ניט ערווארטעט. ניט שעהן, זעהר ניט שעהן פון זיין זייט...

און אנדערש מאל דוכט זיך איהר, אז ברוך איז ניט נאר אונ־גערעכט. זי איז טאקע זעהר פיעל געגען איהם שולדיג. טאקע ווען ער איז קראנק געווען, האט זי זיך גאר אין זינען ניט געהאט. נאר איהם האט זי צוגעזעהען. איהר איז קיין זאך ניט שווער געווען צו טהאן פאר איהם, אבי עס זאל איהם זיין צו רפואה. ווען זי וואלט נאר געקענט, וואלט זי א העלפט קראנקהייט צוגענומען פון איהם, אבי ברוך'ן זאל זיין גרינגער. נאר זי דערמאנט זיך אט יענעם מאמענט, ווען ער האט אויסגעהויכט זיין לעצטען אטהעם און אלעמענס ליפען האבען ארויסגערעדט ג ע ש ט א ר־ב ע ן, האט זי גלייך א טראכט געטהאן וועגען זיך... וואס זי דארף נעבעך בלייבען א'ן אלמנה; אין הויז איז שוין ניטא קיין בעל מפרנס. זי געדענקט ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד, האט זי עס טאקע גע'טענה'עט: וואס איהר מזל איז א ביטערער, אלע צרות האט זי שוין געהאט, נאר דאס האט איהר געפעהלט, האט זי עס שוין אויך, אז אלמנה געבליבען. צו די קינדערלאך האט זי זיך צושריען, אז זיי זיינען יתומים'לעך, די מאמע, די אלמנה, וועט אייך דארפען ערנעהרען. און ער, דער ערשט גע־שטארבענער ברוך, האט שוין ביי איהר ניט פערנומען אזא וויכ־טיגען פלאטץ אין געדאנק, ווי דער פאקט, דאס זי, עטעל, בלייבט נעבעך אן אלמנה...

ווען מען האט איהם ארויסגעטראגען פון שטוב און עטעל איז ארויס צו דער לויה, האט זי געהערט ווי צוויי ווייבער שוש־קען זיך.

— סארא גזר דאס איז, — שעפּטשעט איין אידענע, — אזא יונגע נעבעד געבליבען מיט צוויי פּיצלעך קינדער.

עטעל האט זיך נאך העכער, נאך שטארקער צו־וויינט..

די צווייטע זאגט:

— זי איז נאך א יונגע, שעהן ווי גאלד, זי וועט נאך קענען התונה האבען, וואס די ערד דעקט צו, פערגעסט מען.

עטעל האט עס געהערט... זי האט געוואלט צוקריגען זיך מיט דער אידענע. ווי קען מען דאס האבען א הארץ יעצט צו ריידען אזעלכעס? זי וועט דאך אבער ניט געהן קריגען זיך יעצט, און נאך וועגען וואס?... נאר געוואלט האט זי אלעמען איבערצייגען, ווייזען איהר פערוואונדעטע הארץ, אז ניט זי, ניט עטעל, וועט חתונה האבען מיט אימיצען, נאך דעם ווי איהר טהייערער ברוך איז אוועק אזא יונגער פון דער וועלט.

אין שבעה, איז געקומען איהר מנחם אבל זיין ברוך׳ס א קרוב, א רעדעוודיגער איד, ניט גאר קיין נאר. פאר׳ן אוועקגעהן גיט ער א זאג:

— עך, עך, וואס די ערד דעקט צו, מוז מען פערגעסען, אויף די קינדערלאך איז נעבעך א רחמנות, זיי וועלען זיך האדעווען יתומים׳לאך אהן א טאטען, אבער דו, עטעל, דו ביזט נאך א גאנץ שעהן ווייבעל, מיט א קיילעכדיגען פּנים׳ל, עך, עך...

זי האט זיך צו־וויינט. ווען די הארץ וואלט איהר ניט געווען אזוי פערביטערט, וואלט זי איהם גוט אויסגעזידעלט און ארויס־געטריעבען.

אז עס זיינען אריבער א פּאר מאנאטען, און ווען אימיצער פלעגט איהר א זאג טקאן אזעלכע ווערטער, האט זי זיך שטארק געקריגעט מיט יענעם. זי האט יענעם איבערצייגט, אז מען האט א גרויסען טעות אין איהר. און מען דארף אזעלכעס ניט ריידען. מען פערשאפט איהר דערמיט גרויס הארץ וועהטאג, און פאר ברוך׳ן איז דאס ניט קיין כבוד. נאר אין מיטען אט די פלאם־פייערדיגע רייד, וועלכע זי האט ווירקליך ארויסגעזאגט פון טיעפען הארצען, האט אימיצער ערגעץ ווייט, ווייט מיט א פער־

שטיקטען קול א געשריי געטהאן: אז פון דעסטוועגען קען מען ניט וויסען וואס „ווען עס איז" וועט זיין...

עטעל האט עס ניט ווילענדיג געהערט...

א ביסעל שפעטער, ווען מען האט אין גאנצען אויפגעהערט צו ריידען וועגען איהר, ווייל זי איז שוין ניט געווען די פראגע פון טאג, און, ווייל מען האט געכאפט געזידעלט פון איהר פאר אזעלכע רייד, האט עטעל'ן פערדראסען וואס מען האלט איהר שוין פאר א פער'משפט'ע — אוים עטעל ! מיט'ן שווייגען פאַ־דערט מען פון איהר, זי זאל זיין אזוי, ניט זי אליין טהוט עס פון גרוים איבערגעבענהייט צו איהר פערשטארבענעם מאן... און שמערצליך איז איהר איבערהויפט דאס, וואס די בייזע מענשען, וועלכע טראכטען וועגען איהר ניט גוטעס, האבען דאכט זיך שטענ־דיג ברוד'ן אויף זייער זייט. ברוד האט צו איהר טענות און זי וויים ניט אייגענטליך וואס ער וויל...

יעצט איז שוין באלד צוויי יאהר נאך זיין טוידט. ברוד'ס טענות האבען נאך ניט אויפגעהערט. וואס מעהרער זי זוכט פון איהם צו דערווייטערען זיך, אלץ שטארקער און אפענער ווערען זיינע טענות...

פארנאכט לויפט עטעל שנעל אהיים פון שאפ. זי וואלט שוין וועלען זעהען די קינדער. יעדער טאג אין שאפ, איז איהר ווי א לאנגער פוילער יאהר. זי טראכט ביי זיך: אז ענעלע האט זיך געשפיעלט מיט שוועבעלעך, די קליידלאך האבען זיך אויף איהר אנגעצונדען. עס איז שווארץ די גאס פון מענשען, מען שטעהט דארטען פולל ארום דעם אפטייק, וואו מען האט ענעלע'ן אריינ־געטראגען א צוברענטע. און אפשר האט זיך בענעלע פון די שטיגען ארונטערגעקייקעלט, א הענטעל אויסגעבראכען, צי מיט א ביינדעל זיך דערווארגען, אדער א פעני ארונטערגעשלונגען.

זי קומט אהיים, דערזעהט זי איהרע קינדערלעך שפיעלען זיך מיט מיסעס בערעלסאן'ס קינדער, ביי וועלכער זי וואהנט אין א צימער, ווערט זי פרייליכער, זי פיהלט גאר ניט ווי די ביינער ברעכען איהר פון דעם שווערען טאג ארבייט. זי כאפט זיך ארום

מיט די קינדערלאך, קושט זיי, שטיפט מיט זיי, גיט זיי עסען און איז צופריעדען.

שפעטער צו, אין אבענד, לייגט זי די קינדערלאך שלאפען. אין הויז איז אזוי טרוקען,ווארעם. איהרע צוויי מלאכים'לאך שלאפען אזוי שעהן. עטעל איז זעהר אויפגעלעגט. מיסטער בע־רעלסאן לעזט איהר פאר פערשיעדענע נייעסען פון צייטונג. זי הערט זיך אן אזוי פיעל אונגליקען, אז זי פיהלט זיך כמעט ווי גליקליך...

מיט אמאל ווענדעט זיך צו איהר בערעלסאן:

— זאגט נאר, עטעל, איהר קענט מיין לאנדסמאן, וועלכער קומט אהער אריין און שפיעלט מיט מיר א דאמקע?

— אט דער הויכער מיט שווארצע וואנצעס? — פרעגט עטעל, און זי לייגט גלייך צו, אז ער איז שוין א בחור אין יאהרען, ער מעג שוין הערען כלי־זמר...

— ער וויל טאקע הערען כלי־זמר, — רופט זיך אפ בערעלסאן.

— אז מען וויל, נעהמט מען און מען האט חתונה, — בע־מערקט מיסעס בערעלסאן פון קיך ארויס.

— איהם געפעהלט אבער אונזער בארדערקע, — שמייכעלט בערעלסאן.

עטעל איז רויט געווארען אין פנים און האט גאר ניט גע־ענטפערט.

— איהר ווייסט, עטעל, — רעדט ווייטער בערעלסאן, — איהר ווייסט, דער בחור האט א שטיק געלד.

— ער האט געלד איז איהם גוט, — ענטפערט עטעל געלאסען.

— ער האט א טהייערען כאראקטער, — הערט זיך מיסעס בערעלסאן'ס שטימע.

— און וויפיעל איז דער שיעור, אז אזא יונגע פרוי ווי איהר זאל זיך פלאגען? — טענה'ט בערעלסאן אין א מסור'דיגען טאן. — איהר טהוט ווען דערמיט א טובה? וויפיעל מיינט איהר וועט איהר קענען ארבייטען אין שאפ? ווי לאנג נאך וועט איהר

אזוי בלהיען און זיין יונג? א מענש ווערט עלטער, בפרט אז מען ארבייט אין א שאפ, און נאך א פרוי.

— אט טשעפעט זיך אפ, איך בעט אייך! — רעדט ארוים עטעל שטריינג, — איהר וועט מיר ניט איינריידען, עס איז אומ־זיסט אייער מיה, שיט ניט קיין זאלץ אויף די וואונדען.

— איהר טהוט אבער דערמיט קיינעם קיין טובה ניט, — רעדט ווייטער בערעלסאן.

— אבער וואס איז דאס אייער דאגה? — ווערט שוין עטעל אין כעס.

— וואס האסטו זיך צו איהר צוגעטשעפעט? — שריים מיסעס בערעלסאן, ארויסקומענדיג פון קיך — יענע וויל ניט ליידען און ער רעדט זיך דאס זייניגע.

מעהר האט מען וועגען דעם ניט גערעדט.

עטעל האט דיעזען אבענד וועגען קיין זאך ניט גערעדט. זי איז אפגעזעסען דעם גאנצען אבענד שטיל און פארטראכט...

נאך א לאנגען טיעפען זיפץ, האט זי זיך אויפגעהויבען און איז אריין צו זיך אין צימער. אריינקומענדיג אין דעם פינסטערען צימער, האט זי דאכט זיך געזעהען, ווי אימיצער איז נאר וואס אנטלאפען פון בעט. נאר זי האט ניט בעמערקט אין וועלכען זייט מען איז אנטרונען געווארען...

ברוך, איז איהר גלייך ארויפגעקומען אויף'ן זינען. אזוי ווי ברוך וואלט דא געווען... אט זעהט זי ווי די קענדערלאך שלאפען. אויף זייערע שלאפענדע פנים'לאך איז נאך קענטיג אן אויסדרוק, אזוי ווי ברוך וואלט צו זיי גערעדט. יע, ברוך האט דא גערעדט צו די קינדערלאך, ער האט איהר פער'מסור'ט צו זיי: דער מא־מען רעדט מען שדוכים, זי וויל צו אייך נעהמען א פרעמדען טא־טען, וועלכער האט זיך געאפפערט פאר אייך און איז אוועק א יונגער פון דער וועלט, — איהר הערט, קינדערלאך? אייער מאמע איז א צולאזענע, א שלעכטע, זי וויל גוט לעבען, זי וויל ניט געהן אין שאפ. פאר וואס, אז איך האב געלעבט האב איך געארבייט פאר אייך און פאר אייער מאמען אויך, און אפשר דערפון בין

איך קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען?... זי וויל ניט קראַנק ווערען און שטאַרבען, זי וויל יעצט מיט איהר שעהנעם פּנים'ל אריינכאַפּען אַ חתן, ווייל שפּעטער וועט זי ווערען מיאוס'ער, דער שאַפּ וועט איהר דאַרער מאַכען, אַ גאַנצען אָבענד האָט אייער מאַמע וועגען דעם געטראַכט, פריהער האָט זי כּלומרשט געמאַכט אַז אַנשטעל און האָט ניט געוואָלט הערען וועגען דעם, נאָכדעם האָט זי וועגען דעם געטראַכט און האָט געוואָלט, מען זאָל ווידער ריידען וועגען דעם רייכען בחור... קינדערלאַך, אייער מאַמע וויל פערגעסען אייער טאַטען, איהר זאָלט עס ניט דערלאָזען, מיינע טהייערע יתומים'לאַך, איהר זאָלט עס ניט דערלאָזען...

אַזוי האָט גערעדט ברוך צו די קינדער אין שלאָף...

עטעל האָט זיך אויסגעטהאָן און האָט זיך געלייגט אין בעט. ביז זי איז איינגעשלאָפען האָט זי געפיהלט, ווי אַז דער זייט, אַ ביסעל הינטער איהר, שטעהט ברוך מיט אַ בייזען, שווייגענדיגען פּנים...

אויף מאָרגען, ווען עטעל איז געגאַנגען אין שאַפּ, האָט אַ וויל־דער שטורם געבושעוועט איבער די גאַסען. עס איז קיין וועגען נאָך ניט געווען אויסגעטראָטען, ווייניג מענשליכע טריט האָבען זיך געזעהן אין די גרויסע קופּעס שנעע. אַ ווייסער שטויב האָט זיך געטראָגען און מען האָט ניט געקענט וויסען צי דאָס שיט זיך פון הימעל צי פון דער ערד.

אַ דערפראָרענע מיט צונעצטע שיך ביז דורך די זאָקען, מיט אַ צופּאַטשטען, רויטען פּנים, האָט זי זיך קוים אריינגעכאַפּט אין שאַפּ.

זיצענדיג אַ גאַנצען טאָג ביי דער אַרבייט, פיהלענדיג די קאַל־טע נאַסקייט אין די פיס, אַמאָל אַ שטעכענים אין אַ זייט, האָט זי זיך דערמאָנט אָן ברוך'ן, ווי ער פערפלאָגט איהר, ווי ער ער־שיינט שטענדיג אַ בייזער אַ פּעראָומערטער אין אַ שוואַרצען געשטאַלט אויף די ווייסע ווענד אַרום שאַפּ, און זי פיהלט אַז ער האָט גאָר מיט איהר קיין מיטלייד ניט וואָס זי אַרבייט און לייי־דעט אַזוי פיעל, אַזוי שווער, צוליעב די קינדער'ס וועגען. איהם

איז טאקע אז אד און וועה. אזא יונגער צו פוילען אין דער ערד. אבער איז דען איהר לעבען בעסער ווי געשטארבען ? און ווי וואלט געווען ווען זי שטארבט אוועק א יונגע, הא ? דאס איז שוין גאר א נייער געדאנק פאר איהר. ווי וואלט געווען א שטייגער, ווען זי שטארבט און ער, ברוך, שטעלט זיך אפ ? ער וואלט נאך איהר זעהר פיעל געקלאגט. אבער ער וואלט חתונה געהאט מיט אנאנדערער. יע, געוויס וואלט ער אזוי געטהאן. ער וואלט איהר שנעל פערגעסען. איהר וואלט עס טאקע אין קבר זעהר פערדראסען, אבער זי וואלט איהם ניט פערפאלגט אזוי פיעל, ווי ער, איהר יעצט...

איהרע קינדערלאך וואלטען געליטען פון א פרעמדער פרוי, און ברוך וואלט אפשר קיין מאהל ניט חושד געווען זיין צווייטע פרוי, אז זי גיט ניט די קינדער עסען גענוג...

און אפשר ? אפשר איז טאקע פון איהר א גרויסע נארישקייט וואס זי פלאגט זיך אזוי. ווען טהוט זי דערמיט א טובה ? און אויב ברוך וועט איהר דעם גאנצען לעבען ערשיינען אויף די ווענד אין א בייזען געשטאלט, דארף זי איהם קיין אויפמערקזאמקייט ניט שענקען, אט טאקע דערפאר וואס ביי איהם איז רעכט צו פאדערען פון איהר, זי זאל ליידען, ליידען וואס מעהר. ער פאר זיך וואלט דאך געפונען א היתר, און זיין היתר וואלט דאך געווען אוים פשוט'ע לוסט צום לעבען. און אפשר וואלט ער זיך גאר ניט געוואלט גערעכט מאכען פאר זיך זעלבסט... וועהרענד ביי איהר איז עס א פראגע פון ברויט, ברויט וויל זי פאר איהר מיט די קליינע יתומים'לאך. און ווען זי וואלט געקענט זיצען אין הויז, האבען רוהיג פרנסה, וואלט זי דאך ערשט געקענט אכטונג געבען אויף די קינדער.

און עטעל האט ביי זיך בעשלאסען, אז ברוך איז אונגערעכט, ניט נור געגען איהר, נאר געגען די קינדער; אלע זיינע טענות זיינען בלויז, וויל ער האט זיך אליין ליעב. צייט ער איז געשטארבען איז ער געווארען נאך א גרעסערער עגאאיסט.

וואס וויטער, וויטער איז זי אלץ פעסטער איבערצייגט גע־

וואַרען, אַז ברוך איז דער אונגערעכטער. אויס, מעהר וועט ער איבער איהר קיין שליטה ניט האָבען.

און ווירקליך, מיט דעם בעשלוס האָט זי צושלאָגען אַלע זיינע טענות געגען איהר. ברוך האָט איהר אויפגעהערט צו פערפּאַלגען. עטעל האָט פרייער אויפגעאָטהעמט...

אַ געוויסען פאַרנאַכט, ווען עטעל איז געגאַנגען פון דער אַר־בייט, האָט זי אויף די שטיגען בעגעגענט אַרונטערקומענדיג בע־רעלסאָן'ס לאַנדסמאַן. ער האָט איהר זעהר העפליך בעגריסט. עס האָט איהר אָנגעהויבען קלאַפּען אין האַרצען. זי האָט זיך שנעל בערוהיגט און איז אַריין אין הויז. די פרעהליכקייט, מיט וועלכע די קינדערלאַך בעגעגענען איהר, פערטרייבט שטענדיג איהרע געדאַנקען וועגען אַנדערע זאַכען.

ביים עסען האָט עטעל איראָניש אַ פרעג געטהאָן

— היינט איז דאָ אויך געוועזען אייער לאַנדסמאַן?

— אַלע טאָג כמעט קומט ער צו אונז, — האָט געענטפערט בערעלסאָן.

שפּעטער, אין אָבענד, ווען בערעלסאָן האָט זיך שוין געקליבען צו געהן שלאָפען, האָט עטעל, נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת, אַ פרעג געטהאָן אין געלעכטער:

— אַנדערש לוינט זיך ניט אייער אַלטען „דזשאָק", ווי מיר צו נעהמען פאַר אַ כלה? כאַ, כאַ, כאַ, וואָס איינעם קען זיך פער־גלוסטען! זי האָט זיך פערשעהמט און האָט גלייך חרטה געהאַט אויף איהר אָפּענעם אינטערעסירען זיך מיט איהם.

— אַז איהר ווילט דאָך ניט הערען און זעהן וועגען דעם, — ענטפערט בערעלסאָן, שוין אַריינגעהענדיג אין זיין שלאָף־צימער.

אויף מאָרגען אין אָבענד האָט עטעל אַ זאָג געטהאָן שטיפעריש:

— ווער זאָגט דען, אַז איך וויל איהם ניט? כאַ, כאַ, איך שטאַרב נאָך איהם, איהר זעהט דען ניט, אַז איך געה אויס נאָך איהם? און זי לאַכט זיך אוננאַטירליך פאַרנאַנדער.

— אַפּלאַכען פון איהם דאַרפט איהר ניט, — זאָגט בערעלסאָן

אין אַ שטרייגגען טאָן, — ער איז דאָך אַ מענש, ער האָט דאָך אייך קיין שלעכטס ניט געטהאָן.

— חלילה — גיט עטעל אַ זאָג ערנסט — וואָר לאַכט דען? איך לאַך פון איהם ניט.

מעהר האָט מען וועגען דעם גיט גערעדט.

איין מאָל, אַ זונטאָג, ווען בערעלסאָן'ס לאַנדסמאַן האָט פער־בראַכט מיט בערעלסאָן'ען ביי אַ דאַמקע, איז עטעל אַ גאַנצען טאָג פון שטוב ניט אַרויס.

פון געצעהלטע איבערוואָרפענע ווערטער איז מען אַריבער אויף אַ לאַנגגען געשפּרעך וועגען וועלט־זאַכען.

צו אָבענד צו זיינען אַלע צוזאַמען שפּאַציערען געגאַנגען; עטעל אויך.

אויף דעם צווייטען אָבענד, האָט שוין עטעל אַליין שפּאַציערט מיט בערעלסאָן'ס לאַנדסמאַן.

עטעל האָט שוין מיט איהרע בעלי הבתים גערעדט מיט גרויס רעספּעקט וועגען זייער לאַנדסמאַן.

— איהר ווייסט, עטעל, — רופט זיך איין מאָל אָפּ בערעלסאָן, — מיין לאַנדסמאַן האָט מיך געבעטען איך זאָל מיט אייך ריידען אָפענע דבורים.

— נו, לאָמיך הערען, — ענטפערט עטעל גאַנץ צופריעדען.

— ער וויל, עס זאָל שוין ביי אייך ביידען עפּעס זיין, לייט ריידען דאָך שוין סיי ווי סיי, אַז צווישען אייך וועט זיין אַ שידוך.

— כ'ווייס? — זאָגט עטעל אַביסעל פערשעהמט, — כ'ווייס? איך האָב געגען איהם גאָר ניט.

— נאָר עס איז דאָ אַ פּונקט, — רעדט ווידער בערעלסאָן.

— וואָס פאַר אַ פּונקט? — פרעגט עטעל נייגעריג.

— איהר ווייסט דאָך, עטעל, אַז אַ שידוך איז דאָס פאַר אייך אַ גוטער, ערשטענס אַ בחור, אַ זעהרליכער מאַן, און טאָקע אַ ריי־כער בחור, נאָר איין פּונקט וויל ער אויסנעהמען, אַה, איהר פער־שטעהט מען קען איהם דערפאַר ניט פערדענקען אויך, עה...

— נו, נו, זאָגט שוין, — ווערט עטעל אונגעדולדיג.

— ער ווײל, פערשטעהט איהר מיד, אז אײערע קינדער זאלט איהר ערגעץ אוועקגעבען.

— וואס ? — פרעגט עטעל ערשטוינט, — וואס ? די קינדער? וואו קען איך זיי אהין טהאן ?

— עס איז דא א ווייזען־הויז, — רעדט בערעלסאן געלאסען.

— ווי קענט איהר עס ריידען ? מיסטער בערעלסאן ? — ווערט עטעל אויפגערעגט.

— וואס מיינט איהר איז דא דער גרויסער אונגליק ? — גיט איהר בערעלסאן צו פערשטעהן, — די קינדערלאך וועלען זיך דאר־טען גאנץ פיין אויסהאדעווען, זיי וועלען ווערען גרויס, וועלען זיי ארויס פון דארטען פאלגע מענשען, און ווידער ? איהר וועט זיי דאך קענען זעהן צו יעדער צייט, איהר דארפט וויסען, אז איהר טהוט א רייכען שידוך.

עטעל האט גאר ניט געוואלט ענטפערען. מיט א קללה אויף איהרע ליפען, האט זי פערמאכט האסטיג די טיהר פון איהר צימער.

א גאנצע נאכט האט זי געהאלטען שטייף ארומגענומען איהרע יתומים'לאך און הייסע ביטערע טרעהרען האבען געקאפעט פון איהרע פערווייינטע אויגען אויף די צוויי בלאנדע שלאפעדיגע קעפעלאך.

אויף מארגען אין דער פריה, ווען זי איז אוועק צו דער אר־בייט, האט איהר זעהר געריסען דאס הארץ אויף די קינדערלאך. איהר האט זיך געדוכט, אז די ווייזען־הויז איז עפעס א ווילדע משונה'דיגע חיה, וועלכע לאיערט אויף איהרע צוויי עלענדע שעפ־סעלאך און וויל זיי איינשלינגען אין איהר גרויס פארגאנדערגע־עפענטען מויל.

פון דאן אן, האט זי נאך מעהרער אנגעהויבען ציטערען אי־בער איהרע קענדערלאך.

א מאדנעם האס זי דערפיהלט צו דעם רייכען אלטען בחור. זי האט מעהר ניט געוואלט בעגעגענען זיך מיט איהם. און דערי־בער האט זי בעשלאסען ארויסצוקלייבען זיך פון די בערעלסאן'ס.

א לאנגע צייט האט זי ארומגעזוכט א צימער. ניט יעדערער

ווייל האבען א בארדערקע מיט צוויי קינדער. נאר דא האט פלוצ־לונג עפעס פאסירט, איבער וואס זי האט געמוזט ווידער פער־בלייבען אויף איהר אלטע וואהנונג.

זי האט זיך אריינגעשטאכען א מאשין־נאדעל אין א פינגער און האט ניט געקענט ארבייטען.

וואכען נאך וואכען איז זי געגאנגען צו דאקטוירים מיט'ן קראנ־קען פינגער. די דאקטוירים האבען ערקלעהרט: אז מעגליך מען וועט דארפען דעם פינגער ארונטערגעהמען. נאר אויב ניט, וועט דער פינגער יעדענפאלס פערבלייבען א קריפעל. זי וועט איהם נים קענען בעוועגען. ער וועט זיין ווי אן אפגעשטארבענער אבר.

זי האט זיך פערשולדיגט, אנגעליהען געלד, וואו זי האט נאר געקענט. די בערעלסאן'ס האט זי געקומט א שטיק מיט געלד, זיי זיינען אליין ארימע מענשען, זיי קענען עס ניט אויסהאלטען.

און עטעל האט אנגעהויבען ריידען מיט די קינדערלאך, אז זי וועט זיי אוועקגעבען אין ווייזען־הויז.

— וואס איז דאס ווייזען־הויז? — פרעגט ענעלע און גלעט דער מאמען פאר'ן באק.

— וואס איז דאס ווייזען־הויז? — פרעגט איבער בענעלע און דרעהט זיך איין אין דער מאמע'ס קלייד.

— א ווייזען־הויז... א ווייזען־הויז? — ערקלעהרט זיי עטעל, — דאס איז א היים פאר ארימע קליינע יתומים'לאך. איך וועל אייך אהין אוועקפיהרען. מען וועט אייך דארטען געבען גוט עסען, שעהנע צאצקעס און איהר וועט דארטען זיין, ביז וואנען איך וועל געזונד ווערען און קענען ווידער פערדיענען געלד.

— אט אזא פולע געלד, — גיט א זאג בענעלע און שטעלט אז זיין הויפען, ווי ער וואלט געהאלטען עטליכע פענים.

— און דו, מא? — פרעגט עני, — וועסט אויך מיט אונז דארטען זיין?

— ניין, מיין קינד, א מאמען לאזט מען דארטען ניט זיין, — ענטפערט עטעל, — איך וועל קומען צו אייך אלע טאג.

— איך וועל ניט געהן אהין, — וויינט ענִי, — איך וויל ניט געהן אהן דיר.

— איך וועל ניט געהן אהן מאַמען, — חזר'ט איבער בעני.

— אַז איך האָב דאָך דאָ ניט וואָס צו געבען אייך עסען! — בעט זיך ביי זיי די מוטער.

— מיר וועלען ביי דיר ניט בעטען עסען, — פערזיכערט איהר ענִי. — מיר וועלען דיר אַלעס פאָלגען און ניט בעטען עסען, — דערביי ווענדעט זי זיך אין אַ מוסר־טאָן צו בעני'ן, — דו הערסט בעני, אַז די מאַמע וועט הייסען זיין שטיל, זאָלסטו ניט קלאַפּען. דו הערסט? אַז ניט...

דאָ האָט זיך עטעל צו־וויינט. די קינדער האָבען זיך דער־שראָקען, האָבען זיך איינגעקלאַמערט אין דער מאַמען און האָבען אַ גאַנצען טאָג פון איהר ניט אַפּגעטראָטען, ביידע האָבען זיי איהר אַריינגעקוקט אין די אויגען, האָבען איהר געגלעט דעם פּנים און ניט אַפּגעלאָזען פון זיך, ווי זיי וואָלטען מורא האָבען, אַז אימיצער וועט באַלד אַריינקומען און וועט זיי מיט גוואַלד צושיידען מיט זייער טייערער מאַמען.

ביי דעם מינדעסטען שאָרך, וואָס עס האָט זיך געהערט אין טיהר, פלעגען די קינדער פערציטערט ווערען.

אבענדס, ווען בערעלסאָן איז געקומען פון דער אַרבייט, האָט איהם עטעל געבעטען, אַז ער זאָל זיך סטאַרען פאַר איהר, אַז מען זאָל די קינדער צונעהמען אין ווייזען־הויז.

— נו, געוויס, — רופט זיך אָפּ בערעלסאָן, — איהר קענט זיך דאָך אַנדערש ניט העלפען.

— נו, איך בעט אייך מיסטער בערעלסאָן, — בעט זיך די אַלמנה,— טהוט וועגען דעם, עס איז ביי מיר רעכט כאָטש שוין. אַזוי האָב איך בעשלאָסען, איך וויל עס שנעלער איבערקומען,—זי האָט געכאַפּט די קינדער קושען. די קינדער האָבען זיך אָנגע־האַנגען אַן איהר, איינגעקלעפּט זיך אין דער מאַמען, ווי זיי וואָל־טען וועלען אויף דער רגע צוזאַמען שליסען זיך מיט זייער גוטער, טייערער מאַמען, אַז מען זאָל זיי ניט קענען פאַרנאַנדערנעהמען.

די הויז איז אנגעפילט געווארען מיט ביטערע יללות.

נאכ׳ן עסען איז בערעלסאן אוועק איז גאס, ערקלעהרענדיג זיין בארדערקע, אז ער וועט באלד קומען מיט א תשובה.

די קינדערלאך האבען עס דערהערט, האבען זיי גענומען יאַמערען און בעטען זיך ביי עטלען רחמים, אז זאל ניט לאזען קומען איהם צו זיי מיט דער תשובה. דער אונבעקאנטער ווארט, תשובה, איז זיי אויסגעקומען שרעקליך. זיי האבען פערשטאַנען, אז אט די „תשובה" האט עפעס א שייכות מיט יענער פרעמדער היים, וואו די מאמע וועט ניט זיין לעבען זיי...

אז בערעלסאן האט זיך צוריק בעוויזען אין טיהר, האט ענעלע געכאפט בענעלע׳ן פאר א האנד, איז מיט איהם אנטלאפען אין זייער צימער, און האט זיך מיט איהם פערקליבען אונטער׳ן בעט.

עטעל איז צוגעגאנגען צום בעט, האט זיך איינגעבויגען א קוק טהאן וואס די קינדער טהוען דארט. ענעלע מיט בענעלען זיינען ווייט אין א ווינקעל אונטער׳ן בעט, איינגעקלאמערט איינע אין די אנדערע און ביידע האבען זיך פעסט געהאלטען אן דער פיסעל פון בעט.

— קומט אהער, קומט אהער מיסטער בערעלסאן, — וויינט עטעל. — זעהט נאר מיינע צושראקענע טייבעלאך.

בערעלסאן איז אריין אין צימער. די קינדער האבען פון אונטער׳ן בעט דערזעהן בערעלסאן׳ס פיס, האבען זיי אויסגעבראַכען אין ווילדע קולות און, טופענדיג דארטען מיט די פיסלאך, האבען זיי געשריען:

— ניין, ניין, ניין.

מיט מאדנע אויגען האבען דאן די קינדער געקוקט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א צייט לאנג האט מען עטלען געמינטערט, ביז מען האט איהר געבראכט צו זיך. באלד ווי זי האט געעפענט איהרע מידע אויגען, האט זי ארויסגערעדט שטאמלענדיג:

— מיינע שעפסעלאך, מיינע עלענדע שעפסעלאך. ברוך׳ס אויגען האבען דאך אויך פון אונטער׳ן בעט ארויסגעקוקט, בייז,

שרעקליך בייז, האָט ער געקוקט אויף מיר, ער גלויבט מיר ניט, ברוך, ער גלויבט מיר ניט אַז איך האָב קיין אַנדער אויסוועג ניט. קיינער האָט זיך צו איהר פּלאַפּלעריי ניט צוגעהערט...

עס איז שוין דריי מאָנאַטען ווי עני און בעני זיינען אין וויי־זען־הויז. די קינדער האָבען זיך שוין צוגעוואָהנט צו זייער נייער היים, וועלכע שיינט צו זיין ניט גאָר שלעכט. עטעל בעזוכט זיי אַזוי אָפט ווי זי האָט אַ געלעגענהייט. און זי האָט זיך שוין אויך אַביסעל צוגעוואָהנט צום געדאַנק, אַז די קינדער זיינען ניט מעהר מיט איהר.

איהר קראַנקער פינגער בעסערט זיך, נאָר וועגען קענען אַר־בייטען איז נאָך קיין אויסזיכט ניטאָ. גליקליך איז זי נאָר, וואָס די קינדערלאַך פעהלט גאָר ניט.

איהרע בעלי־בתים פון דער דירה זיינען צו איהר צוגעשטאַ־נען, אַז זי זאָל ניט אָפּשטויסען דעם שידוך; יעצט האָט זי די בעסטע געלעגענהייט צו ווערען גליקליך אויף איהר גאַנצען לעבען. וואָרום ווער ווייסט צי וועט זי גאָר קענען אַרבייטען? און וואָס וועט זי טהאָן ביז זי וועט שוין יע קענען אַרבייטען? די קינ־דערלאַך זיינען דאָך שוין סיי ווי סיי אין ווייזען־הויז. אפשר נאָך דער חתונה, וועט זי זיי קענען נעהמען צו זיך, ווי זאָגט מען? אין אַ גוט לעבען קען מען אַלעס אויספיהרען.

און דער רייכער בחור טרעט יעצט ניט אָפּ פון הויז. ער האָט דערפיהלט, אַז יעצט איז די גינסטיגע צייט, ווען עטעל, די שעה־נע עטעל, וועט איהם צונעהמען מיט אָפענע אָרעמס.

עטעל האָט ענדליך מסכים געווען. נאָר גלייך ווי זי האָט שטיל אַרויסגערעדט: „יע", האָבען פון ערגעץ אַרויסגעקוקט ברוך'ס בייזע אויגען און מיט זיין טוידטע דאַרע ביינערנע האַנד, האָט ער איהר געסטראַשעט...

עס איז געווען אַ זונטאָג־אָבענד, אין דרויסען איז געשטאַנען אַ טרוקענער שעהנער פריהלינג. ביי די בערעלסאָן'ס האָט מען זיך געגרייט צו אַ תנאים. מענשען זיינען אָנגעקומען. דער רייכער

חתן איז שוין געווען, נאר עטעל איז ערגעץ אוועקגעגאנגען און זאמט זיך.

דער זייגער ווערט צעהן, עלף, דער עולם ווערט אונרוהיג, בייז.

עס איז שוין האלבע נאכט, מען זוכט עטלען — זי איז ניטא, ווי אין וואסער אריין.

זי איז די גאנצע נאכט אהיים ניט געקומען.

אויף מארגען פריה ווען די ערשטע גאלדענע שטראהלען פון א קלאהרע פריהלינגס זון האט בעלויכטען די וועלט, האט מען געפונען אויף די שטיינערנע טרעפ פון דעם אידישען יתומים־אנשטאלט א קאלטען טוידטען קערפער פון א יונגער פרוי...

א פּאָר פּאָלק

ער איז לאַנג און דאַר מיט אַן אויסגעבויגענע פּלייצע און איינ־געפאַלענע ברוסט. זיין פּנים איז א טונקעלער און א שמאָלער. איבער די באַקן סטאַרטשען גרויסע שפּיציגע ביינער און איין זייט פּנים איז ביי איהם געשטופּעלט. זיין פּאַטילניצע איז א גרויסע ווי ביי א קינד, וואס האט וואסער אין קעפּעל. די אויגען זיינען גרויסע, און אין פערגלייך מיט זיין איינגעדאַרטען פּניב, קוקען זיי אויס ווי צוויי גרויסע גלעזערנע פּאכערס. זיין נאַז איז ברייט, צו־געפּלאשקעט און אביסעל פערריסען, וואס מאכען זיינע גרויסע נאַז־לעכער נאך גרעסער און מיאוס'ער. אט צו דיעזע אַלע „פיינקייטען" פון זיין אויסזעהן, האט ער נאך א צוגאב — א פערנעהטען שניט אויף דער לינקער זייט פון זיין מארדע. ווען ער איז געווען א קליי־נער אינגעל איז ער געפאלען אויף א גלייטש און האט זיך שטארק צוקאליעטשעט. א קליין־שטעדטעלדיגער דאקטאר האט איהם פער־נעהט דעם פּנים און נאך יעצט זענען קענטיג אַלע שטעך — א פּאסיקעל ווייס און א פּאסקעל רויט. אט אזוי זעהט אויס דער מאַן, וועלכער הייסט מיסטער העלער. ער האט אבער א פּאָר אי־נעוועניגסטע מעלות. ער איז ניט קיין נארישער יונגערמאַן און איז זעהר אַן ענערגישער און א פלינקער. די ענערגיע זעהט זיך ארויס פון זיינע טיפע אויגען, פון זיינע גרויסע אויערען און גרויסע נאַז־לעכער. ער איז א גוטער פערדיענער און געהט שעהן גע־קליידעט.

זי, וועלכע הייסט יעצט מיסעס העלער, און וועלכע האט ניט לאַנג געהייסען פּשוט, — לאה'קע, איז א יונגע שעהנהייט. זי איז אַן עכט־אידישע בלאנדינקע מיט א בליהענדען פּנים שעהנע, ליכטיגע אויגען און א מעסיגע לייכטע פיגור. אבוואהל זי האט

זיך געהאַדעוועט אין אַ ליטווישען דאָרף, דאַך איז איהר אויסזעהן אַריסטאָקראַטיש, אידיש־אַריסטאָקראַטיש. אהרע היפּטען זיינען הויכע, און דערפון איז איהר גאַנג רייצענד און גאַלאַנט.

אַלע האָבען נביאות געזאָגט, דאָס זי וועט ווען עס איז געה־מען אַ רייכען ספּאָרטישען חתן. זי האָט אָבער אַ פּאָר אינעווענינ־סטע חסרונות. זי איז ניט איבעריגס קיין קלוגע און איז אויסער־געוועהנליך פויל. זי האָט זיך געפוילט צו אַרבייטען אין שאַפּ און וואַרטען אויף אַ חתן. זי האָט זיך געפוילט צוצוקלייבען איהר צי־מער; שטענדיג האָבען איבער'ן הויז אַרומגעבלאָנדזשעט איהרע זאָקען, וויסטען, ליפּטשיקעס און קליידלאַך. די מיסעס איז דער־פאַר געווען זעהר שלעכט צו איהר, און די יונגע בחורים, וואָס האָבען זיך אַרום לאָה'קען געקלעפּט, זענען בלויז אָפּגעקומען מיט קוני־איילאַנד, אָדער געהן צו אַ באָלל. וועגען חתונה האָבען האָט קיינער מיט איהר ניט גערעדט. נאָך אַן אַנגענעהמען אָבענד פון פּערברענגען, האָט זי ווידער געדאַרפט קומען צו איהר ביי־זער מיסעס און אויף מאָרגען ווידעו' אויפשטעהן פריה און לויפען אין שאַפּ. דאָס איז איהר געפאַלען זעהר שווער, און זי איז גע־וואָרען אַ כלה פאַר העלער'ן.

העלער האָט זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט; עס איז געווען אין ווען צו פערליעבען זיך. באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט איהם געגעבען איהר וואָרט, האָט זי אפילו חרטה געקראָגען, ווייל גלייך האָבען זיך צו איהר גענומען שדכנ'ען אַ פּאָר פיינע בחורים. זי איז אָבער מיט די נייע חתנים ניט געווען זיכער און העלער האָט איהר שטאַרק איינגערעדט און געהאַלטען איהר מיט געוואַלד. ער האָט איהר ניט געלאָזען געהן מעהר אין שאַפּ; שלאָפען שפּעט איז איהר גרעסטער פערגניגען; קיין גרויסע חכמה איז זי ניט, און זי איז געוואָרען זיין כלה.

אַזוי ווי העלער האָט געציטערט מען זאָל פון איהם זיין גליק ניט אַרויסכאַפּען — ער האָט מורא געהאַט פאַר די יונגע לייט, וואָס האָבען זיך געקלעפּט אַרום איהר — האָט ער געאיילט מיט

דער חתונה און אין איניגע וואכען ארום זיינען זיי געווארען מאַן און ווייב.

און מערקווירדיג, באלד ווי זיי האבען חתונה געהאט איז אין זיי ביידען פארגעקומען אַן ענדערונג. זי, וועלכע איז געגאַנגען מיט ציטערדיגע טריט צו איהר חתונה, האט זיך שנעל צוגעוואָהנט צו איהם. זי האט אין איהם אויסגעפונען פיעלע מעלות; עס האט איהר געשמעקט די נייע איינגעריכטעטע שעהנע דירה, מיט די נייע מעבעל, פיינע גארדינען אויף די פענסטער און די פּאַטישע רו־היגע פריהמארגענס.

פאַרטאָג, ווען דער וועק־זייגער קלינגט, כאַפּט זי זיך אויף, אָבער באלד דערמאַנט זי זיך און נורעט זיך איין געשמאַק אין דעם זיסען שלאף. העלער שטעהט אויף צו דער ארבייט. זי הערט אַ היימליכען טופּען איבער'ן הויז, אַ פריינדליך שטילען צומאַכען די טיהר און ווען זי כאַפּט זיך אויף איז שוין גרויסער טאָג. די זון שטראהלט אריין אויף דער בעט, אויף די מעבעל און אויף די קאַלירטע קארפּעט. עס איז איהר אַזוי גוט אויפ'ן הארצען, אַז זי צווינגט זיך שטיל, און זי האט מיטלייד מיט העלער'ן, וואס ער זיצט יעצט אין אַזאַ שעהנעם טאָג אין שאָפּ.

מיט יעדען טאָג איז זי צו איהם געווארען ליעבער און אי־בערגעבענער. איהר איבערגעבענהייט האט זי ארויסגעוויזען גאַנץ אָפען. ווארום אַז ער האט איהר ליעב האט זי ניט געדארפט קיי־נע בעווייזע, קיינע אָפענע לאַסקעס. זי איז דאָך די שעהנע לאה'קע, זיין ליעבע איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך.

העלער אָבער, וועלכער איז געגאַנגען מיט שנעלע זיכערע טריט צו זיין גליק, האט זיך דערפיהלט אונגליקליך. גלייך נאָך דער חתונה איז איהם בעפאַלען אַן אומעט. אַ מאָדנע ניט־זיכערקייט און אַ מיסטרויען האט ער דערפיהלט צו איהר. איהם איז פאר־געקומען, ווי ער וואלט זיך פּלוצלונג אויסגעניכטערט פון אַן איבער־איילטער שכרות. אַ צווייפעל האט גענומען נאַגען אין זיין האר־צען און ער האט מיט זיך אַליין אריינגע'טענה'ט:

„וואס האט איהר געצוואונגען חתונה צו האבען מיט מיר?

זי, אזא יונגע, שעהנע מיידעל געהמט און האט חתונה מיט מיר. ליעבט זי מיר דען?"

ביי נאכט פלעגט ער שטודירען איהר שלאפענדען פנים. אמאל פלעגט ער בעשליסען, דאס ער זעהט דאכט זיך בלויז אונשולד אין איהרע שטריכען פון געזיכט. באלד אבער האט זיך איהם אויסגעדוכט, פון איהר יעדען אבר קוקט ארויס פאלשקייט און פערראטה. אמאל פלעגט זי עפעס מורמלען פון שלאף. ער פלעגט זיך איינהערען מיט אן אנגעשטרענגטען אטהעם. ער פלעגט אבער גאר ניט הערען. דערביי פלעגט ער זיך דערמאנען, אז ער האט אמאל געהערט, דאס ווען מען דריקט צו א שלאפענדען מענשען א געוויסען אדער, קען מען איהם מאכען רעדען פון שלאף. ער האט אבער ניט געוואוסט וועלכען אדער מען דארף צודריקען און ער פלעגט איהר אננעהמען ביים דופק. די פערשלאפענע לאה'קע פלעגט עפענען די אויגען, צושמייכלען זיך און ווידער איינשלאפען.

העלער פלעגט זוכען אין איהרע צוגעמאכטע אויגען ווי זי וואלט עפעס פערשלאסען א געהיימניס אונטער איהרע ברעמען.

די פערוואונדערטע בליקען פון די ארמיגע האבען איהם געשטאכען ווי מיט נאדלען, און האבען עפעס ווי גע'מוסר'ט, אז עפעס איז ניט גלאט. און ווען אימיצער פלעגט איהם זאגען:

„אי, העלער, האט איהר געקראגען א שעהנע ווייבעלע!" האט העלער געפיהלט, אז דאס וויכטיגסטע דאס שרעקליכסטע האט יענער ניט דערזאגט.

און ווען העלער געהט פון דער ארבייט און בעגעגענט איהרען א בעקאנטען יונגען מאן, איז עס א בעווייז פון איהר פאלשקייט. און דער מיסטרויען צו איהר האט זיך פערוואנדעלט אין א האס. ווי א גיפט האט זיך דער האס צו אהר גענומען פערשפרייטען אין זיין הארצען, און וואס א טאג ווייטער האט ער צו איהר געטראגען א טיעפערע שנאה, און די שנאה איז געקומען בלויז דערפאר, וואס זי האט מיט איהם חתונה געהאט. ער ווייסט, ער איז זיכער אז

זי האָט איהם ניט געוואָלט; טאָ וואָרום, וואָרום האָט זי מיט איהם חתונה געהאָט?...

וואָלט זי געווען בייז שלעכט צו איהם וואָלט ער צו איהר גאָרניט געהאָט. זי האָט איהם ניט ליעב און שוין. איהר גוטס־קייט, איהר צופריעדענער שמייכעלע און איהרע ליעבליכע רייד: מיין מאַן, מיין דזשעק, האָבען צובלאָזען דעם פייער פון זיין פער־צווייפלונג און פיינדשאַפט. ער האָט געקוקט פאַרשענד אויף איהר יעדע בעוועגונג און געזעהן ממש די פאַלשקייט, די צבוע׳צטוואָ וואָס ליגט אין דער פרוי. דאַכט זיך אַז אַ קאַץ איז אַט אַט פון איהר פנים אַרונטערגעשפּרונגען.

צום אומגליק איז זי צייט נאָך דער חתונה געוואָרען שעהנער פון טאָג צו טאָג. איהר פנים איז געוואָרען קלאָהרער, די אויגען ליכטיגער, די שטריכען פון די געזיכטסציגע צאַרטער, און זי האָט זיך פאַרנאַנדערגעבליהט אין איהר רעכטען פריהלינג.

העלער האָט געקוקט מיט פערדאַכט אויף זיין יונגער שעהנער בוים, וואָס בליהט און וואַקסט דאַכט זיך אין אַ פרעמדען גאָרטען, צו וועלכען ער האָט גאָר קיין שייכות ניט.

ער האָט איהר קיין זאַך ניט געזאָגט, ער האָט מורא געהאָט, דאָס זי וועט איהם ענטדעקען דעם אמת און פון זיין צווייפעל קען ווערען אַן אָפּענע טראַגעדיע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט פּלוצלונג איהם אַריינלאַכען פרעך אין פנים אַריין און וועט איהם זאָגען דאָס, וואָס עס ליגט ביי איהר אויף די ליפּען:

„איך דאַרף דיר אויף טויזענד כפרות; איך לאַך פון דיר, דו פערזעהעניש וואָס דו ביזט“.

העלער האָט אַלץ געוואַרט, אַז זי זאָל בעמערקען זיין אונצו־פריעדענהייט. זי וועט איהם פרעגען וועגען דעם און דאַן וועט ער איהר אַלעס, אַלעס אַריינזאָגען.

אַזוי ווי לאַה׳קע האָט זיך מיט קיין זאַך ניט געפיהלט שול־דיג, האָט זי וועגען גאָרניט געטראַכט און זיך געלאָזען וואוילגעהן פון איהר פערהייראַטהען לעבען. זי האָט כסדר עפּעס געגעסען,

געטרונקען; זי האָט זיך קיין זאַך ניט גענומען צום האַרצען און איז געוואָרען שעהנער, קלעהרער און בליהענדער.

העלער האָט לאַה'קעס שווייגען אָנגענומען אַלס אַ דיפּלאָמאַ־טישען שפּיעל. ער האָט אין איהר געזעהן די דורכגעטריבענקייט פון אַ פאַלשער פרוי. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז זי ווייס אַלעס וואָס ער טראַכט און דענקט וועגען איהר, ווייל זי איז אַ כיטרע, פערדעטהערישע פרוי, און איהר שווייגען האָט איהם נאָך מעהרער איבערציינגט, וואָס פאַר אַן אויסוואורף זי איז.

איין מאָל אין אַן אָבענד. העלער איז שוין געלעגען אין בעט און לאַה'קע האָט געוואַשען די געשיר ביים סינק. יעדער קלונג פון אַ טעלער און פון אַ לעפעל האָט אויף העלער'ן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי וויל איהם עפּעס זאָגען.

ווען דער פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט איהם לאַה'קע אַרומגענומען שטאַרק, שטאַרק.

העלער האָט שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען די בעהאַל־טענע פאַלשקייט און האָט דער פרוי אַ שטויס געטהאָן פון זיך מיט אַ געשריי:

— דו ביזט אַ פאַלשע קאַץ, דו ביזט אַ ליגנערקע, אַן אויס־וואורף! —

די פרוי איז אָפּגעשפּרונגען מיט אַזאַ שרעק, ווי אימיצער וואָלט איהר אויסגעריכטערהייד אַ מעסער אַריינגעשטאָכען אין האַרצען.

— וואָרום, — האָט לאַה'קע ציטעריג אַרויסגערעדט, — וואָרום זאָגסטו עס אַזוי, דזשייק? —

— דו ווייסט אַליין פאַרוואָס, — האָט העלער גענומען שרייען, — דו האָסט מיר אַריינגעפיהרט אין אַ בלאָטע. דו האָסט מיט מיר ניט געדאַרפט חתונה האָבען, אַז דו ליעבסט אַנדערע. דו האָסט פריהער געוואוסט, אַז דו וועסט ניט קענען זיין אַן אַנשטענדיגע פרוי און דאַך האָסטו מיט מיר חתונה געהאַט. אָט דעריבער ביזטו אַ פאַלשע, אַ בעטריגערקע, אַן אויסגעלאַסענע. — אַזוי האָט העל־ער ווילד אַרויסגעזאָגט מיט איין אָטהעם, אַלעס, אַלעס וואָס האָט

זיך פון לאַנג געוויקעלט אויפ'ן האַרצען. ער האָט לאַנג, לאַנג גע־רעדט און וואָס מעהרער ער האָט גערעדט איז ער געוואָרען אַלץ ווילדער און איבערצייגענדער אין זיינע בעשולדיגונגען געגען איהר.

די פרוי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און זי האָט געשוויגען.

אין דער פינסטער האָט העלער ניט געקענט זעהן, וואָס פאַר אַ מינע זי האָט געמאַכט. ער האָט אָבער דייטליך געזעהן, דאָס אין איהר האַרץ פיהלט זי, אַז ער איז גערעכט. איהר שווייגען איז אַ בעשטעטיגונג; זי האָט ניט מיט וואָס צו פערענטפערען זיך.

זי איז אַרויס אין אַ אַנדער צימער און האָט דאָרטען געכלי־פעט. העלער האָט געהערט ווי זי וויינט און האָט צו איהר קיין רחמנות ניט געפיהלט. זי וויינט, ווייל מען האָט איהר ענדליך געכאַפּט. דאָס זיינען פאַלשע טרעהרען. די אמת'ע טרעהרען בע־לאַנגען גאָר צו איהם, צום בעטראָגענעם און ערנידריגטען.

פון יענעם אָבענד אַן זיינען שוין פאָרגעקומען סקאַנדאַלען מיט גרויסע געשרייען און געוואַלדען, און דער גיהנום פון איי־פערזוכט איז געוועזען אין פולען גאַנג.

לאַה'קע איז דאָ אַן עלענדע. זי האָט אַ פּאָר ווייטע קרובים, מיט וועלכע זי קען זיך זעהר ווייניג. זי האָט ניט פאַר וועמען אויס־צורעדען איהר ביטער האַרץ און פרעגען אַן עצה, פלעגט זי אַריינקומען צו איהר אַמאָליגער מיסעס, ביי וועמען זי איז געוועזען לאָזשי.

די מיסעס, וועלכע איז צו איהר אַ מאָל געוועזען שלעכט, האָט לאַה'קען אויסגעקוקט ווי אַ געטרייע מאַמע. זי האָט לאַה'קען גע־טרייסט און געגעבען מוטה. זי האָט איהר פערזיכערט, אַז אין אַמעריקאַ צווינגט מען דעם מאַן מיט געוואַלד צו מפרנס זיין זיין פרוי. די מיסעס האָט דיעזע פערזיכערונג שטאַרק אונטערגעשטראָ־כען, ווייל זי קען לאַה'קען. זי ווייסט, אַז לאַה'קע איז אַ פוילערקע און שרעקט זיך פאַר צוריק געהן אין שאַפּ אַריין.

און נאָך יעדען סקאַנדאַל מיט העלער'ן איז לאַה'קע אַנטלאָפען

צו איהר געוועזענער מיסעס און געפיהלט זיך בעשיצט, ביז זי איז ווידער געקומען אהיים און זיך בעגעגענט מיט העלער׳ס בייזע, צורייצטע אויגען.

צווערשט איז לאה׳קע געגאַנגען כמעט יעדען טאָג צו איהר געוועזענער בעל־הבת׳טע אום אויסצורערצעהלען איהרע צרות. נאכהער איז זי מיט דער בעל־הביתטע געוואָרען אַ חבר׳טע. זיי האבען זיך צוגעוואוינט איינע צו די אַנדערע און זיינען געוואָרען איין גוף און איין נשמה. און גאָר אַם לעצטען איז שוין לאה׳קע געגאַנגען צו איהר מיסעס צוליעב מיסטער גאָלד. מיסטער גאָלד איז געווען אַ באָרדער אין דער הויז, וואו לאה׳קע איז געווען, איי־דער זי האט חתונה געהאט. ווען לאה׳קע איז אריין בעטראַכטען איהר אמאָליגען צימער, האט זי דארטען געטראָפען אַ פעטען יונ־גען מאַן מיט אַ גאָלדענע קייטעלע איבער זיין רונדען בייכעל, און די מיסעס האט איהם פאַרגעשטעלט פאַר לאה׳קע, אלס מיסטער גאָלד, אַן אינשורענס אַגענט, וועלכער פערנעהמט לאה׳קעס אמאָ־ליגע לאַזשי. ווען דער הערר גאָלד האט אַ קוק געטהאַן אויף לאה׳קען, האבען זיך זיינע אויגען צושפּיעלט און ער האט איהר דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען ווי אַן אַגענט קען. שפּעטער, ווען ער האט זיך דערוואוסט פון לאה׳קעס פערהייראַטהען לעבען, וועגען איהר מיאוס׳ען אייפערזיכטיגען מאַן און וועגען די סקאַנ־דאַלען ביי זיי אין הויז, איז ער מיט איהר געוואָרען גאָר נאָהענט און פריינדליך. דער פעהיגער גלאַטער צונג פון דעם אינשורענס אַגענט האט געמאַלען אהן אַ צאָהל קאָמפּלימענטען צו דער שעה־נער נאַרישליכער פערביטערטער לאה׳קען און זי האט זיך דער־פיהלט זעהר בעקוועם אין זיין געגענוואַרט.

נאָך די ביטערע קריגערייען און זידלערייען מיט העלער׳ן, איז לאה׳קע געפלויגען הערען קאָמפּלימענטען פון דעם אינשורענס אַגענט. דאָרטען, אין דער היים, ביי העלער׳ן, איז זי געווען אַן אויסוואורף און דאָ, ביי דעם אינשורענס אַגענט, פלעגט זי פּלוצ־לונג ווערען אַ מלאך. העלער׳ס אַ זידעל־וואָרט פלעגט פערדעקט ווערען מיט גאָלד׳ס אַ ליעבעס־שמייכעל. און ווען העלער האט זיך

איין מאָל ערלויבט אַ וואָרף טהאָן איהר אַ טעלער אין קאָפּ, האָט עס דעם זעלבען אָבענד גאָלד פערהיילט מיט אַ קוש.

העלער׳ס סקאַנדאַלען האָבען לאָה׳קען גענומען אויסזעהן אַ געוועהנליכע זאַך. זי האָט זיך עס שוין צום הארצען ניט גענומען. ווען העלער האָט זיך מיט איהר געקריעגט, געזידעלט איהר און בעליידיגט, האָט זי בלויז געהאָט אין זינען, אַז זי דאַרף עס איי־בערקומען ביז זי וועט באַלד אַוועקגעהן און גאָלד וועט צו איהר שמייכלען פעטליך זיס אוןריידען צו איהר אַזוי שעהן, אַזוי איידעל.

אַזוי זענען אַריבער מאָנאַטען און מאָנאַטען און לאָה׳קע האָט געלעבט אין היהנער־פּלעט. געליטען האָט זי פון העלער׳ן און מורא געהאָט האָט זי פאַר גאָלד׳ן. זי האָט געציטערט פאַר זיינע פלינקע אויגען און פאַר זיין געשליפענעם אַגענטען צינגעל. ביי טאָג אָבער, ווען העלער איז אין הויז ניט געווען, האָט זי געמוזט קומען צו גאָלד׳ן. לעבען גאָלד׳ן האָט זי זיך אָנגענומען מיט בע־גייסטערונג צום לעבען, מיט רעספּעקט צו זיך אַליין אַלס מענש. גאָלד׳ס קאָמפּלימענטען האָבען איהר געמאַכט פאַר אַ וויכטיגען מענשען אויף דער וועלט און זי האָט געהאַט מעהר רעספּעקט צו זיך אַליין.

ענדליך האָט זי גענומען האַסען גאָלד׳ן. דאָס איז געקומען נאָך אַ מאָדנע פּאַסירונג, וואָס איהר עהרליך קינדערשע נשמה האָט ניט געקענט פאַרטראָגען. דאָס איז געקומען נאָכדעם, ווי זי האָט מיט גאָלד׳ן פערבראַכט אַ גאַנצע שטונדע אין זיין, אין איהר אַמאָליגען צימער.

זי האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל זיין עהרליך. ער האָט זיך אָבער בענומען זעהר גראָב. פריהער האָט ער גערעדט אַזעלכע שעהנע ווערטער, וואָס זי האָט ניט גוט פערשטאַנען. נאָכהער איז ער געוואָרען פרעך. אין הויז איז אימיצער דאַן אַריין און לאָה׳קע האָט ניט געוואָלט מאַכען קיין עפענטליכען סקאַנדאַל...

פאַרנאַכט איז זי געקומען אַהיים אַ פאַרשולדיגע און האָט הע־לער׳ן גאָר ניט געענטפערט אויף זיינע שטעך־ווערטער.

פון יענעם טאג אן, איז גאלד געווארען צו לאה'קען אלע פרע־כער און גרויזאמער, האט גענומען בעלייריגען העלער'ן פאר איהר אין די אויגען, זיך אליין האט ער געריהמט, אלס העלד און זיע־גער איבער פרויען, וואס דאס איז געווען אן אפענע בעשולגדיגונג און בעליידיגונג אויף איהר, אויף דער פרוי לאה'קע.

זי האט זיך דערפיהלט אזוי ניעדערגעשלאגען, אזוי אומגליק־ליך.

דער געוויסען האט איהר געפלאגט איהר עהרליך־דארפישע הארץ. זי האט שוין ניט געהאט קיין מוטה צו קריעגען זיך מיט העלער'ן. עס האט זיך איהר אפגעדוכט, אז העלער איז גערעכט און ער ווייסט, אז ער איז גערעכט.

איהר פנים איז בעצויגען געווארען מיט א שעהמעדיגע צניעות, וואס האט צו דער אינעוועניגסטער קינדישער לעבענס־לוסט צו־געגעבען זעהר פיעל חן. איהר קערפער האט זיך מוטערליך גענו־מען פונאנדערבליהען. זי איז געווארען שטיל, און געלאסען זיך איבערגעגעבען דעם שיקזאל. זאל אלעס געשעהן, וואס עס בעדארף געשעהן, ווייל זי איז אלעס ווערט און דארף אויף אלעס זיין גע־גרייט.

העלער האט בעמערקט, ווי זי איז אומעטיג און נידערגעשלא־גען, האט זיך ביי איהם ערוועקט צו איהר אביסעל רחמנות. ער האט גענומען ווערען אביסעלע פריינדליך צו איהר און דאס האט לאה'קען געערגערט טיעף אין איהר פערוואונדעט הארץ.

זיין בעסערער בענעהמען זיך האט אין איהר ערוועקט אי א שוואכקייט, אי א קראפט און זי האט געוואלט ערגעץ אנטלויפען וויים, וויים. נאר זי האט ניט געהאט וואו.

איין מאל, ווען העלער האט שטארק געקוקט אויף די שטומע וואנד און אויף זיין פערשטומטער פרוי, האט זי איהם פארגעשלא־גען צו שיידען זיך.

ער האט א ציטער געטהאן און זי האט איהם ערקלעהרט:

— דו האסט מיר און אונזער לעבען וועט דאך שוין ניט זיין קיין גליקליכער.

— ווארום ניט קיין גליקליכער? — האט דער איינפערזיכטי־גער מאן געפרעגט געלאסען ווי אלע אזעלכע איינפערזיכטיגע מע־נער פרעגען, ווען די פרוי וויל זיך אויסשפאנען פון יאך.

— ווארום, ווארום, — האט די פרוי געקלעמט געענטפערט, — ווייל איך וועל באלד ווערען מוטער. איך וועל ברענגען א קינד אויף דער וועלט און אונזער לעבען פאסט זיך ניט פאר דעם. —

העלער האט פלוצלונג אויפגעשיינט פון גליק און שטאלץ. א קינד, זיינס א קינד קומט אויף דער וועלט. ער האט זיך דערפיהלט ווי א נייער מענש, ווי א העלדישער מלחמה־העלד, וואס האט בע־זיעגט א וועלט מיט שונאים. מיט א מאדנעם צוטרויען האט ער זיך דערנעהענטערט צו זיין פרוי און אין הארצען געפיהלט א חרטה פאר זיינע פריהערדיגע אומזיסטע סקאנדאלען.

די הויז איז פון דאן אן געווארען גאר אן אנדערע. לאה׳קע איז ארומגעגאנגען א שטילע, א רוהיגע פול מיט חרטה אין איהר הארצען און העלער איז ארומגעגאנגען א שטילער, א רוהיגער פול מיט חרטה אין זיין הארצען.

דאס לעבען צווישען דאס פאר פאלק איז געווארען א ליעב־ליכער, א צערטליכער און א פרומער.ביידע האבען זיי זיך מיט די בליקען איינער פאר דעם צווייטען פערענטפערט און אין זיך מיט א תפלה זיך מתודה געווען.

ווען לאה׳קע האט געבארען א מיידעלע איז העלער געווען איבערגליקליך און אונגעהויער שטאלץ אויף זיך און אויף זיין גע־טרייער ליידענדער פרוי. ווען לאה׳קע האט בגנבה א קוק געטהאן אויף דאס קליינע רויטע נפש׳ל, האט העלער ליעבליך געקוקט אויף דער שוואכער געווינעריז, אויף זיין כשר׳ער ליידענדער פרוי, און דאכט זיך, בעשיינפערליך געזעהן, ווי דאס ערשט געבארענע קינד איז געראטען פונקט אין איהם. דאכט זיך, פונקט זיינע נאז־לע־בער, פונקט זיינע גרויסע אויערען, געראטען אין דעם טאטען....

העלער האט בעטראכט אט דיעזע אלע ליעבליכקייטען און דעם נפש׳ל און לאה׳קען איז געווען אזוי גוט, אזוי גוט. זי האט דער־וועהן איהר וועלט אזוי קלאהר און דייטליך. צום ערשטען מאל

האָט זי זיך פערטראַכט ווי אַ פילאָזאָף און געזעהן דעם מאַן אַלס איינעם פון יענע חיות, וואָס עסען מיט הנאה בלויז דאָס, וואָס איז שוין אויסגעוואַלגערט אין שטויב...

איהר אונשולד

פאַלגענדעס איז געפונען געוואָרען צווישען די שריפטען פון א ניט לאַנג פערשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון א פּראָווינציעלער צייטונג:

מיט ריכטער ראָום האָב איך זיך בעקענט, ווען איך בין געווען א קאָורט רעפּאָרטער. ריכטער ראָום האָט געהאַט ראַדיקאַלע אַנ־שויאונגען וועגען דאָס לעבען און דערפאַר, קען זיין, האָט ער זיך מיט מיר געהאַלטען נעהענטער ווי מיט אַלע אַנדערע צייטונג־רעפּאָרטערס, ווייל די צייטונג וואָס איך האָב פערטראָטען אין קאָורט, איז געווען א ראַדיקאַלע.

צום ערשטען מאָל, וואָס איך בין אריין אין קאָורט און דער־זעהן דעם מיטעל־יעהריגען ריכטער ראָום, איז ער מיר געפעלען געוואָרען. א מאָדנע סימפּאַטי האָט גערוהט אויף זיין פּנים. יע־דען טאָג פלעג איך קומען אין קאָורט און די מעהרסטע צייט פלעג איך זיצען אין ראָום'ס געריכטס־אַבטהיילונג.

מיר פלעגען זיך שוין ביידע בעגריסען; אָבוואָהל מיר האָ־בען זיך ניט געקענט. פון די עלטערע רעפּאָרטערס האָט ער גע־וואוסט ווער איך בין און פון די זעלבע רעפּאָרטערס האָב איך שוין פיעל גוטעס געהערט וועגען איהם, דעם דזשאַדזש ראָום.

אין א געוויסען אָבענד האָבען מיר זיך ביידע געטראָפען אין א צדקה אַנשטאַלט. מיר האָבען זיך בעגריסט ווי אַלטע בעקאַנטע און פון דאַן אַן האָט זיך צווישען דעם ריכטער און מיר ענטוויי־קעלט אַן אינטימע פריינדשאַפט. מיר פלעגען גהן צוזאַמען עסען, געווען א פּאָאר מאָל צוזאַמען אין טהעאַטער און מיר האָבען זיך אויפגעהערט צו איהרצען. ספּעציעל איז מיר אַנגענעהם גע־ווען צו רופען א ריכטער: „דו״. מיט־דעם „דו״ איז פערשוואונדען

די עהרפורכט וואס איך האב געפיהלט צו איהם אלס ריכטער.

דזשאדזש ראום האט מיר דערציילט פיעלעס פון זיין פאמיליען לעבען. איך האב איהם אויך דערציילט אזעלכעס זאגאר פון געוויסע ליעבעס. איך האב קריטיקירט געוויסע געזעצען, און ער איז מיט מיר געווען איינפערשטאנען. מיר האבען זיך געפיהלט ווי צוויי גלייכע קאמעראדען.

איין מאל, א זומער, האבען מיר אבגערעדט צו פאהרען אויף א ראטשע.

דער ריכטער האט א זומער וואהנונג לעבען א שעהנעם שטיילען טייך און דארטען, אין יענעם געגענד, האב איך געדונגען א צימער אין א האטעל.

אין א פארנאכט, נאך דעם ווי דזשאדזש ראום און איך האבען זיך אויסגעבאדען, האבען מיר זיך אריינגעזעצט, אין די ביידינג סוטס, אין א שיפעל, און מיר זיינען ארויסגעפאהרען איבער'ן טייך.

א שטילער זומערדיגער פארנאכט מיט א ריינעם טיעפען בלויען הימעל, פערגעהט אין געלבליך רויט צו מערב, און די זון הענגט וויט ערגעץ לעבען א בוים אויף משקולת. מיר האבען אריינגעפיהרט אונזער שיפעל צווישען קוסטעס, וואו דער טייך איז שמאל און טונקעל. מיר האבען זיך אבגעשטעלט ביי א ברעג, וואו אן אלטע גראבע קלאץ איז געלעגען האלב אין וואסער און האלב אויפ'ן ברעג, און פון צווישען א פאר שיטערע צווייגען האט זיך דורכגעלויכטען א בלוטיגע רויטקייט פון הימעל, וואו די זון האט געפלאמט אין איהר פערגעהן.

דער ריכטער האט זיך פערטראכט, בעקוקט די ברעגען און דעם צויבער־שפיעל אין מערב־זייט און האט א זאג געטהאן:

— אט פונקט אזוי איז געווען דער פארנאכט, ווען איך האב איינגעזעהען איהר אונשולד.

— ועמעס אונשולד? — פרעג איך.

— עס איז א מערקווירדיגע געשיכטע — רופט זיך אפ דזשאדזש ראום—ווען איך דערמאהן זיך אן דעם, קען איך זיך ניט ערקלערען,

צי דאָס איז געווען אַ שטיפעריי פון אַ קאַפּריזנער נשמה, אָדער דאָס איז געווען אַן ערנסטע ודוי פון אַ פרוי, וואָס קען צו־גוט אונזער געשלעכט, די מענער.

און ער האָט מיר זיצענדיג אין שיפעל, דערצעהלט אַט דיעזע געשיכטע:

„עס איז פאַר מיר פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אַ גע׳גט׳ער פּאָר־פאָלק. זייער גט־פּראָצעס איז פאָרגעקומען פאַר אַן אַנדער ריכטער. אין מיין קאָורט האָט געדאַרפט ענטשיעדען ווערען, ווער פון זיי זאָל האָבען דאָס רעכט איבער זייער איינציג קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר דריי.

„איך האָב ניט געקענט דעם מאַן און ניט די פרוי. לויט זייער אויסזעהן און לויט די גרעסטע בעריהמטע אַדוואָקאַטען, וואָס האָבען געפאָכטען אין דעם פּראָצעס איז קענטיג געווען, אַז זיי זיינען ציעמליך רייכע מענשען.

„דער מאַן האָט אָנגעקלאָגט די פרוי דאָס זי איז אונמאָראַליש, און דעריבער דאַרף דאָס קינד געפינען זיך אונטער זיין אויפזיכט. פּריוואַטע דעטעקטיווס, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט פון דעם מאַן, האָבען עדות געזאָגט, דאָס זיי האָבען געזעהן די פרוי מיט פרעמדע מענער אין האָטעלס און אין געוויסע פערגעניגענס פּלעצער ביי דעם ברעג ים.

„וואָלט די פרוי געווען אַ מיאוס׳ע; וואָלט זי כאָטש געקומען אין קאָורט אָנגעטהאָן ווי אַן אָרימע מאַמע געהט אָנגעטהאָן, וואָלטען די געשוואָרענע ניט געגלויבט די עדות, ווייל אַלעמען איז בעקאַנט ווי מען קען קויפען עדות אין די פּריוואַטע דעטעקטיוו אַגענטסטוואָס. איז אָבער די פרוי געווען אַ מערקווירדיגע שעהנהייט, וועלכע האָט געאָטהעמט מיט יוגענד. זי איז געווען אַ יאָהר אכט און צוואַנציג אָדער דרייסיג. איהר געשטאַלט האָט בעשעהנט דעם געריכטס־זאָל. איהר גאַנג און איהר קליידונג איז געווען אַזוי געשמאַקפול, אַזוי פרויען־מעסיג. איהרע ליפּעלעך און שווארצע גרויסע אויגען און אַ פּאָר דינע ווייכע קאַרשען ליפּען האָבען ווי געשריען: גוואַלד ליעב מיר. די פאַרפום פון איהר ברוסט האָט

פער׳שכור׳ט יעדען אין קאורט. די צוועלף געשווארענע זיינען דאך מענער. זיי זיינען ניט מעהר ווי זינדיגע בשר ודם׳ס און עס האט זיך זיי ניט געגלויבט, אזא אזא רייצענדע שעהנהייט, א גע׳גנב׳ט, זאל ניט האבען קיינע געליעבטע... זיי האבען געלויבט דעם מאן׳ס עדות און איהר רייצענדע געשטאלט און האבען ארויסגעטראגען אן אורטהייל, דאס זי איז אונמאראליש.

„איך האב געפיהלט, דאס זייער אורטהייל איז בלויז געבויט אויף דער מענערשער פסיכאלאגיע און געפיהלען צו א שעהנער יונגער גרושה. איך פערזענליך בין אימער געווען געגען דעם, אז א קינד זאל אוועקגענומען ווערען פון א מוטער. ביי דעם עהרליכסטען פאטער וועט זיך א קינד נים ערציהען אזוי מאראליש און מיט זארציגקייט, ווי ביי דער אויסגעלאסענער מוטער. אבער לויט דעם אורטהייל פון די געשווארענע איז דער געזעץ מיט דעם מאן און איך האב געמוזט משפט׳ן, אז דאס קינד געהערט צום פאטער.

„מיינע איבערצייגונגען האב איך דא אויסגעדריקט אין א קורצע רעדע. מען האט געקענט זעהן, אז איך סימפאטיזיר מיט דער מוטער. איך האב אבער געמוזט האנדלען לויט דעם געזעץ.

„די פרוי האט דאן גע׳חלש׳ט. זי האט געיאמערט און צוריסען מיין הארץ. אין איהרע אויגען איז דאן געווען א שרעק צו קוקען. מיט איהרע הענד האט זי ווילד געפאכט, ווי א פערוואונדעטער פויגעל מיט איהרע פערבלוטיגטע פליגלען.

„א צובראכענער האב איך דאן פערלאזען דעם געריכטס־זאל און פון קארידאר האב איך געהערט ווי זי שרייט:

— פער׳משפט מיך בעסער צום טויט...

„פון דאן אן האט דיעזע יונגע פרוי ניט גערוהט. זי איז פון מיין קאורט ניט אבגעטראטען. זי פלעגט מיך דערהיטען ביים קומען און ביים אוועקגעהן, און האט אלץ גע׳טענה׳ט, אז איהר קומט דאס קינד, אז זי איז אונשולדיג, און אז מען האט אומזיסט געמאכט אויף איהר א בלבול.

„ווען איך בין איין מאל געזעסען אליין אין קאורט און דורכ־געקוקט געוויסע פאפירן, איז זי פלוצלונג צוגעקומען צו מיר און

האָט גענומען טענה'ן. איהר שטימע איז געווען אנגענעהמע מו־זיק. יעדע בעוועגונג פון איהר פּנים איז געווען מיט אויסערגעוועהנ־ליכען חן און רייץ. זי האָט גערעדט:

— הערר ריכטער, מען האָט אויף מיר געמאַכט אַ בלבול. איך בין אַ יונגע פרוי, אַן עהרליכע, איבערגעבענע מוטער. ווי קענט איהר עס דערלאָזען, מען זאָל מיר אַזוי מאַכען צו שאַנד און אָב־שניידען מיין יונגען לעבען. איך קען ניט לעבען אָהן דעם קינד. איך קען ניט לעבען מיט אַזאַ שאַנד־פלעק אויף מיין נאָמען.

„זי האָט גערעדט און איך האָב אַריינגעקוקט אין איהרע אויגען און געטראַכט: ווי שעהן זי איז. וואָס פאַר אַ רייצענדע דאַמע־לע זי איז. און איך האָב גענומען גלויבען, אַז אַזאַ פרוי קען טאַקע ניט זיין מאַראַליש, אַפילו ווען זי איז טיעף אין הארצען עהרליך. אַזאַ פרוי וועלען שוין די יונגע לייט ניט דערלאָזען זי זאָל זיין מאָ־ראַליש.... די מענער זיינען דאָך אויף אַלץ פעהיג און די שעהנע פרויען זיינען דאָך אַזוי שוואַך...

„איך האָב איהר געענטפערט, אַז דער געזעץ איז געגען איהר, און איך קען איהר ניט העלפען.

„אין איינינגע וואָכען אַרום איז זי געקומען לעבען מיין הויז. זי האָט וואהרשיינליך אַבגעהיט ווי איך בין געקומען אין הויז און נאָכהער אַרוים מיט אַ צייטונג אויף דער וועראַנדאַ. דאָס איז געווען אַ פאַרנאַכט אין די לעצטע טעג פון מאָנאַט מאַי. אַרום מיין הויז האָט געשמעקט דער דופט פון די בליהענדע בוימער און זי איז צוגעקומען אין אַ געשמאַקע פריהלינגס קלייד און האָט מיט זיך געבראַכט נאָך אַ פיינערען דופט ווי דער פריהלינג אַליין.

„איהר צוגאַנג צו דער וועראַנדע איז געווען אַזוי בליהענד קאָקעטיש, ווי אַ געליעבטע קומט צו אַ געליעבטען. עס איז מיר געוואָרען פּשוט אונאַנגענעהם, ווייל דאַ, ביי מיר אין דער היים, קען איך ניט זיין מיט שטרענגע ריכטערישע בליקען. איך מוז זיין אַ דזשענטעלמאַן. זי איז אַ פרוי און איז מיין גאַסט. איך האָב איהר אַבגעטראָטען מיין וויעג־שטוהל, אום צו געבען איהר צו פערשטעהן, אַז איך ריכט זיך ניט אויף אַ לאַנגען געשפּרעך. זי

האָט בעדאַנקט און ניט געזעצט זיך. איך האָב שוין געמוזט אַרויס־טראָגען פון הויז אַ צווייטען שטוהל און דאן האָט זי זיך אַנידער־געזעצט.

„זי האָט אָנגעפאַנגען איהר געוועהנליכע ערצעהלונג און טענות וועגען דעם בלבול, וועגען דעם, וואָס מען האָט פערפלעקט איהר גוטען נאָמען און וועגען דעם, וואָס אָהן דעם קינד קען זי ניט לעבען.

„זי האָט גערעדט אָהן אַן אָבשטעל און מיר האָט זי אפילו ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו איבערשלאָגען איהרע רייד, זי האָט דערצעהלט פיעלעס פון איהר קינדהייט, פון איהרע עלטערען, פון איהר מיידעלשען לעבען און פון איהר עהרליכקייט אַלס פרוי.

„איך האָב ניט געוואָלט קוקען גלייך צו איהר, ווייל איהרע אויגען זיינען אַזעלכע, וואָס בעטען זיך, מען זאָל זיי לאָשצען מיט בליקען. איהר ברוסט שלאָגט שטאַרק פון איהר בעהאַרצטען רע־דען און איך בין דאָך אַ ריכטער... און אויך אַ זינדיגער מענש, וואָס איז בעשאַפען פון׳ם זעלבען מאַטעריאַל ווי אַלע מענשען. עס איז פריהלינג און די לופט איז זינדיג. איך האָב ניט געהאַט קיין מוטה אָבצוקעהרען זיך פון איהר. זי איז געזעסען האַרט לע־בען מיר און איך האָב געמוזט אויף איהר קוקען. איך האָב געזעהן איהרע קאַרשען אויגען, איהרע צוויי רויזען־בליהונג אויף איהרע באַקען, איהרע גרייזלעך פון אונטער דער פריהלינגס העמ. איך האָב געזעהן איהרע שטיפערישע געשניטענע העל ראָזעווע בלוזקע און איבער איהר ברוסט האָט אַ קלאָהרע לייב אַרויסגעוואונקען. און דאָס קלאָהרע לייב איז געוועזן טיעף צוגעבערענט פון דער זון, אַזוי טיעף, אַז עס האָט זיך פערלאָרען צווישען די געהעפטע קרייז־לעך אַרונטער אין בוזים.

„וואָס זי האָט מעהרער גערעדט, האָט זיך איהר שטאַרקער טעמפעראַמענט מעהר אַרויסגעצייגט. פון די אויגען האָבען גע־בליצט פייערלעך; די ליפען האָבען זיך בעוועגט מיט אַ שנעלען טאַקט; אַ כשוף האָט גערוהט אויף איהר פנים; פריהלינג און יוגענד האָט געוועהט פון איהר קערפער.

„איך האָב זיך אייגענטליך ניט איינגעהערט, וואָס זי האָט גערעדט. מיר זיינען אַלע איהרע רייד שוין בעקאַנט. צו מיינע אויערען האָבען זיך דערטראָגען די ווערטער: אונשולד, מוטער, איך בין ריין פון זינד און דאָס גלייכען. איך האָב בעת מעשה גע־טראַכט אַז דאָס איז אַזאַ יונגע פרוי, וואָס קען איבערצייגען איהר אונשולד גלייך, דאַ אויפ'ן אָרט, אויב איך זאָל זיך פערגעסען, אַז איך בין אַ ריכטער און זאָל מיט איהר אַוועקגעהן צום דערבייאַיגען וועלדעל...

איך האָב זיך שיער צולאַכט פון דעם איינדרוק וואָס דיעזע יונגע דאַמע האָט אויף מיר געמאַכט, דוקא ווען זי איז געקומען פערטהיידיגען איהר אונשולד. איך האָב אָבער אַזוי געפיהלט. דער הייסער אָטהעם פון דיעזער רייצענדער, ליעבער בעשעפענים האָבען מיר געהאַלטען אין איין שמועסען, אַז דיעזע פרוי איז גע־גרייט צו איבערצייגען איהר אונשולד אפילו אין אַ געדיכטען פינ־סטערען וועלדעל. קיין שלעכטס האָב איך ניט געטראַכט. עס האָט זיך סתם געוויקעלט דיעזער געדאַנק אין מיין מח אויף אַ קאָמישען אָרט. דאָס לעבען קען אַמאָל ברייינגען אַזעלכע קאָמישע בעווייזע. עס איז נאַטירליך: ווארים די פרוי וואָס רעדט יעצט לעבען מיר, איז איין גרויסער פייער וואָס ברענט און דורשט גע־גען איהר ווילען. די נאַטור האָט איהר אַזוי בעפוילען, און זי סטאַרעט זיך עס אַבצולייקענען מיט רייד...

„אויך דיעזען מאָל האָב איך איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך קען איהר גאָר ניט העלפען, ווייל דער געזעץ איז געגען איהר.

„זי איז אַוועק און איך האָב איהר בעגלייט מיט די בליקען.

„דאָס נעקסטע מאָל האָב איך איהר געטראָפען דאַ, אויף דיע־זער דאַטשע. איך ווייס ניט, אויב זי איז צופעליג געקומען אַהער פערברייינגען דעם זומער, אָדער זי האָט מיר עקסטראַ נאָכגע־פאָלגט, אום צו קריגען פון מיר הילף וועגען ראַטעווען איהר גור־טען נאָמען און צוריק קריגען דאָס קינד.

„אין אַ שטילען זומער פאַרנאַכט, ווי יעצט, בין איך געקומען

צום טייך באַרעט זיך. עטליכע יונגע פרויען און מענער האָבען זיך שוין געבאָדעט. איינע פון די פרויען, וועלכע האָט געטראָגען דעם רייצענדסטען ביידינג־סוט מיט אַ רויטען גומענעם טשעפּיק אויפ׳ן קאָפּ, האָט גראַציעז געשוואומען אין דער לענג און ברייט פון טייך. זי האָט געמאַכט פערשיעדענע קונצען אין שווימען. די איי־בעריגע האָבען זיך אַמוזירט, געלאַכט און זי, די שווימערקע, האָט געלאַכט הילכיגער און מוזיקאַלישער פון אַלעמען.

„איך האָב זיך געלאָזען שווימען איבער׳ן טייך און זי, וועלכע האָט געשוואומען אויפ׳ן פּלייצע און האָט ניט געזעהן וואוהין דער וואַסער טראָגט איהר, איז אַריינגעשוואומען אין מיינע אָרעמס. זומער, אויף דער פרייער נאַטור, ווערט מען אַט אַזוי בעקאַנט, אָהן צערעמאָניעס; ווער עס שווימט צו, יענער איז אַ קאַמעראַד. מיר זיינען ביידע צוגעשוואומען צום ברעג. איך האָב איהר געהאָלפען שטעלען זיך און אַ בעקאַנטער פּנים האָט מיר אַ שיין גע טהאָן. זי האָט מיר גלייך דערקענט, כאָטש איך בין אין ביידינג סוט.

— הערר ריכטער — האָט זי אויסגערופען ניט איבעררואַשט, און איך האָב זי דערקענט.

„דאָ זיינען מיר ביידע זומער באָרדערס און איך האָב זיך גע־וואָלט האַלטען ווי אַ זומער באָרדער און האָב מיט איהר גענומען ריידען וועגען דעם געגענד און וועגען די מענשען. זי האָט אָבער שנעל אַרויפגעצויגען דעם געשפּרעך אויף איהרע אינטערעסען. זי האָט זיך ווידער גענומען צו איהרע טענות, אַז זי איז אונשול־דיג, אַז מען האָט איהר גוטען נאָמען פערפלעקט און אַז זי מוז צוריק קריגען איהר קינד.

„דאָ, אין טייך, אין דעם ביידינג סוט, האָב איך ווירקליך ניט געקענט זיך האַלטען ווי אַ דזשאַדזש. איך בין דאָך אַ דזשענטעל־מען, אַ זומער באָרדער און אַ קאַוואַליער. איך האָב זיך געמוזט צוהערען צו איהר מיט פריינדליכקייט. איך האָב איהר ברידערליך אַריינגעקוקט אין פּנים. איך האָב איהר גענומען אונטער׳ן אָרעם און בערוהיגט, אַז דער אמת וועט דאָך ווען עס איז אַרויסקומען און אַלעס וועט זיין גוט.

„קוקענדיג אויף איהר יונגען לייכטענדען פּנים און אויף די פּיעלע קינדערשע שטיפעריַיען פון איהר ביידינג־סוט, האָב איך גענומען פּעסט גלויבען איהרע רייד, וועגען איהר אונשולד. זי האָט מיר אויסגעזעהען ווי אַ קליין, שעהן קינדעלע, אויף וועמען עלטערע ערפאַהרענע זינדער האָבען זיך אַנגעזעצט צו פערביטער־רען איהר לעבען.

„ אזוי ווי זי האָט נאָך פּיעלעס געהאַט צו דערצעהלען מיר וועגען די עולות וואָס מען האָט געגען איהר בעגאַנגען, האָט זי פאָרגעשלאָגען מיר זאָלען זיך דורכפאָהרען אויף אַ שיפעל. זי האָט דערפּיהלט, אַז דאָ בין איך ניט ריכטער ראַום, נאָר מיסטער ראָום, אַ דזשענטעלמאַן אויף אַ זומער פּלאַץ, און זי וועט דאָ האָ־בען אַ ווירקונג אויף מיר, איך זאָל זיך פעראינטערעסירען אין איהר לאַגע.

„זי האָט מיר אַנגעהויבען ווערען סימפּאַטיש מיט איהר אונ־ענדליכען קאַמפּף פאַר איהר מוטערליכער רעכט. ווי זי האָט מיר נאָר דערזעהן, איז איהר שוין ניט געלעגען אין זינען די קאָמפּאַני און די שטיפעריַיען אין דעם זומערדיגען טייך. אָט ערשט האָט זי געשטיעפּט אין די כוואַליעס און יעצט געהט איהר קיין זאַך ניט אָן. זי קעמפּפט פאַר איהר קינד און פאַר איהר גוטען נאָמען. איך האָב אין איהר דערזעהן דאָס ערהאָבענע פון דער פרוי -- די מוטער.

„מיר זיינען געפאָהרען אויף דער שיפעל. איך האָב געאַרבייט מיט די וויאָסלעס און זי האָט זיך שוין געפיהלט ווי מיט איהר'ס אַ גלייכען. איך בין אוים ריכטער, נאָר איהרער אַ גוטער בע־קאַנטער אַז אינטימער פריינד אויפ'ן טייך.

„מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט דאָ לעבען דער אַלטער בוים אין דעם איינזאַמען פּלאַץ. די זון האָט געפאַרבט דעם מערב אין גליהענדע רויט. די פרוי האָט אַלץ גערעדט וועגען איהר אונשולד און פערלאַנגט דאָס קינד. און אונשולד האָט געשפּיעלט אין דעם רויטען מערב הימעל.

„זי האָט גערעדט אַלץ שטאַרקער און בעהאַרצט פון פערדרוס.

פון איהרע אויגעז האבען זיך גענומען קייקלען טרעהרען און זי האט גענומען חלש'ן פון אויפרעגונג.

„איך האב איהר ארויסגעפיהרט אויפ'ן ברעג, לויז געמאכט איהר „בעלט" ארוםביידינג סוט און זי האט צו מיר אויסגעשטרעקט איהרע פיין געטאקטע הענד, ווי א קינדעלע צו א פאטער נאך הילף. פון איהר פייכטען ביידינג סוט, וואס איז געווען ארומגע־קלעפט ארום איהר ווארימען פיין געשניצטען קערפער, האט זיך געטראגען א פארע. איך האב איהר געטרייסט און געגלעט.

„זי האט געכליפעט:

— מיין קינד, מיין אונשולד, — און איך האב געווישט איה־רע טרעהרען פון די אויגען. זי האט זיך איינגעקלאמערט אין מיר און אלץ שטיל געכליפעט: — איך בין דאך אונשולדיג.

„איך האב איהר בעדעקט מיט קושען און געצערטעלט ווי א קינד:

— יע, יע, דו ביזט אונשולדיג, דו ביזט אונשולדיג.

„איך האב דערפיהלט, אז א פיינע סטאטוע, די פערקערפערונג פון טוגענד גליהט לעבען מיר. מיט מיינע פער'שכור'טע אויגען האב איך אין איהר געזעהן בלויז אונשולד, בלויז שעהנקייט און טוגענד.

„די זון האט געצונדען רויטע שייבלעך צווישען די בלעטער פון די קוסטעס. די פרוי, וואס האט אויסגעזעהן ווי א שעהן קינ־דעלע אין מיינע הענד, האט זיך ניט געוועהרט געגען דעם דזשענ־טעלמאן, וואס איז אמאל געווען איהר ריכטער. זי האט בלויז גע־וויספערט: — איך בין אונשולדיג, און איך האב מיט האלבע אפ־געריסענע ווערטער מסכים געווען: — דו ביזט אונשולדיג, דו ביזט אונשולדיג...

„ווען מיר זיינען צוריקגעפאהרען איז שוין דער גאנצער טייך געווען איינגעהילט אין שאטענס. אין מערב זייט האט זיך דער לעצטער רויטער פאס געהאלטען אין צודעקען מיט א דינעם וואל־קענדעל. איך בין געווען צומישט און אפהענדיג און זי האט פלייסיג געארבייט מיט די וויאסלעס. איך האב זיך געפיהלט זעהר גע־

פאַלען און זי האָט מיר צוגעגעבען מוטה. מיט איהר פריהערדיגען געוועהנליכען טאָן האָט זי צו יעדען מאָל מיט אַ וויאָסלע אינ'ם וואַסער, ארויסגעסאַפּעט:

— איך בין אונשולדיג, הערר ריכטער, איך בין אַן עהרליכע מוטער און מוז צוריק קריגען מיין קינד.

„זי האָט אַזוי גערעדט איבערצייגענד און איינדרוקספאָל, אַז איך האָב אַליין געפיהלט אין זיך אַן איבערצייגונג אין איהר אונ־שולד. דאָס וואָס צווישען אונז איז אַט ערשט פאָרגעקומען, האָט ניט געביטען איהר מוטהיגען און איבערצייגענדען טאָן. פאַר־קעהרט, אין איהרע פעסטע רייד וועגען איהר אונשולד האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס, וואָס צווישען אונז איז ערשט פאָרגעקומען, איז דוקא אַ בעוויז פאַר איהר אונשולד און זי דאַרף צוריק קריגען איהר קינד.

„איך האָב די פרוי בעגלייט צו איהר זומער־וואָהנונג. מיר זיינען געגאַנגען געאָרעמט. זי האָט גערעדט איהר'ס און איך האָב געטראַכט וועגען די מאָדנע קאַפּריזען און שפּיעלערייען וואָס עס זיינען דאָ אין דעם מענשען. די געדאַנקען וועגען דאָס לעבען און די רעטענישען פון'ם לעבען האָבען איצטער ביי מיר גענומען אַן אנדער ווענדונג.

„איך האָב געגלויבט, אַז לעבען מיר שפּאַצירט איצט ווירק־ליך אַן עהרליכע אונשולדיגע מענשליכע בעשעפעניס. זי האָט זיך אייגענטליך ערלויבט אַזוינס, וואָס דער פּרימיטיווער מענש האָט עס געטהאָן געדן אויפ'ן גרינעם גראָז אונטער די גליהענדע זון. אויף דעם פּרימיטיווען מענשען וועט מען דאָך ניט זאָגען, אַז ער איז געוועזען אַ פאַלשער. ער איז דאָך געווען אַ גרויסע עהרליכע בייבי. און וויבאַלד דער היינטיגער מענש האָט אין זיך אַלע קאַפּ־ריזען און אינעווענינסטע נאַטירליכקייטען, ווי דער אַמאָליגער מענש, וואָרום זאָל מען איהם האַלטען פאַר אַ פאַלשען, לויט זיינע נאַטירליכע מעשים.

„דאָס איז דאָך אַלץ איינס ווי איינער געהט פאַרביי אַ בוים פון צייטיגע קאַרשען און רייסט אַרונטער אַ הענגעל מיט קערש־

לאד. דאס איז אן עולה. די קארשען בוים איז ניט זיינע. ער ווייסט עס, און האט דאך געריסען, ווייל די קערשלעך ווינקען, מען זאל זיי רייסען. איהר קענט ניט פעראכטען די קערשלעך דערפאר וואס זיי האבען דעם נאטירליכען גלאנץ צו ווינקען. און איהר קענט ניט פער'משפט'ען דעם מענשען, וואס האט א צופ געטהאן די קערשלעך. דער מענש הערט ניט אויף צו זיין מאראליש דער־פאר וואס ער האט אפגעצופט א צייטיגע קערשעל.

„איך האב געטראכט: אט דיעזע מענשליכע קערשעל, די פרוי, וואס געהט יעצט מיט מיר, איז טיעף אין איהר מענשליך און מו־טערליכער הארץ עהרליך און אונשולדיג. איך בין דאך אן עהרלי־כער פאטער. איך פיהל זיך אלס עהרליכער מענש אין דער געזעל־שאפט, און איך בין עס. איך ווייס, וואס עס איז יושר'דיג און וואס ניט. איך האב נאך קיין מענשען אין מיין לעבען ניט פערראטהען און דאך האב איך זיך ערלויבט דאס זעלבע וואס זי... פון דיעזער פאסירונג בין איך ניט געווארען קיין ערגערער מענש. דאס יושר־דיגע אין מיר וועט אויף ווייטער ניט ליידען צוליעב דעם. פער־קעהרט, איך וועל זיך סטארען צו זיין א בעסערער מענש, פיה־לענדיג, אז איך בין דער מאראל געווארען א שטיקעל בעל חוב... און פונקט ווי עס וואלט געוועזן אן אונזין, ווען מען נעהמט אוועק פון מיר מיינע קינדער דערפאר וואס איך האב א קערשעל ארונטער־געצופט, אזוי איז נאך א גרעסערער אונזין, מען זאל דאס קערשעלע בעשטראפען פאר לאזען זיך צופען.

„דער מענש איז דאך אייגענטליך ניט פעראנטווארטליך פאר די פלאנטערס און מיספערשטענדניסע, וואס די נאטור האט אריינ־געוועבט אין זיין נשמה. מיר טארען ניט משפט'ען די אויפטהו־אונגען און קאפריזען פון דער נאטור, ווייל מיר קענען עס ניט בע־גרייפען. מיר פיהלען עס בלויז מיט'ן הארצען, אבער ניט מיט'ן שכל. יושר טהיילען מיר אוים לויט דעם שכל. און אין פיעלעס שטעהט דאס געפיהל העכער פון'ם שכל, און דער שכל טאר ניט משפט'ען א העכערען און קאמפליצירטערען בעגריעף פון זיך.

„אין דיעזע רעיונות בין איך מיט איהר צוגעקומען צו איהר

זומער האטעל און מיר האבען זיך איינע די אנדערע געזאגט א גוטע נאכט. פון יענעם אבענד אן, האט די פרוי דעם גאנצען זו־מער מיר ניט בעגעגענט, עפעס אזוי ווי זי האט שוין איהר אי־בערצייגענדען פאקט געבראכט, דאס זי איז אונשולדיג, און איז מסתמא זיכער, אז איך בין שוין איבערצייגט אין איהר אונשולד...

„און אנדערש מאל האט זיך מיר געדוכט, אז די פרוי איז ווירק־ליך ביז יעצט געוועזן אן אונשולדיגע און שטרענג עהרליכע. זי האט אבער געשטעלט די מוטער וויכטיגער און העכער פון דער פרוי. זי האט געבראכט די פרוי אלס קרבן צו דערגרייכען דעם אידעאל פון דער מוטער, צו קריגען דאס קינד.

„ביי אזעלכע געדאנקען פלעג איך אויף איהר ווערען אין כעס. ווארום דאס הייסט, אז זי איז אזוי דורכגעטריבען, כיטרע, און האט דערמיט ווי געצייגט, דאס זי קען און ווייסט גוט די מענער, אז דעם בעסטען עהרליכען מאן קען מען איבערצייגען אונשולד בלויז דורך כאבאר פון פרויען־לייב...

„אין הערבסט איז זי צו מיר געקומען אין קאורט. קיינע פער־גנב'טע און אנצוהערעניש־בליקען האב איך אין איהרע אויגען ניט געזעהן.

„איך האב איהר געהאלפען צו קריגען א נייעם טרייל, און זי האט איהר קינד צוריק געקראגען.“

איך און ריכטער ראום זיינען צוריק געפאהרען אויף דער שי־פעל ווען עס איז געווען שוין גוט פינסטער. ווען דער ריכטער האט צוגעשלאסען די שיפעל צו א בוים ביים ברעג טייך, האט ער שטילערהייד צוגעגעבען צו דער ערצעהלונג:

„פיעלע מאל דוכט זיך מיר, דאס זי האט עקסטרא מיר אריינ־געפיהרט אום צו מאכען מיר פאר א שותף צו איהרע זינד און איך וועל שוין איהר מוזען הלפען אין א צווייטען פראצעס, ווארום איך בין דאך א פארטנער. איך פלעג טראכטען: זי מוז זיין אזא כיט־רע, דאס זי האט אויך אויסגערעכענט, אז א ריכטער וועט איה־ניט בערעדען, ער וועט עס מוזען האלטען בסוד. יע, יע, א פרוי היט זיך פאר א מאן פון א נידריגען שטאנד, אדער פאר איהר'ס

א גלייכען. אזעלכע מענער פלאפלען ארוים, ווארום זיי דארפען זיך דאך בעריהמען. פאר מענער פון העכערען שטאנד האבען די פרויען קיין מורא ניט. יענע מענער מוזען האלטען א סוד".

ווען איך האב צוגעפיהרט דעם ריכטער צו זיין וואהנונג, איז שוין א פולע רונדע לבנה געהאנגען איבער דעם גארטען. מיר האבען זיך נאך צוגעזעצט אויף די געפלאכטענע שטוהלען און דער ריכטער האט מיר איינגערוימט א סוד:

„שלעכט טראכט איך וועגען אט יענער פרוי זעהר זעלטען. און אין די טיפעניש פון מיין הארצען איז דאך — כהן יענעם מאמענט ביים טייך, פערבליבען אן עהרליכען געפיהל צו יענער שעהנער יונגער פרוי. איך גלויב עד היום אין איהר אונשולד. אין איהרע אויגען, אין איהר קלאהרען געזיכט, האב איך געזעהן און געפיהלט טוגענד און ריינקייט פון א מענשליכער נשמה. איהר וועט פיליכט לאכען. זי האט עס מיר אלעם איבערצייגט מיט דאס נאהענטקייט פון איהר לייב צו מיר. דאס איז אייגענטליך די פערשטענדליכסטע שפראך, דורך וועלכער מאן און פרוי רע־דען און דערקענען גוט איינע די אנדערע."

אַנגעצויגען

„פיינטערס זיינען אַן אָרימע פאָלק אָבער אַ פרעהליכע" — דאָס איז אַ פיינטערשער ווערטעל. זיי געהען פון הויז צו הויז מיט די עמערס פאַרב און פענזלען. זיי הערען זיך אָן פערשיעדענע געשיכטעס, זיי פאַרבען עס צו און צוטראָגען איבעראַל, וואו זיי קומען אריין.

יעדען אָבענד דערצעהלען זיי צווישען זיך די נייעסען, וואָס מיט יעדערען האָט פּאַסירט. זייער בערזע איז אונטער דער יוניאָן. אויבען איז דער מיטינג־לאָקאַל פון דער יוניאָן און אונטען איז אַ ביער־סאַלון. אויבען ביים מיטינג האָבען זיי אַ פּרעזידענט מיט אַ סעקרעטער; אונטען אין'ם ביער־סאַלון האָבען זיי ביער, צו־טריקענטע שטיקלאך הערינג, געקאָכטע קאַלטע קאַרטאָפלעס מיט פעלצלאך, פּאָמפּערניק און אַ טאַש קאַרטען.

אליה „די לײדי" — אַזוי רופען איהם זיינע פּאַד־קאָלעגען — האַלט זיך פון וויטען און מיידעט אימער אויס די פּיקאַנטע מעשה'לאך פון די חברה פיינטערס. אליה האָט ניט קיין גרויסען גלויבען אין די געשיכטעס, וואָס זיינע חברים דערצעהלען זיך אָן ביי אַ גלעזעל ביער און ביי אַן עק פון אַ געזאַלצענעם הערינג. ער רופט זיי ליגנערס און זיי איהם „לעקיש". דערצעהלט ווער פון אַ „בלאָטע" מיסעס, וואָס ער האָט בעגעגענט ביי דער אַרבייט, ווייכט איהם אליה אויס. ער וויל ניט הערען די פיינטערשע דרשות, ער גלויבט ניט אַ פיינטער.

אַ האַנד איז אַ פינאַקעל נעהמט יאָ אַמאָל אליה „די לײדי". דאָס איז אָבער נאָר דאַן, ווען ער דאַרף וואַרטען אויף זיין רייהע צו צאָהלען די בייטרעגע אין דער יוניאָן.

איין מאָל איז אליה געזעסען ביי אַ טישעל מיט נאָך עטליכע

פיינטער־קאַלעגען. געשפּיעלט האָט מען אַ טרוקענעם פּינאַקעל, ס'הייסט אָהן געלד. דאָס איז געווען פאַר פּסח צייט, ווען אין יע־דער אידישער „טענעמענט" איז פול מיט פאַרב און פיינטערס. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די פיינטערשע צינגער ריי־דען זיך אָן מאַזאַלעס ווענען זייערע „גליקען" צו טרעפען יעדען טאָג אַנדערע שעהנע יונגע ווייבלאַך.

דזשייק, אַ יונגער אַדעסער חברה־מאַן, האָט אָנגעפאַנגען דער־צעהלען אַ געשיכטע ווענען אַ יונגע פלאַמבערקע פון משעררי סטריט, ביי וועמען ער האָט די וואָך געאַרבעט די קיך מיט דעם עס־צימער.

איינער פון דער חברה האָט לצנות'דיג בעמערקט:

— דזשייק, יעצט דערצעהל ניט אַזעלכע מעשיות: „די ליידי" זיצט דאָ.

צו אַלעמענס איבעראַשונג האָט אליה „די ליידי" פערזשמור־רעט כיטרע די אויגעלאַך און האָט פאַרגעשלאָגען צו דערצעהלען אַ געשיכטע פון וועלכע זיי וועלען נשתומם ווערען.

ביי אַזאַ געלעגענהייט האָבען אַלע מפסיק געווען אין מיטען דעם פּינאַקעל, איז אליה האָט מיט גרויס כונה אָנגעפאַנגען:

— איהר הערט, חברה, דאָס איז דעם ערשטען מאָל, וואָס עס האָט זיך געטראָפען אין מיין לעבען. געווען איז עס לעצטע וואָך פרייטאָג. איך בין געקומען פאַרבען אַ קיך, בלויז די קיך האָב איך געדאַרפט מאַכען. איך האָב גערעכענט פערברייננגען העכסטענס צוויי שטונדען און אַוועקגעהן. מאַכט זיך אָבער אַזוינס, וואָס איך בין דאָרטען פערבליבען נעכטיגען...

די חברה פיינטערס האָבען אויסגעסלאַפּעט די צינגער און געהערט געשפּאַנט.

— געווען איז עס אין דער פערטער סטריט, — רעדט אליה ווייטער, — איך קום אַריין, שטעל אַוועק דעם לייטער און איך נעהם זיך צום באַלקען. איך שטעה אויף דעם לייטער און זעה אַ יונגע ווייבעלע, שעהן ווי גאָלד, זי האַלט אַ קליין קינד אויף די הענד. קענטיג דאָס ערשטע קינד, מען זעהט נאָך איהר יוגענד,

אַז דאָס קינד איז די ערשטע. מילא, אַ יונגע שעהנע ווייבעלע האַלט אַ קינד אויף די הענד, זאָל זי עס האַלטען געזונטערהייד, איך האָב אויך אַ קינד. איך האָב אויך אַ פרוי, איך בין דאָך ניט ווי איהר, איך וועל דאָך ניט מאַכען אייערע פּיינטערשע שטיק, ווערטלאַך און גראַבע אַנצוהערנישען...

איך קאָלך דעם באַלקען און זי מיט'ן קינד אויף די הענד דרעהט זיך אַרום איוועט און באַקט רעטשענע לאַטקעס. אַז עט־ ליכע לאַטקעס זיינען פאַרטיג געוואָרען רופט זיך אָפּ די ווייבעלע:

— פּיינטער, איהר ווילט אַ לאַטקע? — און איהרע אויגלאַך פינקלען, די בעקלאַך רויט פון דעם הייסען איוועט: ס'איז אַ פערגעניגען צו קוקען אויף איהר.

— נו, — ענטפער איך,— זאָל זיין אַ לאַטקע.

איך נעהם שוין אַרונטערגעהן פון'ם לייטער נאָך דער לאַטקע, זאָגט זי צו מיר:

— איהר קענט שטעהן אויבען אויפ'ן לייטער, איך וועל אייך דערלאַנגען.

— און זי שטעלט זיך אויף אַ שטאַפּעל פון מיין לייטער און גיט מיר אַ לאַטקע גלייך פון איהר האַנד אין מיין מויל. עס גע־ פעלט מיר די שטיפעריי איהרע און איך גיב איהר כלומרשט אַ ביס איהר ווייסען קלאָהרען פינגער. זי צושמייכעלט זיך שעלמיש און זי גיט מיר אַ קיצעל אונטער'ן פּאַכווע. איך בין איבערראַשט און איך פיהל, אַז איך פערליער זיך. פונדעסטוועגען טהו איך מיין אַרבייט און זוך צו קאָנטראָלירען זיך.

אַלע פּיינטערס זיצען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. די רעדעל אַרום טישעל ווערט גרעסער, עס איז שטיל, אַז מען קען הערען ווי ביי יעדערען קלאַפּט דאָס האַרץ פון נייגעריגקייט.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ברידערלאַך, — זעצט פאָרט אַליה, — איך אַרבייט און מיינע הענד טרייסלען זיך... איך פיהל, אַז באַלד, באַלד, געה איך אַרונטער פון לייטער, איך וועל אַ נעהם טהאָן די ווייבעלע און צודריקען איהר צו מיינע פערשמירטע אוועראַלס. באַלד טאַקע געהט זי צו און פרעגט:

— פיינער, איהר ווילט עסען סאפער? און זי שמייכעלט, זינגט און טאנצט אונטער.

— איך גיב זיך א כאפ ווי פון א חלום. איך דערזעה עס איז שוין טאקע שפעט, שוין באלד פינף א זייגער. איך האב אליין ניט באמערקט ווי עס איז אריבער גאנצע דריי שטונדען און איך האב קוים געענדיגט דעם באלקען אפקאלכען. בקיצור, איך זעה, אז עפעס א מכשפה האט זיך אנגעזעצט אויף מיר. איך פיהל, אז דא וועט היינט עפעס געשעהן אויסערגעוועהנליכעס. איך געה צו צום געגרייטען טיש און וויל זיך זעצען עפעס צובייסען. געהט זי צו מיר צו, נעהמט מיר אן פאר א האנד און פיהרט מיר צו צום סינק. איך געה ווי א ליימענער גולם און רייד ניט קיין ווארט.

— אט אזוי, א, — לאכט זי צו מיר, — אט נעהמט און וואשט אייערע הענד און איהר וועט עסען ווי עס בעדארף צו זיין.

— איך צו־וואש מיינע הענד און געה צום טיש.

— אין די אווראלס עסען? — פרעגט זי מיר בעפעהלענד. און גלייך געהט זי צו און פאנגט אן אפצושפילען מיינע אווראלס.

איך טהו שוין אוים די אווראלס און זעץ זיך עסען. זי נעהמט דערוייל אוועק מיינע אווראלס אין באדע־צימער, זי צושטעלט דארטען מיינע פארבען מיט די פענזלען אין ארדנונג. איך קוק און עס שטעלען זיך מיר די האר דובאם. איך עס אפ, עס איז שוין באלד גוט פינסטער, איך נעהם ארויסגעהן, די טיהר איז פערשלאסען, די שליסעל איז ניטא. איך קעהר זיך אפ בעטען דעם שליסעל, זעה איך ווי די ווייבעלע שטעהט און לאכט.

— גיט מיר דעם שליסעל, מיסעס, — זאג איך, און עס טרייסעלט מיר א צאהן אן א צאהן.

— ווארט אויף א וויילע, מיסטער פיינטער, — זאגט זי, לא־בענדיג, — איך וועל לייגען דאס קינד שלאפען.

זי געהט אריין אין שלאף־צימער, זאמט זיך דארטען א צעהן מינוטען און קומט ארוים אהן דעם קינד און אהן א יאקעל. מיט א נאקעטע האנד ביז צום שולטער טראגט זי מיר אונטער דעם

שליסעל, איך וויל נעהמען דעם שליסעל. האַלט זי איהם שטייף אין האַנד און זאָגט:

— סאַראַ נאַרישער פּיינטער! פון אַזאַ גוטער שעהנער ווייבעל געהט מען עס אַזוי שנעל אַוועק? אויב איהר זאָגט מיר צו צו קומען אין אַ שטונדע אַרום, שליס איך אייך אָפּ די טיהר.

איך נעהם זיך ראַנגלען מיט איהר צו בעקומען דעם שליסעל. זי איז אַ פעסטע געזונדע פרוי און איך קען איהר ניט בייקומען. עס צופּלעכטען זיך איהרע שוואַרצע האָר אַרום מיין פּנים. עס טראָגט זיך אַ וואַרימער אָטהעם פון איהר שטיפערישען קערפּער און איך בלייב אין איהרע אָרעמס.

אליה „די ליידי" האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטהעם און אַלע פּיינטערס זיינען געשטאַנען ווי פערשטיינערט. זייערע אויגען זיינען זיי פון קאָפּ אַרויס.

— נו, נו? — פרעגען איהם חברה־לייט. — וואָס איז נעווען?

— העט, — זאָגט אליה, — וואָס זאָל זיין? איך בין דאָרטען פערבליבען נעכטיגען. —

— נעכטיגען! — גיבען אַלע אַ געשריי מיט קנאה.

— און דער מאַן? — פרעגט איינער נייגעריג.

— וואָס מאַן, ווען מאַן, — פּינטעלט אליה צו מיט די אויגלאַך.

— און וואָס איז געווען אויף מאָרגען? — פרעגט דזשייק דער אָדעסער.

דאַ האָט אליה זיך פערכאַפּט און אַלע פּיינטערס זיינען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטהעמס און זייערע הערצער זיינען געהאַנגען ווי אַ וואַג־שאָל.

אליה האָט אַלעמען דורכגענומען מיט זיינע אויגען, און געזאָגט:

— אויף מאָרגען? אויף מאָרגען האָב איך געענדיגט פאַר די קיך, אָפּגעגעסען גוט און אַוועק עפּעס פערדיענען, ווייל פאַר דער קיך פּיינטען האָט מען מיר ניט באַצאָהלט.

— פאַר וואָס? — פרעגען אַלע פערוואונדערט.

— פאר וואס? — ענטפערט אליה געלאסען, — ווייל דאס האב איך אויף פסח געפארבט מיין אייגענע קיך און געגעסען מיינע אייגענע לאטקעס און געבענטשט מיט מיין אייגענער פרוי. —

— —

אלע פיינטערלאך זיינען געבליבען געבעך שרעקליך ענטוישט, אפגענארט. מען האט ביי זיי אוועקגערויבט אזא זיסען שעהנעם טרוים. זיי האבען געפיהלט ווי נעהמען אליה'ן און צופליקען איהם ווי א הערינג.

פון גרוים כעס האט דזשייקעלע דער אדעסער פארגעווארפען אליה'ן:

— פוי, סארא פאדלער נפש דאס איז, אט דער אלה „ליידי", ס'איז ביי איהם רעכט כאטש מיט זיין אייגענער פרוי...

קינדערלעך.
B. BOTWINIK

דעם קינד'ם ערשטע ענטווישונג

גיטעלע האט ערשט אפגעלעבט אויף דער וועלט בלויז אכט־צעהן מאנאטען, און שוין האט זי געהאט א ביטערע ענטווישונג אינ'ם לעבען.

ביז יעצט איז גיטעלע געווען איבערציינגט, אז זייענדיג שטענ־דיג נעבען איהר טאטע־מאמע, דארף זי פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען...

ווען אימיצער, א פרעמדער מענש, קומט אריין אין הויז און גיטעלע שטעהט אליין אין מיטען שטוב, פיהלט זי זיך אומבעשיצט. גיט זי א לויף צו דער מאמע, דרעהט זיך איין אין איהר קלייד און דאן לאכט זי פון דער גאנצער וועלט. מעג אפילו קומען דער שרעק־ליכסטער אכזר, האט זי שוין קיין מורא ניט.

ווען א פרעמדער מאן נעהמט אמאל גיטעל'ען אויף די הענד, קומט די מאמע און לייזט איהר אויס. און יענער, דער פרעמדער, איז כאטלאז געגען איהר מאמע'ן. ער מוז פאלגען און אבגעבען גיטעלע'ן צוריק אין דער מאמע'ס ליעבע, ווייכע ארעמס.

עס האט נאך קיינמאל ניט געטראפען, אז א קינד, וועלכע איז גרעסער און געזונטער פון גיטעלע'ן זאל ביי איהר אפנעהמען א צאצקע און די מאמע זאל ניט אויספיהרען צו גונסטען איהר גי־טעלע'ן.

גיטעלע'ס פאטער איז גאר א שוואכער מענשעל. פונדעסט־וועגען איז זי זיכער, אז דער פאפא איז דער גרעסטער גבור אין דער וועלט...

שרייט דער פאפא, מאכט ער א שטרענגע מינע, ווייגט זיך גיטעלע פאנאנדער; זי מיינט, אז דאן קען די גאנצע וועלט חלילה חרוב ווערען פון איהר טאטנס גרימצארן... שמייכעלט דער פאפא

און נעהמט איהר אויף די הענד, דאן איז גיטעלע זיכער, אז ליעבע און פריעדען הערשען אויף דער וועלט, און זי אטהעמט אפ פריי.

געהט זי מיט טאטע־מאמע אין גאס, בעלאנגט די גאנצע גאס צו איהר. אלע לאזען זיי פריי דעם וועג. אלע גוטע זאכען וואס זי זעהט, בעלאנגען צו איהר, צו גיטעלע'ן, ווייל ווי דען? זי געהט דאך עפעס מיט איהר טאטע־מאמע! און אט געהט צו די מאמע, נעהמט פון א קאשיק פערשידענע פרוכטען און גיט גיטעלע'ן. די אידענע, וועלכע זיצט נעבען די פרוכטען, לאזט נעהמען וויפיעל מען וויל נאר אליין, ווייל זי ווייס, אז דאס איז גיטעלע'ס מאמע... גיטעלע'ס פאפא איז שטארקער אפילו פון די האריגע קאץ, פאר וועלכע גיטעלע שרעקט זיך אזוי, ווייל די קאץ געהט ארום, זי הויבט אויף די קאפ און לאזט איהר אראפ, זי צאפעלט זיך, די קאץ; זי איז ניט ווי איהרע ליאלקעס וואס מען לעגט זיי אוועק ליגען זיי און ווען מען געהט צו, קען מען זיי נעהמען. דאך, ווען דער פאפא האלט גיטעלען פאר א הענטעלע, ערלויבט זי זיך אנצוכאפען די שרעקליכע חיה פאר'ן עק, ווייל גיטעלע איז זיכער, אז קיין בייז וועט איהר יעצט ניט געשעהן, — זי געהט דאך מיט איהר פאפא, דעם גרעסטען גבור אין דער וועלט...

און גיטעלע איז שטענדיג געווען זיכער מיט איהרע לעבענס־בעשיצער, ווייל אלעס קען טהאן א טאטע־מאמע. קיין זאך איז פאר זיי ניט צו שווער און ניט צו גרויס. אפילו א שטוהל הויבט אויף די מאמע אין דער הויך. דעם גרויסען טיש האט דער פאפא איין מאל איבערגעקעהרט מיט די פיס ארויף...

אזוי האט גיטעלע געדענקט ביז יעצט. נאר צייט עס איז געשעהן די געשיכטע מיט יענעם דיקען מאן אינ'ם גרויסען פוטער, האט גיטעלע אנגעהויבען צווייפלען אין איהר טאטע־מאמע'ס שטארקייט...

פאסירט האט עס אין א טאג, ווען גיטעלע איז גראדע ניט געווען מיט אלעם. א גאנצען טאג איז זי געלעגען ביי דער מאמען אויף די הענד. זי האט זיך ניט געקענט שטעלען אויף די פיסלעך. די קעפעלע האט איהר וועה געטהאן, די אויגעלעך זיינען איהר

געוועז פערגאסען און די מאמע האט יעדע ווילע צוגעלייגט איהר שטערען צו גיטעלע'ס קעפעלע, האט איהר געקושט און געזיפצט...

מיט א מאל עפענט זיך די טיהר, עס קומט אריין א פרעמדער דיקער מאן מיט שווארצע האר אונטער'ן נאז... ער טראגט א גרויסען פוטער מיט א מאדנע „קאץ" ארומגעדרעהט ארום האלז. אהן טענות געהט ער צו צו גיטעלע'ן, וועלכע איז דאכט זיך גאר פרידליך געלעגען אויף איהר מאמע'ס שויס, נעהמט איהר פאר'ן הענטעלע און קוקט אזוי בייז. צוואויינט זיך גיטעלע און קוקט רחמנות'דיג אויף דער מאמע, ווי זי וואלט געזאגט: וואס וועט זיין מאמע? דו שווייגסט דאס איהם?

די מאמע מאכט זיך ניט וויסענדיג, טהוט אוים גיטעלע'ן די קליידעלע, גיט איהר אין גאנצען איבער צו יענעם בייזען מאן אינ'ם גרויסען פוטער און ער, דער אכזר, טהוט שוין איבער גיטעלע'ן וואס זיין הארץ גלוסט. ער קלאפט איהר מיט זיינע גראבע פינגער איבער'ן בייכעלע, שטעלט צו טרייבלעך צו איהר הוילען לייב. גי־טעלע וויינט, בעט זיך רחמים, די מאמע מאכט זיך ניט הערענדיג, שטרעקט זי אוים איהרע הענטעלעך צום פאפא נאך הילף, געהט צו דער פאפא, גיט דעם בייזען מאן א לעפעלע און דער ווילדער אכזר ווערגט גיטעלע'ן מיט דער לעפעלע אין איהר העלזעלע. גי־טעלע צאפעלט זיך פון ניט־גוטקייט, וויינט, שרייט, זי ווערט שיער דערשטיקט, אט־אט וועט זי בלייבען אונטער זיינע הענד... און גאר ניט, דער פאפא שטעהט פון ווייטען, די מאמא שמייכעלט צו דעם מאן מיט'ן גרויסען פוטער און פאר איהר, פאר גיטעלע'ן, איז ניטא קיין הילף, זיי קענען איהר, הייסט דאס, ניט ראטעווען פון דעם גזלן'ס הענד...

נאך דעם, ווי דער שלעכטער מאן איז אוועק, האט גיטעלע א צייט לאנג געוויינט, ביטער געוויינט.

אזוי ווי דאס הערצעל האט איהר געזאגט, אז עס זיינען דא אזוינע שלעכטע זאכען אויף דער וועלט, וואס אפילו די „גבורים", איהר טאטע־מאמע, זיינען אויך הילפלאז און קענען זיך ניט שטע־לען אנטקעגען...

דאָס דריטע קינד

ער איז געקומען אונגעריכט. ווייל טאַטע־מאַמע האָבען איהם איגנאָרירט, האָט ער וואַרשיינליך ניט געגומען אין אַכט דער וועלט'ס אַנגענומענע עטיקעטע, און איז געקומען פאַר דער צייט... אַנדערהאַלבען מעת־לעת האָט ער פערווייַלט אין דער נאַרישער וועלט. טראַגיש האָט ער זיין קורצען לעבען געענדיגט אין שטאָדטישען האָספּיטאַל. געקומען און פערגאַנגען אָהן אַ נאָמען. ווי אַן אונבעקאַנטער שטומער האָט ער נאָך זיך געלאָזען אַ גרויסען פראַגע־צייכען: פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט איהם די וועלט אַזוי גרויזאַם בעהאַנדעלט אין זיין זעהר קורצען לעבען? פאַר וואָס האָבען אפילו טאַטע־מאַמע ניט בעגליים איהם צו זיין אייביגער רוה?

זיין איינציגער פערברעכען איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געקומען דער דריטער. וואָלט ער קומען אַלס ערשטע קינד, וואָלט מען איהם אויפגענומען מיט פרייד און גליק; וואָלט ער געקומען אַלס ערשטע קינד, וואָלט ער געווען די אורזאַכען פון שלום צווישען טאַטע־מאַמע. אַבער אַלס דריטע קינד, האָט ער טראַגיש געענדיגט און צופרידענגעשטעלט די, וועלכע האָבען איהם צו זיין אונגליק געבראַכט אויף דער וועלט.

די ערשטע קינד! אַך, וואָס פאַר אַ צויבערליכע מינוטען עס זיינען פערבונדען מיט דאָס ערשטע נפש'ל ביי יונגע טאַטע־מאַמע.

ווען די יונגע ווייבעלע האָט דערפיהלט דאָס ערוואַכען פון אַ נייעם לעבען אונטער איהר האַרץ, האָט זי עס מיט שטילע הייליגקייט פאַרזיכטיג פערטרויט איהר מאַן. און פון דאַן אַן איז קיין אַנדער געשפּרעך ניט געווען צווישען זיי, ווי נאָר וועגען דאָס אַנקומענדע קינד, וועגען דאָס אונזיכטבאַרע שטיפערישע לעבען אונ־

מער דער יונגער מוטערס האַרץ... זי, די פרוי, האָט זיך אַליין ניט פערגונען דעם פערגניגען פון פיהלען דאָס קינד: מיט פיעל ליעבע און פערטרויליכקייט האָט זי גענומען זיין האַנד און בעריהרט איהר וואַקסענדען בויך. ווי אַ פלינקע פישעלע האָט עס דאָרטען אומגעטאַנצט, לויפענדיג פון איין זייט אינ׳ם צווייטען... די יונגע פּאָר פאָלק האָט ניט געהאַט גענוג ווערטער איבערצוגעבען זייערע הייליגע געפיהלען, אין יענע מינוטען פון זייער געזעלשאַפט זאָל־בעדריט... און זיי האָבען נאָר געוואונשען, אַז קיינער, קיינער זאָל יעצט צו זיי ניט קומען צו שטערען זיי אין זייער אונטערהאַלטען זיך מיט דאָס קליין שטיפעריל, וועלכען זיי האָבען שוין אַנערקענט פאַר אַ פאָלנעם מענשען, פאַר אַ שעהנעם, אַ קלוגען. און די מאַמע האָט שוין גענומען צוגרייטען קליידעלער, זעקעלער, שיכעלעך און היטעלער... און דאַן, ווען די מוטער האָט גענעהט די קליידעלער פאַר דאָס ערוואַרטעטע קינד, האָט דאָס קליין פישעלע געפיהלט דער מוטער׳ס הנאה פון די נייע זאַכען פאַר איהר קינד. מיט אַ פלינ־קען טאַנץ פון זייט צו זייט האָט דאָס נפש׳ל זיך געלאָזען פיהלען.

אזוי האָט מען ערוואַרטעט דאָס ערשטע קינד. און אַז דאָס איז געקומען מיט אַ געשריי, מיט אַ פּאַראַדע פון גרויסהאַלטעריי, האָבען אַלע מיט איינגעהאַלטענעם אָטהעם און גרויס עהרפורכט אַ „ברוך־הבא" אָפּגעגעבען.

אַ נייער אינטערעס פאַר׳ן לעבען פון מאַן און ווייב. אַ זאַבאַווע פאַר דער באַבען מיט׳ן זיידען, אַ ציערונג אין דער משפחה, אַ יחסנ׳טע, האָט זיך רחל׳ע געהאַדעוועט.

* * *

קלענער, פיעל קלענער איז געווען דער מזל פון דער קליינער עשעלע. ביים ערשטען אַנזאָג פון איהר קומען האָבען טאַטע־מאַ־מע טרויעריג פערבויגען די קעפּ. זייער אינערליכער וואונש איז געווען, אַז דאָס צווייטע נפש׳ל זאָל ניט קומען אויף דער ליכטיגער וועלט. די יונגע מוטער האָט זאָגאַר אַנגעווענדעט מיטלען, צו פערטרייבען עשעלע׳ן פונ׳ם לעבען. ווען זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאַן אונטער דער מוטער׳ס האַרץ, האָט זי אפילו אַרויסגערופען

ליעבע און צערטליכקייט, אַבער מען האָט עס פערשוויגען ווי אַן אונגעבעטענעם גאַסט צו אַן אָרימען לעדיגען טיש.

עשעלע איז געקומען, און מען האָט מיט איהר שלום געשלאָסען.

די גאַנצע ביטערניש פון׳ם לעבען איז געפאַלען אויף דעם גורל פון דאָס דריטע קינד. באַלד ווי עס איז בעקאַנט געוואָרען דאָס ערוואַכען פון אַ דריטען נפש, האָבען טאַטע־מאַמע פערביסען די ליפּען מיט צאָרן. מיט ביטערניש האָבען זיי געוואונשען, אַז דאָס זאָל ניט דערוואַקסען צו עפּעס... ווי אַ גרויזאַמע קללה איז עס געוואַקסען אונטער דער מאַמע׳ס האַרץ...

גרויסע טראַגישע קעמפּפע האָט עס דורכגעמאַכט ביי דער מאַמע׳ן אין בויך. דערוואַקסענע מענשען מיט געשטודירטע כּלי־זין האָבען מלחמה געהאַלטען מיט דעם „אָנפאַנג פון אַ מענשען״... און דיזער „אָנפאַנג־מענש״ האָט אַנגעווענדעט דעם גרעסטען ווי־דערשטאַנד... דאָס האָט דורכגעמאַכט די שווידערליכסטע מלחמה און געוואַקסען, געוואַקסען צום לעבען... און אַז די מוטער האָט זיך ענדליך איבערצייגט, אַז דער קומען פון דער דריטער קינד איז אַן אונפערמיידליכער אונגליק, האָט זי הייסע, ביטערע טרעהרען פערגאָסען. און זי האָט שוין מיט גרויס וועהטאָג און קלעמעניש ערוואַרטעט דאָס ניט געבעטענע קינד, ווי אַן אַלטער מאַן ערוואַרטעט זיין סוף, זיין טוידט, געגען וועלכען ער קען זיך ניט שטעלען אַנטקעגען.

די אונטערדריקונג און פערפאָלגונג געגען דאָס דריטע, קו־מענדע קינד, איז אָבער פּאַרטגעזעצט געוואָרען פון טאַטע־מאַמע און פון די צוויי לעבעדיגע שוועסטערלעך. דער טאַטע האָט ניט געצערטעלט דער מוטער, און די שווערסטע אַרבייט איז געטהאָן געוואָרען פון דער שוואַנגערער, אַבזיכטליך צו אונטערדריקען דאָס דריטע לעבען...

אויף דעם קאַרק פון דאָס שוואַנגערע זעקס־חדשים׳דיגע קינד, זיינען גאַנץ אָפט געזעסען די עלטערע, שוין אויפגעהאָדעוועט קינ־דער: די מוטער פלעגט זיי האַלטען אויף די הענד. אַזוי האָט

עס דורכגעמאַכט שרעקליכע ליידען, גרויזאַמע מאַרטירעריי. אַלץ דערפאַר, וואָס דאָס יעצטיגע וואַקסענדע מענשליכע חיה'לע, האָט זיך צוגעשפּעטיגט צו קומען די דריטע; און אַז די ליידען פון פערפאַלגונגען האָבען דערגרייכט ביז דאָס אונערטרעגליכע, האָט דאָס נפש'ל ניט געקענט שוין מעהרער אַריבערטראָגען און פּלוצ־לונג, ביי'ם שוועל פון'ם זיבעטען חודש, איז עס אַרויסגעקומען אויף דער אכזר'שער וועלט...

קיין בעגריסונג... קיין פריינדליכען בליק פון קיינעם צום ניי־געבאָרענעם זוהן. און געקומען איז עס אַ קליינס, אַ שוואַכעס, אַ צודריקטעס...

דאָס קינד האָט אָנגעפאַנגען קרעכצען, וואָס ווייטער שטאַר־קער, העכער, ביז אַ געוויין, אַ פערשטיקטער געוויין האָט זיך גע־לאָזט הערען...

ביי'ם געוויין האָט זיך ערוועקט אַ געפיהל פון רחמנות און מוטערליכע צערטליכקייט.

מען האָט דעם אונגליקליכען „זוהן" אָפּגעשיקט אין אַ האָס־פּיטאַל, וואו מען זאָל זאָרגען פאַר דאָס לעבען און ווייטערע ענט־וויקלונג פון דאָס ניי־געבאָרענע קינד.

נאָר ווי דאָס נפש'ל איז צוגענומען געוואָרען פון הויז, אַזוי זיינען די הערצער פון טאַטע־מאַמע ווידער פערשטיינערט געוואָרען צו דאָס דריטע קינד... און אין האַרצען האָבען זיי געוואונשען, אַז דאָס זאָל זיך שוין צוריק ניט אומקעהרען...

* * *

אויף מאָרגען איז געקומען אַ פּאָליסמאַן און האָט געפרעגט דעם נאָמען פון טאַטע־מאַמע.

— יע.

— איז אייער'ס „אַ קינד" נעכטען צוגענומען געוואָרען אין האָספּיטאַל? — פרעגט דער שטאָדט־שליח.

— יע, — ענטפערט די מוטער און אַ שרעק איז איהר בע־פאַלען...

— געהט גלייך אין מארג, — בעפעהלט דער פאליסמאן, — אייער קינד איז געשטארבען...

דער פארמעלער טרויעריג־ערנסטער פנים פונ'ם פאליסמאן און די ווערטער: קינד, מארג, געשטארבען, האבען ווייך געמאכט די עלטערענס הערצער צו „א קינד"... די שוואכע מוטער האט עטליכע הייסע טרעהרען פערגאסען. דעם הארטען פארטער'ס הארץ האט פערקלעמט און עס האט זיך געפיהלט ווי אן אמת'ער מענש, א דערוואקסענער, אין גאט'ס געשטאלט, האט זיין אטהעם אויסגע־הויכט... דער טוידט האט עס אויפגעהויבען צו דער אלגעמיין מענשליכער ווירדע... און טאטע־מאמע האבען זיך ווי אבלים דער־פיהלט נאך זייער ערשט־געבארענעם „זוהן"... ס'האט זיך ערשט דערפיהלט אין הויז די טראגעדיע פון אן אונטערגאנגענעם, ניט־גע־לעבטען מענשען...

א קינד, א קינד האבען זיי שוין אויפ'ן בית־עולם, א זוהן אהן א נאמען, אהן א מצבה. די מוטער האט נאך א פאר הייסע טרעה־רען אין איהר בעט פערגאסען און מיט צערטליכען שרעק האט זי א בליק געווארפען צו איהרע צוויי מיידעלעך...

— קינדערלעך, פייגעלעך — האט זי שטיל און צושראקען געפליסטערט, — א קינד, א קינד איז ביי מיר געשטארבען. — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין סקוהל

מאמע־מאמע האבען דאס ערשטע קינד אין סקוהל געפיהרט. זיי האבען גאר פריהער ניט פערשטאנען ווי גרויס דיעזע שמחה וועט זיין. די מאמע האט רחל'ען אנגעטהאן א ווייס־געהעפטע קליידעלע, אויסגעפוצט די שיכעלער, פערפלאכטען א רויטע שטיינגע אין די הערעלער און רחל'ע האט אויסגעזעהן ווי א מלאך'ל.

אויף דעם הויף פון דער סקוהל זיינען שוין א סך, א סך קינדערלעך. די גרעסערע קינדער שטיפען; אינגלעך קלעטערען אויף די סלופעס און אויפ'ן פארקאן; די מיידלעך מיט ביכער אונטער די ארעמס שמועסען צווישען זיך, ווי גאנצע מענשען, און די קליינע קינדערלעך, אהן ביכער, שטעהען לעבען זייערע מאמעס און מען פיהלט ווי זייערע יונגע הערצעלעך קלאפען פון נייגיעריגקייט.

רחל'ע האט דערזעהן אזוי פיעל קינדערלעך, איז זי בעגייסטערט געווארען; איהרע בעקעלעך האבען געגומען פלאמען און ווי א ציגעלע איז זי צוגעשפרונגען צו אייניגע פון איהרע אלטבעקאנטע חבר'טעס.

די לעהרערין איז צוגעקומען. די קליינע קינדערלעך, ווי גאוואטנע הינדעלעך, האבען פעררימען זייערע אויגעלעך „טו דהי טיטשער". זיי האבען געקוקט מיט א מאדנע פער'חלום'טקייט אויף דער לעהרערין, וועגען וועלכער זיי האבען שוין לאנג, לאנג געטרוימט; וועגען וועלכער זיי האבען שוין אזוי לאנג זיך אנגעהערט פון די עלטערע חבר'טעס, וואס געהען שוין אין סקוהל פון פאר א יאהרען.

די לעהרערין האט אנגענומען רחל'ען פאר א הענטעלע; אין רחל'עס אויגעלעך האט א בליץ געטהאן א פייערעל און ארום איהרע

ליפּעלער האָט זיך צוגאַסען אַ שעמעדיגקייט, ווי ביי אַ כּלה, ווען דער חתן בעריהרט איהר צום ערשטען מאָל.

צייט רחל'ע האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאַ אַ סקוהל אויף דער וועלט, האָט זי געשטרעבט צו זיין אין דער סקוהל, וואו מען לעהרענט טאַנצען און אַלערליי שעהנע ליעדלעך. יעצט איז זי שוין אין סקוהל. אַט שטעל מען איהר אין ליין מיט אַלע מייד־לאַך. זי האָט אָבער פערגעסען אויף די ליעדעלאַך און אויף דעם טאַנצען. יעצט האָט זי בלויז אין זינען, אַז זי ווערט אַ גרויסע מויד, „איי ביג גוירל". זי שטעהט אין ליין מיט אַ מיידעלע אין פּאָר און קוקט אויף דער מאַמען. די מאַמע קוקט מיט אַזוי פיעל הארציגע ליעבע צו רחל'ען, און רחל'ע שעהמט זיך עפּעס פאַר דער מאַמע'ן. די זעקס יאָהריגע מיידעלע פיהלט, אַז זי איז שוין אַ מענש, ווייל זי געהט אריין אין דער זעלבער סקוהל, וואו אַלע „ביג גוירלס" געהען אריין.

די ליין פון די קינדערלאַך ריהרט זיך. די לעהרערין געהט פאָראויס און נאָך איהר איז רחל'ע פערשוואונדען ארויף די שטי־גען פון דער סקוהל, מיט אַ פינגעריל אין איהר שמייכלענדען מייל־כעלע. די מוטער האָט אַ געשמאַקען קוש געשענקט אין רחל'עס קעפּעלע און רחל'ע האָט שוין אָנגעפאַנגען לעבען איהר וועלט, אויף איהר אייגענעם חשבון. דורך דער טיהר האָט זי צוגעוואָרפען דער מאַמען:

— קום ניט נאָך מיר, מאַ, איך וועל אַליין קומען פון סקוהל אַהיים.

און ווירקליך, נאָכמיטאָג האָט רחל'ע אַליין געטראָפען די וועג אַהיים. דאָס טרעפען אַליין אַהיים איז ביי איהר געווען נאָך מעהר שמחה ווי דער גאַנצער אויפטהו מיט דער סקוהל.

טאַטע־מאַמע האָבען איינע אויף די אַנדערע געקוקט מיט אַ מאָדנע געהיימניספאָלע פרייד; אַ קינד האָבען זיי שוין אין סקוהל. דאַכט זיך, ווי לאַנג גאָר זיינען זיי אַליין געווען קינדער. אַט ערשט, דאַכט זיך, האָבען זיי ביידע אין טצעבען געשפּיעלט אין לעבעוודע אויף זייער הויכען גאַניק, און אַט — זייער רחל'ע געהט

שוין אין סקוהל. זיי קוקען אויף רחל'ען רחל'ע אויף זיי, זיי ביידע איינע אויף די אנדערע, און א שטומע, טיעפע פרייד נעהמט ארום אלעמענס הערצער.

אויף מארגען אין דער פריה איז רחל'ע אויפגעשטאנען און איהר ערשטער געדאנק איז געווען — סקוהל. רחל'ע האט געפיהלט פונקט ווי אין דעם פריהמארגען, ווען מיט א טאג צוריק האט מען איהר געקויפט די ערשטע קוקלע, וואס קען עפענען און צומאכען די אויגען.

דאס קינד האט זיך גענומען איילען אין סקוהל.

— עס איז נאך פריה, רחל'ע, — זאגט די מאמע — דו קענסט נאך שלאפען.

רחל'ע האט שוין אבער ניט געשלאפען. זי האט זיך אנגע־טהאן; זי האט געבעטען פארקאמען זיך און גאנצע צוויי שטונדען איז זי אפגעזעסען אונגעדולדיג. זי האט געווארט מיט נייגיעריג־קייט אויף דער מינוט, ווען מען וועט איהר זאגען:

— נו, רחל'ע, יעצט איז שוין צייט צו געהן.

מען שיקט איהר און זי „מוז געהן". זי האט אויף זיך א פליכט, פונקט ווי דער פאפא; זי „מוז געהן" אין סקוהל, פונקט ווי דער פאפא מוז געהן אין שאפ. זי מוז זיך אנטהאן פריהער ווי איהר קליינע שוועסטעריל; זי מוז אפעסען פריהער פאר דער קליינער שוועסטעריל. די מאמע מאכט פון רחל'ען א גאנצע פא־ראדע; רחל'ע איז א גאנצער מענש מיט פליכטען, און דאס האט איהר שטארק הנאה געטהאן.

אזוי זיינען אריבער פיער טעג און רחל'ע האט זיך אלץ גע־פרעהט מיט איהר סקוהל. זי האט קאקעטירט מיט איהרע פליכ־טען; די פליכטען זיינען ביי דאס זעקס יאהריגע מענשעלע געווען זעהר אן אינטערעסאנטער שפיעל.

אויפ'ן פערטען טאג, ווען רחל'ע איז אויפגעשטאנען, איז זי שוין געגאנגען אין סקוהל גאנץ געוועהנליך; עס האט געפעהלט דער נייגעריגער פייעריל אין איהרע אייגלעך.

די צווייטע וואך, מאנטאג פריה, איז שוין רחל'ע געגאנגען אין סקוהל מיט אן ערנסטען פנים. איהר גאנג איז שוין געווען כמעט עהנליך צום טאטענ'ס גאנג אין שאפ... אין איהרע אייגעלעך איז שוין געלעגען א מיעדקייט און א לאנגווייליגקייט. פון סקוהל איז זי יענעם טאג געקומען מיט א פארדרוס. דריי מיידעלעך האבען געקראגען „סטארס" און זי נים. איהר קול'כעלע האט געקלונגען מיט פערצווייפלונג, ווי דעם פאפא'ס קול ווען ער קומט פון שאפ און דערצעהלט וועגען א פערכאפטען באנדעל ארבייט וואס האט שיער געזאלט אנקומען צו איהם...

א פאר טעג שפעטער האט זיך שוין רחל'ע ארומגעזעהן, אז דאס שפיעל ציהט זיך עפעס צו לאנג... און זי פרעגט:

— מאמא, ביז וואנען דארף איך נאך געהן אין סקוהל?...

די מאמא האט געוואלט ערקלעהרען דאס קינד, אז אין סקוהל הערט מען נים אויף צו געהן; אז אין סקוהל דארף מען געהן אזוי לאנג, ביז מען ווערט א גרויסע, ביז מען קען שוין אלעס, און דאן געהט מען אריין אין אנאנדער סקוהל, פאר גרויסע, אין האי־סקוהל, און נאכדעם אין קאלעדזש.

די מוטער האט אבער דערזעהן אין רחל'עס אויגעלעך אזא ערנסטקייט, אזא זארג; אין דעם קינד'ס קול'כעלע האט זיך געפיהלט אזא איינגעהאלטענעם שרעק און פערצווייפלונג; רחל'עס קינדערשער פנים'על האט אנגענומען אן אויסזעהן פון איינער, וואס האט עפעס צופעליג געטהאן א שידוך, און זי האט מורא צו געהן ווייטער, וואו זי וועט זיך דארפען געזעגענען מיט איהר יוגענד און מיט איהרע קינדערשע חלומות.

די מוטער האט נים געהאט קיין הארץ צו ערקלעהרען רחל'ען דעם גאנצען אמת, דאס מיט דיעזער ערשטער פליכט פון סקוהל, האט זיך געענדיגט די פרייע קינדהייט; דאס מיט דיעזער ערשטער פליכט האט זיך אנגעפאנגען דאס לעבען פון פליכטען, ביז — ביז דעם לעצטען אטהעם־צוג פון דאס מענשעלע.

אהן אן ענטפער איז רחל'ע אוועק אין סקוהל. די מוטער האט

פערזארגט נאכגעקוקט דאס קינד'ס טריט און האט זיך געטרייסט וואס איהר מיידעלע ווייסט נאך ניט, ווען די קייטעלע פון פליכ־טען דארף זיך ענדיגען און ווי שווארץ עס איז שוין דאן, ווען די קייטעלע פון פליכטען איז צו ענדע...

ניט פראַמאָוטער

די זעקס־יעהריגע רחל׳ע האָט זיך בעגעגענט מיט דעם ער־שטען צער אין איהר לעבען — א צער, וואָס האָט ארומגענומען מיט א גרויסער וועהטאָג איהר צארטער נשמה׳לע. איהר הערצעלע איז פערקלעמט; עס דריקט איהר אזא אומעט, אזא פערדרוס, און זי קען עס קיינעם ניט ארויסגעבען; זי קען זאָגאר קיינעם ניט בעשולדיגען.

רחל׳ע איז דעם ערשטען סיזאָן אין סקוהל. עס איז געקומען פּראָמאָושען־צייט. זי האָט דערהערט אין סקוהל צווישען איהרע חבר׳טעס די שרעקליכע צוויי ווערטער „לעפט בעק״, און דאָס האָט איהר הערצעלע פארקלעמט.

טאַטע־מאַמע און בעקאַנטע טרייסטען זי, אז זי וועט נאָר אין ניכען אויך ווערען פּראָמאָוטעד. אָבער די טרייסט־ווערטער ריה־רען נאָך שטאַרקער אָן די טיעפע וואונדען פון איהר פערצווייפעל־טער הערצעלע.

אייגענטליך האָט שוין רחל׳ע געהאַט אין איהר לעבען פיעלע פערדרוסען, פיעלע ענטוישונגען און הארצוועהטאָגען. אָבער יענע אַלע הארצוועהטאָגען זיינען געווען פשוט קינדערשע און מען האָט זיי לייכט געקענט פערריכטען, אדער אזעלכע, אין וועלכע עס זיי־נען געווען שולדיגע. האָט רחל׳ע צו די שולדיגע געהאַט א טענה. זי האָט געוויינט, געוואָרפען זיך, ביז זי איז נעהאַלפען געוואָרען.

דעם גרעסטען הארצוועהטאָג, געדענקט רחל׳ע, ווען די גרוי־סע ליאַלקע איהרע האָט זיך צובראָכען. די ליאַלקע איז געווען א שעהנהייט: בלאָנדע האָר, ראָזעווע־מאַטעווע באַקען, שעהנע שאַרפע ברעמען און אייגעלעך ווי קאַרשעלעך. די אייגעלעך האָ־בען זיך צוגעמאַכט ווען מען פלעגט דער ליאַלקע אַוועקלעגען;

די אויגעלעך האָבען זיך געעפענט מיט אַ ליכטיגען בליק, ווען מען האָט די ליאַלקע אויפגעזעצט. און שעהנע קליידעלעך מיט פיינע בעפּוצונג האָט די ליאַלקע געטראָגען.

די קליינע עשעלע, איהר שוועסטער'ל האָט אויך געוואָלט צוהאַלטען אַביסעל די ליאַלקע. רחל'ע האָט ניט געוואָלט געבען די ליאַלקע, ווייל דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אַז קיין גוטעס וועט ניט אַרויסקומען. און אַזוי איז געווען; עשעלע האָט גענו־מען די ליאַלקע; עס האָט זיך דערהערט אַ בריאַזג, און פון דער ערד האָט מען שוין דאָס שעהנהייט אויפגעהויבען מיט אַ צושפּאָל־טענעם נעזעל, אַרויסגעפאַלענע אויגען און אַהן צייהנדלעך. אַ שעהנהייט איז אַרונטערגעפאַלען און אַ פּערזעהעניש, אַ צובראָכע־נע פּערזעהעניש, האָט מען אויפגעהויבען פון דער ערד.

רחל'ע האָט אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליכען געוויין, ווי אַ מאַמע, ביי וועמען אַ טייער קינד איז ערשט געשטאָרבען. פאַר איהר איז געשטאַנען דער געשטאַלט פון דער שעהנער בלאָנ־דער ליאַלקע מיט איהר ליכטיגען פּנים'על; זי האָט זיך דערמאָנט די שוועריגקייט מיט וועלכע עס איז איהר אָנגעקומען אויסצור־ווינען אַזאַ ליאַלקע. און יעצט, אַזוי פּלוצלינג, אוים ליאַלקע — געשטאָרבען, צובראָכען!

רחל'ע האָט ביטער געוויינט, גע'טענה'ט און זיך גע'כעס'ט. זי האָט אָבער געהאָט אויף וועמען אַרויפצו־וואַרפען די שולד. זי האָט געוואוסט, אַז טרעהרען וועלען העלפען אין דעם גרויסען אונ־גליק — מען וועט קויפען אַן אַנדער דאָל. רחל'ס טרעהרען זיי־נען אָנגענומען געוואָרען. אַ טאָג שפּעטער האָט מען איהר געקויפט אַן אַנדער ליאַלקע, וועלכע האָט אין גאַנצען פערהיילט די וואונדען פון רחל'ס מוטערליכער האַרץ...

רחל'ס יעצטיגע האַרצוועהטאָג איז אָבער אַן „אַלמענשליכער"; דער צער קומט פון די טרויעריגע „אומשטענדען", ווי די גרויסע וואָלטען עס אָנגערופען. זי איז ניט איבערגעזעצט געוואָרען אין אַ העכערען קלאַס. און דערפאַר איז איהר וועהטאָג אַזוי גרויס, אַזוי יאָמערליך. זי פיהלט, אַז זי האָט געהאָט אַ שרעקליכע ני־

דערלאַנגע אין איהר לעבען און זי האָט ניט קיין ווערטער צו ער־קלעהרען עס פאַר דער „וועלט“. זי ווייסט ניט ווער עס איז שול־דיג אין דעריין; זי ווייס נאָר, אַז עס איז איהר ניט גוט; די ווערטער: „לעפּט־בעק“ דריקען איהר ווי אַ שווערע משא.

געקומען איז דער אונגליק נאָך אַ שעהנעם פריהמאָרגען. טאַ־טע מאַמע האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן זייער קינד פערהילט אין אַן ערנסטען אומעט, ווי אַן עלטערער מענש. וועלכער האָט ביים טייפעל פערשפּיעלט זיין גליק און זיין גאַנצען לעבען.

אין דער פריה איז רחל׳ע אוועק אין סקוהל אין אַ נייע קליי־דעלע מיט אַ נייעם ווייסען שלייפעל אין קעפּעלע. זי איז אַוועק מיט דער האָפנונג, דאָס היינט ווערט זי אַ גרויסע. זי ווערט פּטור פון דעם קינדערשען קלאַס „וואַן איי“. איהר הערצעל האָט גע־קלאַפּט מיט פרייד, ווייל זי ווייסט, אַז דאָס שלעכטע „לעפּט בעק“ וועט מיט איהר ניט פּאַסירען. אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, איז זי אימער די זיעגערין און אַזוי, האָט זי געגלויבט, וועט זיין אין סקוהל.

צו מיטאָג האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם געעפענט די טיהר און ווי אַ שוואַכער שאָטען האָט זיך רחל׳ע אַריינגערוקט אין הויז.

— וואָס איז מיט דיר, רחל׳ע?

רחל׳ע ענטפערט ניט; איהרע הענטלעך טרייסלען זיך, דער פּנימ׳על בלאַס, די ליפּעלעך בלוי און פערטריקענט און די אימער קלאָהרע אייגעלעך זיינען אויסגעלאָשען.

— רחל׳ע, קום אַהער, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?

רחל׳ע געהט לאַנגזאַם מיט אַן אַרונטערבויגענער קעפּעלע. זי טרעט צו אַ בלאַסע, אַ נערוועזע צו דער מאַמען און קלעמט אַרוים: „לעפּט בעק“.

רחל׳עס אויסזעהן האָט דערצעהלט פון גרויסע יסורים אין די טיעפענישען פון איהר קינדערשע נשמה׳לע.

דאָס קינד האָט ניט געוויינט; טרעהרען זיינען געפאַלען פון איהרע אויגעלעך ניט געוויינטערהייט.

רחל׳ע איז אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצען טאָג אין אַ ווינקעלע

א נידערגעשלאגענע מיט א געבויגענעם קאפ. מיט א פערוואונדעט הערצעל האט זי געטראכט פון איהרע חבר'טעס, וועלכע זיינען אומגעלאפען מיט שיינענדע פנים'לער און האבען מיט זייער פרעהליכקייט געבריהט די וואונדען פון רחל'עס הארץ.

די קליינע עשעלע האט אפילו אויך דערפיהלט איהר עלטערער שוועסטערקע'ס צער און זי האט געזאגט:

— אז איך וועל זיין א גרויסע מיידעל, וועל איך ניט „קעהרען", אז איך וועל בלייבען „לעפט־בעק".

רחל'ען האט עס אבער ניט געטרייסט. פערקעהרט, דערהערענדיג דאס ווארט „לעפט בעק", האט זי דערפיהלט, ווי א שטיק זאלץ וואלט ארויפגעפאלען צו איהר פרישע וואונד.

פארנאכט, ווען דער פאפא איז געקומען אהיים, האט ער דערהערט וועגען רחל'עס יסורים און ער האט מיט עפעס געוואלט העלפען דעם זעקס־יעהריגען מענשעלע אין זיין ערשטען צער...

דער פאפא האט רחל'ען דערצעהלט, דאס אמאל, אמאל, איז געווען א קלוגער אינגעלע. האט מען דעם אינגעלע גערופען ראבערט פולטאן. אט דיעזער ראבערט פולטאן האט אימער געקראגען „לעפט בעק" און דאך איז ער געווארען דער גרעסטער מענש, „לאיק דזשארדזש וואשינגטאן".

רחל'ע האט גארניט געענטפערט. זי האט איינגענורעט איהר פנים'על אין דעם פאפא'ס שוים און פון צייט צו צייט האט זיך דערהערט א טיעפער זיפץ.

ווען דער פאפא האט ווידער גענומען דערצעהלען פון דעם קלוגען אינגעלע פולטאן, ווי ער איז געבליבען „לעפט בעק", האט רחל'ע פערצווייפעלט ארויסגעקרעכצט:

— דערצעהל ניט מעהר!...

אויף מארגען איז רחל'ע געקומען פון סקוהל מיט א פאפיערעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אנגעשריעבען צוויי גרויסע ציפער, וועלכע האבען געלאזט וויסען די עלטערען, אז זייער קינד בלייבט אין זעלבען קלאס. די זעלבע ציפער זיינען געווען ביי רחל'ען א נייעס און א פרייד ביים אריינגעהן צום ערשטען מאל

אין סקוהל. יעצט האָבען זיי טרויעריג אַרויסגעקוקט פונ'ם געלען פּאַפּיער און האָבען דערצעהלט פון אַ מענשענ'ס נידערלאַגע, פון דעם ערשטען צער, אַז וועלכען אַ קינדערשע נשמה'ע האָט זיך אָנ־געשטויסען.

דאָס צווייטע קינד

אַ נייער מענש איז צוגעקומען אין דער געזעלשאַפט — עשי. די זעקס יעהריגע עשעלע, ווי די מאַמע האָט איהר פערצויגען, איז „פראַמאוטעד״ געוואָרען אין לעבען. זי איז אַוועק אין סקוהל. און ווי באַלד אַז עשי איז אַ סקוהל־מיידעל, האָט זי אויף זיך פליכטען, און דעריבער האָט מען שוין פאַר איהר אַפּשיי. עשעלע „דאַרף״ אויפשטעהן אין דער פריה; עשעלע „מוז״ אַפּעסען „שנעל״; עשעלע „מוז״ געהן אין סקוהל. זי „מוז״, זי „דאַרף״, זי איז אוים בייבי — זי איז אַ רעגעלער מענש מיט פליכטען...

און אַלעם איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אונערוואַרטעט. און קיינער, דאַכט זיך, האָט זיך ניט אַזוי געגוויטיגט צו קריגען דעם טיטעל „מענש״, ווי עשי; וואָרים זי איז געבאָרען געוואָרען דאָס צווייטע קינד. דאָס צווייטע קינד איז אַלע מאָל אין הויז ווי דער צווייטער פיעדלער אין אַן אָרקעסטער. יעדען טאָן וואָס דער ערשטער פיעדלער שפּיעלט אוים מיט אַזאַ טאַראַראַם און געוואַגטקייט, מוז דער צווייטער פיעדלער בעגלייטען שטיל און אונטערטרימען מיט אַ טעמפּען קלאַנג. אַלעם וואָס די צווייטע פיעדעל טהוט, איז בלויז צו פערפאָלקאָמען דעם ניגון פון דער ערשטער פיעדעל. די ערשטע האָט די שטימע — די צווייטע איז די עכאָ.

די בעגייסטערונג פון טאַטע־מאַמע צו די קינדערשע חכמות איז שוין לאַנג אַוועק צו דאָס ערשטע קינד, צו רחל'ען. זי, עשי, איז די צווייטע. זי איז געקומען נאָך רחל'ען, און זי געהט דורך איג'ם לעבען, ווי די טענער פון דאָס צווייטע פיעדעלע, בעגלייטענ־דיג און וויעדערהאָלענדיג אַלע קינדערשע חכמות, פאַר וועלכע רחל'ע, אַלס דאָס ערשטע קינד, האָט שוין לאַנג, לאַנג בעקומען

געצאהלט אין קושען און בעגייסטערונג פון טאטע־מאמע.

ווען מען האט רחל'ען ענטוועהנט, איז געווען אין הויז א תשעה־באב, א חורבן. טאטע־מאמע זיינען געווען פערקלעמט און האבען געהאט נאך גרעסערע יסורים ווי דאס קינד. ווען מען האט מיט דריי יאהר שפעטער ענטוועהנט עשע'לען, האבען זיך די עלטערן אמוזירט פון עשע'לעס געוואלדען און רייסען זיך צום זויגען. זיי האבען געוואוסט, אז באלד וועט זי אנטשלאפען ווערען; אז מארגען וועט זי נאך וויינען און אז איבערמארגען וועט זי ניט וועלען זויגען, ווען מען זאל איהר אפילו געבען.

ווען ביי רחל'ען האט זיך אויסגעשניטען דער ערשטער צייהנדעלע, איז מען געפאהרען אין די בראנקס און אין נוארק, און צו אלע גוטע פריינד, צייגען דעם ערשטען צייהנדעלע. מען איז מיט דעם צייהנדעלע ארומגעפאהרען ווי מיט א וואונדערליכע ערשיינונג, ווי מיט א גוטען אידען. ווען עשעלע האט שוין געהאט אכט צייהנדעלעך, און דוקא שטארקע און שעהנינקע, ווי ווייסע פערעלעך, האט מען זיך ערשט דאן אין די בראנקס דערוואוסט, אז זי איז געבארען געווארען.

ווען רחל'ע האט גענומען געהן אליין, איז „די וועלט" אוועק באדראם, און ווען עשי האט גענומען געהן אליין, האט מען דערביי געהאט בלויז אין זינען, אז איצט מוז מען איהר היטען, ווארים זי וועט פאלען און צושלאגען זיך. אזוי איז עשעלע געוואקסען אלס די צווייטע קינד און איז בלויז געווען אן אבקלאנג פון דעם ערשטען טאן, די בעגלייטונג פון דער „פרימא" אין דעם פאמיליען־לעבען.

און דוקא איז עשעלע געקומען אויף דער וועלט מיט מעהר קוראזש ווי רחל'ע. עשעלע האט מעהר אמביציעס, ווי דאס ערשטע קינד, זי איז אבער דורך א טעות געקומען די צווייטע. ארום רחל'ען איז מען געגאנגען אויף די ציפקעלעך און זי איז אויסגעוואקסען א שוואכע און א בלאסע. פון עשע'לען האט מען ניט געמאכט אזא טאראראם און זי איז דוקא א געזונדע, א פרעהליכע, א טענצערקע, א „המן" א קינד. רחל'ע איז ארייגעקומען אין לעבען מיט פויקען און טרומייטען, ווייל זי איז געווען דאס ערשטע. אליין איז זי

אבער ערשינען שטיל און אונטערטעניג. עשעלע איז געקומען שטיל, וואכעדיג, אהן טאראראם פון די ארומיגע, אבער זי אליין איז אריינגעפאהרען מיט א טאראראם און מיט גרויסע פרעטענ־זיעס. איהרע פליגעלעך זיינען אבער שנעל אבגעפאטשט געווארען ווען זי האט ערפאהרען, אז זי איז געקומען די צווייטע...

אזוי איז געגאנגען עשע'לעס לעבען. זי האט אימער געפיהלט, אז זי איז דאס צווייטע קינד.

און עשעלע האט דערפון זעהר טיעף געליטען אין איהר קינ־דערשע הערצעלע. ווארים איהר קאפריזנע רייכע לוסטיגע אמבי־ציעזע נשמה'לע איז ווי בעשאפען געווארען צו זיין דאס ערשטע קינד. איהר קערפערעל האט זיך אבער פערשפעטיגט און זי האט געמוזט קומען די צווייטע. ליידט זי. זי שפיעלט דאס צווייטע פיעדעל און זי פיהלט, אז איהר בערויף איז צו שפיעלען די ערשטע.

ווען מען געהט שפאצירען שפרינגט עשעלע פאראויס. ווען קינדער זינגען, הערט מען עשע'לעס קול'כעל צוערשט. דאך איז זי ווי א יונגע טאלאנטפולע אקטריסע, וועמען די „מענעדזשערס" — די עלטערן ווילען ניט צוטהיילען די עהרע צו אנאנסירען איהר גרעסער פאר דער הויפט־אקטריסע, וועלכע האט אין דער ווירקליכ־קייט ווייניגער טאלאנט פאר דער איינגערער...

אויף רחל'ען ווערען קליין די קליידעלעך, די מאנטעלעך, די שיכעלעך, און עשעלע מוז עס צוטראגען. רחל'ען, דער עלטערער, מאכט מען נייע קליידעלעך און עשעלע צוטראגט די געטראגענע.

ווען עס קומט צום אויסטהיילען גוטע זאכען, קריגט די על־טערע דעם גרעסערען חלק, זי איז דאך א גרעסערע.

ווען רחל'ע איז אוועק אין סקוהל, איז עשעלע נאך ווייטער אוועקגעשטופט געווארען אין הינטערגרונד. רחל'ען פריהער עסען, רחל'ען פריהער אנטהאן, רחל'ען שעהן פערקאמען, ווייל רחל'ע דארף געהן אין סקוהל און עשי זיצט דאך אין דער היים. עשי דארף ניט, עשי מוז ניט, עשי האט ניט קיין פליכטען. אלעם דארף רחל. די מאמא אדער דער פאפא, אלע אין הויז האבען פליכטען, אלע „דארפען" און „מוזען", נאר זי, עשעלע, איז א מענש אהן פליכטען,

ס׳ הייסט: ניט קיין מענש, נאר א בייבי. עס איז איהר שוין אזוי נמאוס געווארען צו זיין א בייבי.

ענדליך איז עשעלע זעקס יאהר געווארען. די מאמע האט איהר אוועקגעפיהרט אין סקוהל, די לעהרעריין האט איהר אוועקגעזעצט אין קלאס, און עס האבען זיך אנגעפאנגען עשעלע׳ס פליכטען. עשי „מוז" לעזען, עשי „מוז" אויפשטעהן, עשי קומט צו דינער און די מאמע מוז זיך איילען מיט עשי׳ס דינער עסען, ווייל עשי „מוז" געהן ווידער אין סקוהל.

עשי האט מיט אמאל דערפיהלט, אז זי איז געווארען ניצ־ליך פאר דער וועלט און די וועלט איז געווארען ניצליך פאר איהר. ניטא קיין יחסנים געגען עשי׳ן. זי געהט אין סקוהל.

און דוקא האט עשי געמאכט א פוראר אין איהר ערשטען „אויפטריט", אין איהר ערשטער „ראלע". זי איז גלייך געווארען א מאניטאר אין איהר קלאס, זי האט צו זאגען איבער אלע מיידע־לעך, זי פערנעהמט אזא וויכטיגען פאסטען, מען קוקט אויף איהר אזוי וויכטיג, — זי איז א מאניטאר!

און ווען עשי געהט פון סקוהל אהיים ברענט דער סיידוואק אונטער איהרע פיסלעך. מען דערהערט איהר קול׳כעל פאר א בלאק. זי קלינגט דעם גלעקעל פון הויז, זי מאכט א טאראראם, א ליארעם. זי האט זעקס יאהר, זעקס קיילעכדיגע יאהר געווארט אויף דעם טאראראם.

היט זיך, עשי געהט! זי איז א סקוהל מיידעל, זי האט פליכטען, זי איז אוים בייבי, זי איז א מענש!

א נייער מיטגליעד איז צוגעקומען צו דער גרויסער מענש־הייט — עשי. עשי איז אין סקוהל אוועק.

בעססי

בעסי איז די אינגערע פון דער עלטסטער. אונטער בעסי'ן זיי־נען דא נאך פיער קליינע קינדער: צוויי אינגלעך און צוויי מייד־לעך. די עלטסטע, מיני, האט מיט צוויי יאהר צוריק געענדיגט פאבליק סקוהל און יעצט ארבייט זי אין א שאפ פון ליידים וויסטס. אויף בעסי'ן קוקט מען ארום מיט אונגעדולד, זי זאל שוין ענ־דיגען סקוהל, מחמת מען נויטיגט זיך אין פרנסה. דער טאטע איז פון אלע מאל געווען א שלים־מזל, א יאדושליוועך, און האט זעלטען געארבייט. יעצט איז שוין באלד א יאהר, אז ער האט א קראנקע פוס און ער זיצט אין הויז. ער איז געפאלען, האט צובראכען א פוס און א סוף — אוים שאפ, אוים ארבייט, אוים פרנסה. דאס גאנצע גליק איז, וואס מען וואוינט אין אזא קליין שטערטעל ווי פאסייק. רענט קאסט ביליג, מיני ברענגט אריין זיבען דאלאר א וואך אין הויז אריין און דאס איבעריגע מוטשעט מען זיך צו.

עס איז זעהר נויטיג, אז בעסי זאל שוין ווערען א פערדיע־נערקע, און עס איז שוין טאקע ציים געווען, אז זי זאל ענדיגען סקוהל, ווייל זי איז שוין פערצעהנטער יאהר, איז אבער בעסי די לעצטע פאר יאהר אימער געבליבען הינטערשטעליג און זי האלט נאך אין דעם קלאס „איי־7". ווען זי זאל דורכמאכען כשורה די לעצטע קלאסען, וועט נאך אלץ נעהמען אנדערטהאלבען יאהר, נאר מען איז זיכער, אז זי וועט ווידער בלייבען הינטערשטעליג. וואס זי ווערט עלטער און געוויקסיגער — אלץ טעמפער ווערט זי אין סקוהל.

און בעסי איז אהן עין־הרע א היבשע מויד. דעם לעצטען יאהר האט זי זיך פארנאנדערגעבליהט ווי א פרעכטיגער בוים. זי איז הע־כער פון דעם טאטען און פון דער מאמען. איהרע שולטערען זיי־

נען ברייט און אויסגעפּילט מיט פלייש. זי האָט אַ קאָפּ מיט פּרעכ־טיגע האָר, אַ רונדען, ליכטיגען, ראָזען פּנים. זי האָט שוין אַ ברוסט; איהר פיגור איז אַ שטאָלצע — אַ פאָלקאָמענע דאַמע. אַלע וואונדערען זיך: פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ בליהען, אַזאַ קראַפט, אַזאַ שעהנקייט? מען לעבט אין דחקות, מען עסט כמעט ברויט מיט וואַסער און פון יעדע ביסעל וואַסער וואַקסט און בליהט יע־דער אבר פון דער געוויקסיגער סקוהל־„מיידעלע" בעסי. און אַט דיעזע רייצענדע דאַמע בעסי, געהט אין סקוהל מיט פיצלעך קינ־דער. דיעזע „דאַמע" דאַרף זיצען אין איין קלאַס מיט צעהן און עלף יעהריגע מיידעלעך.

ווען זי געהט אַרויס פון סקוהל, זעהט זיך אַרוים בעסי'ס שעהן פערקאָמטער פרויען־קאָפּ און איהרע ברייטע אויסגעפּילטע שולטע־רען איבער אַלע קליינוואַרג. אַלע שטעלען זיך אָפּ קוקען אויף דעם בייזען וואונדער. מענער קוקען אויף איהר מיט יענע פייער־לעך אין די אויגען, וואָס צינדען זיך אָן בשעת זיי זעהען אַ ריי־צענדע פרוי. בעסי איז דאָן אין כעס אויף דער סקוהל, אויף די טיטשערס און אויף דער גאַנצער וועלט. זי וואָלט יעצט, דאַכט זיך, צופּליקען און צוטרעטען אַט די קליינע מילבען, וואָס זיינען איהרע סקוהל־חבר'טעס... אַזוי ווי אָפּט ווייסט ניט בעסי איהר לעסאָן, ווייל דאָס לערנען קריכט איהר ניט אין קאָפּ אַריין, מוסר'ט איהר די לעהרערין:

— דו דאַרפסט זיך שעהמען, אַזאַ גרויסע מויד זאָל ניט ווי־סען אַזאַ פשוט'ע זאַך אין געאָגראַפיע.

בעסי פערריכט דאָן אַ שפּילקע אין איהרע האָר און פיהלט זיך אַזוי אונגליקליך. ווען זי וואָלט געהאַט מוטה, וואָלט זי זיך צושריען:

— וואָס האָט איהר צו מיר, וואָס ווילט איהר פון מיר מיט דער סקוהל, מיט געאָגראַפיע, מיט אַריפמעטיק און מיט אייערע קינדערייען? לאָזט מיר אָפּ, לאָזט מיר פריי!

אָפט טרוימט זי פון אַ שאָפּ פון ליידיעס ווייסטס. ווי גוט דאַרטען איז! מען איז אַ מענש צוזאַמען מיט אַנדערע מענשען,

מען ארבייט; מען איז וויכטיג און מען נעהמט אב אלע שבת די פעי. זי וואלט געקויפט א שעהנע וועסט, א שעהנעם מאנטעל, א פאקעט־בוק, א, א... קארסעט — אזוי ווי איהר שוועסטער מיני. זי בעקוקט דאן ניט ווילענדיג איהר קערפער און זי פיהלט, אז זי דארף טאקע א קארסעט...

פלוצלונג גיט די לעהרערין א רוף אוים:

— היער, בעסי, היער איז אן עקזעמפעל.

ווידער אריפמעטיק, ווידער די ציפער, וואס מאכען בעסי'ס לעבען אזוי פינסטער, אזוי אונגליקליך.

פיעלע מאל האט בעסי בעמערקט, ווי די לעהרערינס שושקען זיך און קוקען אויף איהר אזוי נייגיעריג און צושמייכלען זיך. בעסי'ן ווערט אי אנגענעהם, אי טרויעריג אויפ'ן הארצען. באלד טאקע, ווען בעסי האלט ביים ארויסגעהן פון קלאס, זאגט איהר די לעהרערין:

— דו ביזט שוין א ליידי, בעסי; דו וועסט באלד דארפען אנטהאן א קארסעט.

בעסי'ן טהוט עס הנאה, און זי מארשירט ארום מיט איהרע ביכער אונטער'ן ארים צווישען אלע קליינע קינדער, ווי א פיינע פעטע בהמה וואלט ארומגעבלאנדזשעט אין א סטאדע שעפסען.

ווען זי קומט אהיים, קוקט זי לאנג, לאנג אין שפיגעל. זי איז אליין פאר זיך א נייעס, אן אינטערעסאנטער אינהאלט... זי ציהט די העמד און בעטראכט אלע איהרע בעוועגונגען אין שפיע־געל. זי פלעכט די האר, בעטראכט איהר פיגור און בעני, דעם לענדלארד'ס בחור'ל, א האי־סקוהל באי, קומט איהר ארויף אויפ'ן זינען.

— באשקעלע, — רופט זיך אב דער קאליקער, מאגערער טא־טע, — באשקעלע, מאך דיין לעסאן.

דאס דערמאנט איהר דער טאטע, אז עס איז שוין צייט, זי זאל ענדיגען סקוהל...

בעסי ווארפט א פערצווייפעלטען בליק אויף איהרע ביכער און פאפיערען, א בליק צום שפיגעל, וואו זי זעהט א שעהנע יונגע

מיידעל, א פרוי, וועלכע רופט איהר ערגעץ, און זי ווייס ניט וועד מען זי זאל פאלגען, צו וועמען זי זאל זיך צוהערען, צו די ביכער אדער צו יענער ליעבליכער דאמע אין שפיעגעל, וועלכע איז איהר אזוי נאהענט און אזוי געהיימניספול פערשפרעכענד.

דער איינציגער גוטער, פרייער און מענשליכער טאג איז שבת. שבת דערמאנט מען איהר ניט צו מאכען דעם לעסאן, ווייל טאטע־מאמע זיינען פרום. שבת שטופט מען איהר ניט צו די „ביי־ביי־טהינגס“ — צו די ביכער און צום סקוהל. מענשען קומען און ריידען מיט בעסי'ן ווי מיט א פאלנעם מענשען. זי הערט קאמ־פלימענטען און ס'איז איהר גוט.

אמאל רופט זיך אב א שכנה צו איהר מאמען:

— אייער בעסי איז אהן עין הרע א שעהנע מויד, בליהט ווי א רויז.

— בעסי שיינט אויף און באלד ווארפט מען איהר ארונטער אין איהר אומגליק, ווייל די שכנה ענדיגט:

— זי געהט נאך אלץ אין פאבליק־סקוהל?

זונטאג פיהלט זי שוין אין הויז א וואכעדיגקייט און די סקוהל־ביכער קוקען שוין צו בעסי'ן און סטראשען איהר מיט דער אנקומענדער פינסטערער וואך.

און וואס ראזעווער בעסי'ס באקען ווערען, וואס רונדער און מוטהיגער איהר ברוסט וואקסט ארויס, וואס שעהנער איהרע האר פלעכטען זיך און וואס פיינער, דאמישער איהר פיגור ווערט, אלץ מעהרער ציהט איהר צום שפיעגעל און אלץ ערגערע „מארקס“ קריגט זי אין סקוהל.

זונטאג ביינאכט, ווען זי געהט שלאפען צוזאמען מיט איהר עלטערע שוועסטער, מיני, ווערט איהר אזוי ביטער אויפ'ן האר־צען. זי קוקט מיט קנאה ווי מיני נעהמט ארויס פון קאפ פיינע שפילקעס און קעמעלעך, ווי מיני שפילעט העקעלעך, קנעפעלעך און גארטערס. מיני איז א פריילין, מארגען געהט זי אין שאפ, און זי, בעסי, דארף ווידער זיך בלאנקען צווישען בייבים, ווידער א גאנצע וואך אין פאבליק סקוהל — עס נעהמט גאר קיין סוף ניט.

און עס ווילט זיך איהר ארומנעהמען איהר „גליקליכע" שוועסטער, די שאפ־מיידעל, און בעטען איהר מיט טרעהרען:

— מיני דארלינג, האב אויף מיר רחמנות, ראטעווע מיר, נעהם מיר צו צו דיר אין שאפ צו די לידיעס ווייסטס.

זי ווייסט אבער, אז מיני קען איהר גארניט העלפען. און ביים איינשלאפען פיהלט זי, ווי דער מאנטאג שוועבט איבער איהר ווי א שווערער בלייענער וואלקען.

פון דער אלטער אין נייער היים



די באָבע

דעם זיידענ'ס אַלע קינדער זיינען שוין לאַנג זיך צופֿאַהרען אין אמעריקאַ. מיין טאַטע איז געווען דער איינציגער זוהן, וועל־כער איז פֿערבליבען אין שטעדטעל.

אַז דער זיידע איז געשטאָרבען, האָט מען אריבערגעטראָגען דער באָבע'ס הילצערנע בעט מיט די בעטגעוואַנד צו אונז. מען האָט עס אוועקגעשטעלט הינטער'ן אויווען נעבען דעם טאַפּטשאַן, אויף וועלכען מען וואַשט די געפֿעס און זאַלצט פֿלייש. דאָ, הינטער'ן אויווען, האָט עס די באָבע געדאַרפֿט אויסלעבען איהרע רעשט ביסעל יאָהרען אויף דער נאַרישער וועלט.

די מאַמע מיינע האָט געטראָגען א כעס אויף דער באָבע'ן, נאָך פֿון אַמאָליגע, יונגע יאָהרען. אָבער זי איז געווען גוטהערציג צו דער באָבען. ווייל די באָבע איז שוין געווען זעהר אַלט — אַריבער זיבעציג יאָהר, און איהרע אויגען האָבען זיך גענומען פֿער־ציהען מיט עפּעס א מאַטאָווע הייטעל: זי איז געוואָרען בלינדער פֿון טאָג צו טאָג.

מיין עלטערער ברודער האָט געדאַרפֿט שטעהן צום פּריזיוו. ער האָט זיך גערינכט צו האָבען די „צווייטע לגאָטע”. מען האָט איהם אָבער אָבגעגעבען אין סאָלדאַטען — בלייבט ביי אַלעמען, אַז ער זאָל פֿאָהרען אין אמעריקאַ.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿערגעסען דעם מאָמענט, ווען מיין ברודער האָט זיך געזעגענט מיט דער באָבען. ווען מיין ברודער איז אוועקגעפֿאָהרען, האָבען אַלע געוויינט הויך אויפ'ן קול, נור די באָבע איז שוין דאַן געווען כמעט אין גאַנצען בלינד פֿון אַלטקייט. זי האָט ניט געזעהן ווי ער האָט זיך געפּאַקט, זי האָט ניט געזעהן,

ווי דער טאטע האט איהם געגעבען די תפילין, און זי האט ניט געזעהן ווי אלע זיינען געווען פערזומערט. נאר אז זי האט דער־הערט ווי אלע וויינען, און מען קושט זיך, האט זי מיט טרייסלענדע הענד געווישט איהרע רויטע אויגען.

— נו, זייט געזונד, באבע! — האט דער ברודער געזאגט צו־געהענדיג צו איהר. די באבע האט איהם אנגעטאפט מיט איהרע אלטע, ציטערנדע הענד, און האט ארויסגעכליפעט:

— פאהר געזונד, מיין קינד, פאהר געזונד!

א פאר טרעהרען האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון איהרע אויגען און זיינען פערגליווערט געווארען אין א קנייטש פון איהרע באקען. מיין ברודער האט ניט געהאט קיין טרייסט־ווערטער פאר דער באבע'ן. צו אלעמען האט ער געזאגט, אז ער וועט זיי ארי־בערנעהמען קיין אמעריקא. אבער ווען ער איז געשטאנען נעבען דער אלטער באבע'ן, האט ער ניט געהאט קיין מוטה צו זאגען איהר אזן אפענעם ליגען...

— מיר וועלען זיך נאך זעהן, — האט דער ברודער א זאג געטהאן גלאט אין דער וועלט אריין.

— ווי אזוי, מיין קינד, ווי אזוי? — פרעגט די באבע רחמנות־דיג און הילפלאז...

דער ברודער האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען.

— זייט דארטען געזונד, און מען זאל פון דיר הערען גוטע נייעס און דו זאלסט פון דאנען הערען גוטע נייעס; אבער מירביידע וועלען זיך שוין מסתמא קיינמאל ניט זעהן, סיידען, אז משיח וועט קומען... — אזוי האט פערענדיגט די באבע, און זי האט זיך שטארק צואוויינט און ארויפגעפאלען מיין ברודער אויפ'ן האלז. אין הויז איז געווען שטיל. קיינער האט קיין ווארט ניט ארויס־גערעדט.

אין צוויי יאהר ארום האט מיין ברודער גענומען שרייבען, אז מיר זאלען אלע ארויספאהרען אין אמעריקא. אונזער לאגע איז דאן געווען אזוי, וואס טאקע נאר אמעריקא איז געווען דער איינ־

ציגער אויסוועג. קיין פּרנסה איז ניט געווען, און מען האָט זיך געשראָקען פאַר פּאָגראָמען.

אָבער וואָס זאָל מען טהאָן מיט דער באָבען ? — האָבען אַלע שטום געפּרעגט. קיין איינער פון דער משפּחה איז שוין ניט פער־בּליבען אין שטעדטעל. ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען אַ בריעף פון דעם ברודער וועגען פאָהרען אין אמעריקאַ, האָבען אַלע געשראָקען זיך צו ריידען וועגען דעם. און די באָבע האָט שטיל, טראָט ביי טראָט געשאַרט מיט איהר פאַנטאָפעל אָן דער פאָדלאָגע, און אַזוי ווי אימיצער פלעגט פון אונטען אַרויסריידען : „ניין, ניין, ניין !...“

מען איז אָבער אַריין אין חובות, פּרנסה איז געוואָרען נאָך ווייניגער, און אין אמעריקאַ האָט מען געמוזט פאָהרען. די באָבע האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער לאַגע, און זי איז געוואָרען אומעטיג און שווייגענדיג. זי האָט זיך געפיהלט שולדיג אין די אָרימקייט פון אונזער הויז. זי האָט בלינדערהייט געזעהן ווי דער טאַטע, די מאַמע, איך און מיין שוועסטער — אַלע זיצען און וואַר־טען... אַלע וואַרטען... דאָרטען וואַרט אויף איהר דער זיידע, און דאָ וואַרטען מיר...

די שיפסקאַרטען זיינען שוין אָנגעקומען, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט צו זאָגען דער באָבען, אַז מען פאָהרט. קיינער האָט איהר ניט געקענט זאָגען, אַז זי וועט דאַרפען דינגען ערגעץ אַ קאַ־מער אין דער פרעמדער אויף אַ ווייל... עס לוינט זיך שוין ניט דער גאַנצער טאַראַראַם... אַלע האָבען געפיהלט, אַז דער באָבען איז מסתּמא ניט בעשערט אויסצולעבען איהר עלטער ביי דעם זוהן, אויף איהר אייגענער בעט, צווישען אייגענע מענשען...

איין מאָל, אין אַן אָבענד, זאָגט די באָבע :

— הערט קינדער, פאָהרט אייך געזונטערהייט אין אמעריקאַ, איך וועל אייך שוין ניט פיעל דאַקוטשען.

טאַפּענדיג אַרום די ווענד, האָט זי זיך אַוועקגעשלעפּט אין בעט אַריין.

אויף מאָרגען האָט מען צו איהר גערופען אַ דאָקטאָר.

איהרע פערדארטע, בלאסע ליפּען האבען נאכאנאנד געשעפּ־טשעט :

— קינדערלעך, איך וועל אייך שוין ניט פיעל דאקוטשען... ניט פיעל דאקוטשען...

שבת אין דער פריה

צייט משה׳ל און עטעל האבען אראבגעבראכט זייערע טאטע־מאמע אין אמעריקא, דארפען זיי ניט האבען, אז דער וועק־זייגער זאל קלינגען יעדען זעקס אוהר פריהמארגענס. טאטע־מאמע וועקען זיי שוין אויף צו דער צייט, ווייל אזא געוואוינהייט האבען שוין זלמן און פריידע. עס קומט פיער אזייגער פארטאג, שלאפט זיך שוין ניט.

אין דער היים, ווען זלמן איז געווען אינגער און קרעפטיגער, פלעגט ער אויפשטעהן פיער אזייגער פארטאג, אריינגעהן אין קוזשנע, מאכען פייער, גוט פאנאנדערבלאזען, ציהענדיג שטארק דעם אלטען שטעקען פון בלאז־זאק. פריידעל פלעגט דערווייל פאר א קליין לעמפעל אנשיילען קארטאפעל, און אז נפתלי, זייער עלטסטער זוהן, פלעגט אויפשטעהן, האט מען זיך גענומען צו די האמערס, פון אונטער וועלכע עס האבען זיך געשאטען גרויסע פונקען און טעמפע, הילכיגע קלעפ.

דא אין אמעריקא ווארט ניט די קוזשנע אויף זלמנ׳ען, דער יאד פון דער הוצאה ליעגט ניט אויף זיינע פלייצעס. משה׳ל און עטעל, זיינע אינגסטע צוויי קינדער, ארבייטען און פערדינען קיין עין־הרע און האלטען זיי אוים בכבוד גדול. נאר אז עס קומט פיער אזייגער פארטאג, שלאפט זיך שוין סיי־ווי־סיי ניט. שטעהען זיי אויף, און ביידע ריכטען זיי צו די קאווע און דאס צובייסען פאר די קינדער און אין דער זעלבער צייט וואס ער האט דארטען געמאכט פייער אין קוזשנע און זי קארטאפעל שיילען, ריידען זיי דא וועגען אמעריקא, וועגען אלע איהרע חסרונות און מעלות...

זיי וואלטען שוין מיט אלעם געווען צופרידען. נאר איין זאך — דער שבת! פרייטאג־צו־נאכטס איז אפילו אלץ ווי עס

דאַרף צו זיין. ביז זלמן קומט פון שוהל זיינען שוין די קינדער אין דער היים, איינגעוואַשענע, אָנגעטהאָנענע, מען צוזעצט זיך ביים שבת׳דיגען טיש; זלמן זינגט אוים דעם קידוש ווי אין די אַלטע צייטען, פריידע דערלאַנגט די געפילטע, פעפערדיגע פיש, קיין זאַך ניט געמינערט, אָבער שבת צו וואַרמעס איז אַ נפש ניטאָ. זלמן און פריידע קענען זיך ניט צוגעוועהנען אַז שבת צו וואַרמעס זאָל זיין אַזוי שטיל און אומעטיג ביים טיש. וואו זיינען דאָס די אַמאָליגע יונגע קול׳בעלאַך, וועלכע פלעגען אונטערהעלפען זלמנ׳ען די זמירות זינגען, „יה רבון עולם" מיט דעם סאַלדאַטסקען ניגון.

— פערפאַלען! — זאָגט פריידע, — דו האָסט דאָס פריהער געוואוסט.

— אַמעריקא! — פערענדיגט זלמן דעם שמועס.

די יונגוואַרג שלאָפען שווער און געשמאַק. מען זאָל זיי לאָזען, קענען זיי אַריינשלאָפען ביז אין גרויסען טאָג אַריין. נאָר אַז דער זייגער שלאָגט זעקס, הויבט מען אָן וועקען די קינדער.

פריידע׳ן פערנעהמט ביים האַרצען, ווען זי דאַרף זיי אויפ־רייסען פון אַזאַ געשמאַקען שלאָף. עס דוכט זיך איהר, אַז זיי זיינען נאָך קליינינקע, דאַכט זיך, ניט לאַנג עטעלע׳ן אַנטוועהנט. נאָר זי ווייסט, אַז ווען זי זאָל זיי לאָזען שלאָפען איין איבעריגע האַלבע שטונדע, וועט זיי ניט איינגעהן דער אָנבייסען.

מען וועקט אויף די קינדער. זלמן העלפט פריידע׳ן צונעהמען די בעט־געוואַנד פון די געלעגערס, און די יונגוואַרג, ווי היישריקען אַרום טיש, כאַפּען און בריהען זיך מיט די הייסע קאַווע, ווערגען זיך כּימט צו גרויסע ביסענס, ווי אימיצער וואַלט הינטער זיי מיט אַ בייטש געשטאַנען.

עטעל זוכט אַ שפּילקע, וואָס איהר איז פערפאַלען געוואָרען, משה׳ל פּאַקט זיין מיטאָג־עסען אין אַ קליין רענצעל. און אַז זיי ווערען פאַרטיג מיט זייער כאַפּעריי, לויפען זיי אַרוים איינציגווייז, ווי שדים, צוואַרפענדיג אַן איילענדיגען גוד־באַי, און לאָזען נאָך

זיך הערען די קלעפּ פון זייער שנעל לויפען אויף די טרעפּ אין קאָרידאָר.

און אַז עס הערט זיך דער לעצטער קלאַפּ אונטען פון גאַס־טיהר און אין הויז ווערט שטיל און רוהיג, נעהמט זלמן זיין טלית און תפילין און געהט דאַוונען, און פריידע הויבט אַן ארומטופּען ארום איהרע געוועהנליכע שטוב ארבייט.

נאָר שבת אין דער פריה ווייסען משה'ל און עטעל, אַז טאַטע־מאַמע וועלען זיי ניט וועקען. „וועקען יענעם צו אַן עבירה — זאָגט שטענדיג זלמן — איז אַלץ איינס ווי מען טהוט אַליין די עבירה, און בפרט נאָך אייגענע קינדער". און יעדען פרייטאַג אבענד שטעלט אַן משה'ל דעם וועק־זייגער, וועלכער וועט שבת־אין־דער־פריה איבערנעהמען זלמן'ס און פריידע'ס ארבייט.

איינמאָל, אַ פרייטאַג־צו־נאַכט, ווען משה'ל און עטעל האָבען עפּעס פערבראַכט ביי אַ קאָנצערט, און געקומען שפּעט אַהיים, האָבען זיי פערגעסען דעם זייגער אַנצושטעלען. מיעדע זיינען זיי צופאַלען שלאָפען.

אין דער פריה, ווען זלמן און פריידע האָבען די אויגען אויס־געריבען, האָט פאַר זיי אַ גלאַנץ געטהאָן די לייכטער און אַ ווייס־פערשפּרייטער טישטוך אויף דעם טיש, אַ האַלבע חלה און אַ ניט־אויסגעוואַשען טעלערעל פון צימעס, אויף וועלכער צוויי לעפּעל זיינען געלעגען אַנגעשפּאַרט און האָבען שטום גערעדעמעלט, האָ־בען עדות־געזאָגט, אַז נעכטען איז געווען פרייטאַג־צו־נאַכט, און די קינדער, קומענדיג שפּעט אַהיים, האָבען איבערגעביסען אַ שבת־דיגען מאכל, און עפּעס אַזאַ ליעבע שבת'דיגע הייליגקייט איז אי־בער'ן הויז צושפּרייט, ממש מען פיהלט, ווי די נשמה יתירה שוועבט ארום.

— עפּעס האָב איך אַזאַ פערגניגען פון שבת — דריקט אויס פריידע איהר צופריעדענהייט, — איבערהויפּט פרייטאָג־צו־נאַכט, ווען מען זיצט צוזאַמען מיט די קינדער ביים טיש. אַז אמת'ער פערגניגען.

— און היינט צו וואָרמעס?... — רעדט זיך ארויס ביי זלמנ'ען

ניט ווילענדיג, און די גאנצע פריהערדיגע שטימונג ווערט צופאַ־לען און פערזינקט ערגעץ אין א ווייטען שווארצען אבגרונד.

זיי שטעהען אויף באריכות, שבת׳דיג, קליידען זיך אַן שבת־דיג, און עס פאַלען זייער בליקען אויף די שלאָפענדיגע יונגוואַרג, וועלכע ליגען צוואווארפען מיט די הענד אין אלע זייטען און כראַ־פּען שטאַרק.

זיי דערפּיהלען ווי דער שאָף מיט א גאנצע מחנה מאַשינען לויערען אויף זייערע שבת׳דיגע נשמות, און באלד וועלען זיך די ווייזערם אויסציהען אין דער לענג פון ציפערבלאַט. דער זייגער וועט שלאָגען זעקס, און אין דער שטילער, שבת׳דיגער רוהיגקייט וועט זיך דער וועק־זייגער אריינרייסען מיט א פּלוצליכע קלינגעריי, ווי אן אכזר וועט ער צופליקען און פערטרייבען די נשמה יתירה, וועלכע איז ווי א ווייסער מלאך צו גאַסט אויף שבת געקומען און האָט ליעב און שעהן די וועלט געמאַכט.

און נאָך איידער דאָס קלינגען וועט שטום ווערען, וועלען זיך די שלאָפעדיגע מיט אימפּעט אַ כאַפּ טהאָן, וועלען זיך נעהמען אָנ־טהאָן און איילען זיך, ווי אלע טעג פון דער וואָך. עס וועט זיך דערהערען א קלונג פון מטבעות וואָס די קינדער וועלען איינע די אנדערע לייהען אויף „קאר־פעיר״. און דער הייליגער שבת וועט פאַר גרויס חרפה ערגעץ אנטרונען ווערען.

און אַ שווערער, שטיקענדער געמיטה כאַפּט זיך אריין אין זייערע פערביטערטע הערצער.

פריידע גיסט אָן טהעע פון דעם טשייניק, וועלכער שטעהט אויף דעם נאָך ווארימען אויווען פון נעכטען. טרינקענדיג קוקען זיי איינער אויף דעם אַנדערען מיט א פערבאַרגענעם רחמנות, און זייערע שטומע בליקען ריידען און טענה׳ן אזוי פיעל, אזוי פיעל...

אַט שטעהט שוין דער ווייזער אויף זעקס. נאָך אַ רגע און — אוים שבת. דער וועקער וועט אַרויספּלאַצען מיט זיין — גוט־וואָך.

עס איז שוין נאָך זעקס. פינף מינוט, צעהן מינוט נאָך זעקס, דער זייגער האָט נאָך ניט געקלונגען. די קינדער שלאָפען גע־

שמאַק. עס זעהט זיך ניט דער מינדעסטער צייכען, אַז זיי זאָ־לען אַליין אויפשטעהן. אַט באַלד, נאָך אַביסעל, און עס וועט שוין זיין פערשפעטיגט, מען וועט זיי ניט אַריינלאָזען אין שאַפ נאָך דער צייט.

— מסתמא שוין פערגעסען דעם זייגער אָנצושטעלען, — רעדט זלמן מיט כעס, — זיי ווייסען דאָך, אַז שבת וועט מען זיי ניט וועקען.

— אפשר קאַליע געוואָרען? — פערענטפערט פריידע.

שטום זיצען די אַלטע טאַטע־מאַמע און צוויי געפיהלען שלאָ־גען זיך דורך די טיפעניקשען פון זייערע הערצער: דער הייליגער שבת און דאָס פערשפעטיגען אין שאַפ.

— פקוח נפש, — גיט עפּעס אַ געהיימע שטימע זלמנ׳ען אַ זאָג אין אויער.

נאָר קיין געדאַנק איז ניט בכח אומצוקוואָרפען דעם גרויסען אַלטען בנין פון זלמנ׳ס און פריידע׳ס ליעבען שבת.

מען וועקט ניט.

אָבער וואָס לענגער די קינדער שלאָפען, אַלץ אונרוהיגער בע־וועגט זיך דאָרט ביי די אַלטע לייט אין די הערצער, אַלץ מעהר וואַקלען זיך זייערע געדאַנקען צווישען עולם־הזה און עולם־הבא.

— —

נאָר אַט האָט זיך עפּעס פריידע אַ קעהר געטהאָן, און אַ דע־קעל איז אַרונטערגעפאַלען פון אַ פאַליצע אויפ׳ן אויווען, פון אויווען אויף דער ערד, און מיט אַ גרויסען ליאַרם און געפּילדער זיך אָוועק־געקייקעלט איבער׳ן שטוב. משה׳לע האָט זיך אויפגעכאַפּט, און דערזעהענדיג די צופיעל ליכטיגקייט וואָס האָט זיך געשפּאַרט דורכ׳ן פענסטער, האָט ער ווי אַ גזלן מיט ווילדע רציחה אויפגע־ריסען עטלען פון שלאָף. און ווען ביידע אויפגעשטאַנענע האָבען דייטליך דערזעהן דעם בייזען שפּעטיגען ציפער, אויף וועלכען דער ווייזער איז זיך גאַנץ קאַלט געשטאַנען און רוהיג גע׳חלומ׳ט, האָ־בען זיי ווי צורייצטע וועלף זיך אַ הויב געטהאָן פון די געלעגערס, אַנגעטהאָן זיך, שנעל עפּעס אַריינגעלעגט אין די קעשענעס און אין

די רעגנצלאָך, ניט אויסריידענדיג איינע מיט די אנדערע אַ וואָרט.

ווי שולדיגע איז ניט פאַלגען דאָס שטומע רחמנות'־דיגע געבעט פון די פרומע טאַטע מאַמע, וועלכע זיינען געשטאַנען ווי אבלים נאָך דעם טייערן אַנטרונענעם שבת, האָט זיך יעדערער שטיל אַרויסגערוקט פון הויז און גאָר ניט געזאָגט ביים אַוועקגעהן. ניט עס האָט זיך היינט געפּאַסט דער „גוד־ביי", ניט דער „אַ גוטען שבת"...

אויף די טרעפּ זיינען זיי ניט געפלויגען מיט שטורעם און קלאַפּעריי ווי אַלע טאָג, עפּעס האָבען זיי געפיהלט, אַז מען טאָר ניט צוטרייסלען די אַנגעשטריינגטע צואוועהטאָגטע לופט.

אביסעל שפּעטער, ווען זלמן איז נאָך אין שוהל געווען, איז עטעל אַן אומעטיגע, אַ בלאַסע צוריק געקומען.

— צו שפּעט? — פרעגט פריידע.

— צו שפּעט, — ענטפערט עטעל, — דער שאַפּ איז שוין געווען אַרומגעשפּאַרט ווי אַ פעסטונג.

באַלד איז אויך משה'ל געקומען; נאָך זיין צו ערנסטען אַריינקומען, האָט מען דייטליך געזעהען אַז עפּעס איז ניט פריילאַך.

— געסעקט? — פרעגט פריידע צושראָקען.

— כ'וויים נאָך ניט, — ענטפערט משה'ל מיט רוגזה, — כ'וועל זעהן מאָרגען.

ווען זלמן איז פון שוהל געקומען, האָט זיך איהם דער „גוט שבת" אין האַלז געשטעלט, דערזעהענדיג די אומעדיגע פּנים'ער פון די אונגעריכטע געסט.

און ווען אַלע האָבען זיך צוזעצט ביים שבת'דיגען טיש, האָט עפּעס פון ערגעץ אַ ווילדער ליץ אויסגעשצירעט מיאוס'ע געלע צייהנער און מיט אַ ברייט־פערנאָנדער־געעפענטען מויל, האָט ער מיט חוזק אַריינגעלאַכט זלמנ'ען און פריידע'ן אין די אויערן.

— אַט האָט איהר אייך די קינדער צו וו־אַ־ר־מ־ע־ס — —

— ש־ב־ת צו וו־אַ־ר־מ־ע־ס — — — — — — — — — — — — — — —

דער דעקאַדענטישער באָרדער

אַז מיין זעלדע'ן איז געפעלען געוואָרען די פינף רומס, זאָג איך צו איהר:

— זעלדע קרויז, צו וואָס דאַרפסטו די פינף רומס, אַז פיער רומס איז אונז גענוג.

זאָגט זעלדע, אַז אַ מאַנסביל דאַרף זיך ניט מישען אין רומס. און זי איבערצייגט מיר, אַז פינף רומס לוינט זיך בעסער ווי פיער, ווייל אין פינף רומס קען זי האַלטען אַ באָרדער. זאָג איך:

— זעלדע, געדענק, דו וועסט חרטה האָבען. אין בראָנזוויל איז שווער צו קריגען אַ באָרדער; בראָנזוויל איז ניט ניו יאָרקער טשעררי סטריט, אין באָנזוויל וואַלגען זיך ניט קיין באָרדערס אין די גאַסען. האָט זי מיר ניט געהערט און האָט יאָ גענומען די פינף רומס. אַ באָרדער האָט זי אויך געקראָגען: זי האָט אָבגע־רעדט דעם באָרדער פון דער געלער נעקסט־דאָריגע פון די אַלטע רומס.

אָבער דעם באָרדער האָט זי שנעל געמאַכט צו מופען. ער־שטענס האָט ער געוואָלט מען זאָל איהם קאָכען סאַפּערס, צוגריי־טען ברעקפעסט אַלע אין דער פריה און וואַשען איהם די וועש. צווייטענס, האָט ער געאַרבייט אין אַ קוזשנע, פלעגט ער קומען אַ פערשוואַרצטער פון דער אַרבייט און פלעגט פערווישען אין סאַ־זשע אַלע ווייסע האַנדטיכער.

מיין זעלדע האָט זיך אריינגענומען אין זינען צו קריגען אַן עדעלען באָרדער; זי וויל אַן אינטעליגענטען מענשען אין הויז. זי וואָלט כאָטש געלאָזען מיט אַ האַלבען דאָלאַר אויפ'ן מאָנאַט בי־ליגער די רום, אַבי אַן עדעלען באָרדער אריינקריגען. און ווי זאָגט די וועלט, שטרעבונגען געהען ניט פערלאָרען. זעלדע'ס אידעאַל

איז פערוווירקליכט געוואָרען. עס האָט זיך אָבגעיאָוועט אַ יונ־געדמאַן און האָט געדונגען די רום. און ביי׳ם ערשטען בליק אויף דעם יונגענמאַן, האָט מען געזעהן, אַז ער איז אַן עדעלער. נאָר יעדער מענש האָט זיך זיין חסרון. צוערשט האָט זעלדע ניט גע־קענט צוזאַמענרעדען זיך מיט איהם. ער רעדט אידיש, נאָר מען פערשטעהט איהם ניט. זעלדע האָט געזאָגט, אַז ער קומט מסתמא פון אַפריקאַ, זי האָט זיך משער געווען, אַז אין אַפריקאַ מוז מען רעדען אַט אַזאַ אידיש.

ווי נאָר ער איז אַריין, אַזוי האָט זעלדע געקראָגען גרויס התפעלות פון זיין עדעלען אויסזעהן. ער איז לאַנג און דאַר. ער טראָגט אַ שוואַרצען דינעם געשלייפטען נעקטיי מיט אַ הויכען קאָלנער און איבער דעם הויכען קאָלנער טאַרטשעט נאָך אַרויס אַ לאַנגע דינע האַלז מיט אַ שפּיציגען קנופּיק אין מיטען. די קאָפּ איז ביי איהם אַ ביסעל אַן אַ זייט און די דאַרע שטעקעלדיגע הענד זיינען ווי אויסגעוואַקסען פון דער מיטען פליייצע; צוויי גרויסע קאַסאַקע אויגען, אַ שמאָלער מויל מיט דינע ליפּען און ער רעדט אָבגעצויגען די ווערטער, אַזוי ווי מען רעדט אין טהעאַטער אויף דער ביהנע. זיין קול איז אַביסעל מיט אַ קוויטש און צו יעדען וואָרט גיט ער עפּעס אַ זופּ אין זיך, אַזוי ווי ער וואָלט ניט פער־גונען מיר זאָלען הערען זיין גאַנצען וואָרט. ער רעדט אַרויס אַ וואָרט און זופּט אַריין צוריק אין זיך, ער רעדט אויס און זופּט אַריין.

— מיט וועמען רעדט מען דאָ, — גיט ער אַ זאָג, און זופּט גלייך אַריין צוריק די ווערטער אין מויל אַריין.

— וואָס הייסט מיט וועמען מען רעדט דאָ? — פרעגט זעל־דע פערוואונדערט — איהר זעהט דאָך, אַז איך בין דאָ. מען איז דאָך אידען, איהר וועט רעדען, וועט מען אייך ענטפערען.

— איך וויל וויסען מיט וועמען מען רעדט דאָ וועגען דעם חלל — זאָגט דער גאָרגעלדיגער ליט און זופּט ווידער אַריין די לעצטע ווערטער אין זיין מאָדנעם מויל אַריין.

איך בין דאָך אַ וואָהל־געלערענטער מאַנספערשוין, און איך

ווייס וואָס ער מיינט, איך ווייס אַז חלל איז גראַמקייט, „ספּייס“, ווי מען זאָגט אין ענגליש, ער מיינט, הייסט עס, די רום. אָבער איך שווייג. זעלדע קוקט איהם אָן ווי אַ האָהן אין „בני אדם“, און ער זאָגט ווייטער:

— איך וויל אָנקוקען דעם אויר.

— וואָס פאַר אַן „אוועַר“, בעליידיגט זיך זעלדע — ביי מיר אין הויז איז ניטאָ קיין „אוועַר“. ערשט היינט געוואַשען די פּלאָאַראָס.

— איך מיין אָנצוקוקען די סטאַנציאָן, וואָס איהר ווילט אויסטוישען פאַר רעגיערונגס־באַנקנאָטען.

זעלדע האָט שוין פערשטאַנען וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל. געטראַכט האָב איך, אַז זי וועט דעם דאָזיגען ליץ גלייך היי־סען נעהמען דעם וועג. ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען ווען זעלדע קעהרט זיך צו מיר אָב מיט אַ גליקליכען שמייכעל און זאָגט צו מיר שטילערהייט און בעגייסטערט:

— דו זעהסט, דו זעהסט ס׳אַרא געבילדעטער מענש? ווי עדעל, ווי „הויך“ ער רעדט.

קוועטש איך מיט די פּלייצעס און שווייג, איך קוק שוין וואָס דאָ וועט זיין.

מען פיהרט אריין דעם יונגעמאַן אין דער רום. ער בעטראַכט אַלע ווענד און זאָגט אַרויס:

— געוואָלט האָב איך אַ פּיער ווענטיניצע מיט צוויי לופט און ליכט לעכער, נאָר זאָל שוין זיין ווי עס איז.

איך איבערזעץ פאַר זעלדע׳ן, דאָס ער מיינט אַ רום מיט צוויי פענסטער, נאָר ער איז צופריעדען מיט דער רום, כאָטש זי האָט בלויז איין פענסטער. זעלדע פרעגעלט זיך פאַר נחת פון זיין גע־בילדעטע שפּראַך, און זי נעהמט ביי איהם אַ דעפּאָזיט, וואָס ער רופט עס „צוהאַלט־ממתקים“. אַללרייט, זאָל זיין „צוהאַלט־ממתקים“, אבי ער האָט געגעבען צוויי דאָלאַר, ווי ער רופט עס רעגיערונגס־באַנקנאָטען, און איז געוואָרען אונזער באָרדער.

און דאָ הויבט זיך אָן דאָס שרעקליכסטע. דער חברה־מאַן האָלט

אין איין רעדען הילצערנע „ווּיסענשאַפטליכע" ווערטער, און עס שלאָגט מיר צום האַרצען אַ ניט־גוטקייט. וואָלט ער כאָטש גע־רעדט פאַר זיך, ביי איהם דאָרטען אין זיין „חלל", אין זיין „אויר" מיט די „ליכט־לעכער"; רעדט ער אָבער דוקא ווען איך בין אין הויז. ער זאָגט, אַז ער וויל רעפאָרמירען די אידישע שפּראַך; ער וויל אַרויסהויבען אונזער מאַמע־לשון צו דער הויכקייט פון אַלע אַלוועלטליכע שפּראַכען, לשונות, דבורים, ווערטער און זאַ־געכטסען.

איין מאָל קום איך אַהיים און זעלדע דערלאַנגט אַ ברויט צום טיש. שטעהט דער באָרדער מיט זיינע קאַסאָקע אויגען און איך זעה, אַז ער ווערט באַלד עפּעס זאָגען, ווארים דער קנופּיק האָט אַ פינטעל געטהאָן אין זיין האַלז.

— ברויט! — גיט ער אַ דעקלאַמיר, אָנצייגענדיג אויף דעם אונשולדיגען לאַבען ברויט.

— יאַ, — זאָג איך — ברויט.

— העע, אַזוי זאָגט זיך עס גרינג ברויט, — פילאָזאָפירט ער — איהר ווייסט וואָס דאָס איז? איהר ווייסט וואָס עס בעדייטעט ברויט?

— נו, — זאָג איך — וואָס, אַ שטייגער, בעדייטעט ברויט?

— ברויט, — זאָגט ער אַרויס פּראָפעסאָריש — ברויט, דאָס איז אַזאַ פּראָדוקט וואָס די פּרימיטיווע מענשען האָבען עס גע־ברויכט אַלס אַן עס־מיטעל.

איך האָב זיך שיער ניט דערוואָרגען מיט דעם ביסען, וואָס איך האָב אין מויל געהאַט.

דערווייל האָט אימיצער אונטען אָנגעקלונגען אין דעם עלעק־טרישען גלעקעל. צייגט ער אַז צום גלעקעל און זאָגט:

— איהר ווייסט די בעדייטונג דערפון?

— נו? — פרעג איך און איך פיהל אַז באַלד פאַל איך אין חלשות, ווארים יעדער וואָרט קוועטשט זיך ביי איהם אַרויס ווי אַ טראָפּען וואַסער פון אַ צופלאַצטע פאַס.

— איהר'ט געהערט אַ קלונג?

— יאָ.

— דאָס איז די קאָנזעקווענץ פון קוועטשען אַ פּופּיק אונטען אין דעם אַריינגאַנגס־לאָך פון דער געביידע.

אַט אַזוי האָט ער געהאַלטען אין איין זאָגען, שפּרעכען און דבר'ן, ביז איך האָב געלאָזען דעם עסען און בין אַנטלאָפען פון הויז.

איינמאָל, אַ זונטאָג פריהמאָרגען, דערזעהט ער מיינע שיך אונטער אַ טשער, הויבט ער זיי אויף און זאָגט:

— איהר ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס?

— שיך, — ענטפער איך ביז — שיך.

— הע, — רעדט ער און זופּט — עס זאָגט זיך אַזוי לייכט שיך. אָבער אויף וויפיעל קאַטעגאָריען טהיילען זיך אַ פּאָאַר שיך?

בלייב איך שטעהן צומישט און ווייס ניט וואָס זאָל איך טהאָן, צי זאָל איך ערגעץ אַנטלויפען אין מיינע שטעק־שיך, אָדער איך זאָל איהם וואַרפען אַ שוך אין זיין קאָפּ, אין זיין קנופּיק־דיגען גאַרגעל אַריין.

ער רעדט אָבער גאַנץ געלאַסען:

— שיך, אַ פּאָאַר שיך טהיילט זיך אויף צוויי קאַטעגאָריען — אַ לינקער און אַ רעכטער.

און אַט אַזוי כסדר, אויף יעדע זאַך, דעקלאַמירט ער מיט ווי־טענשאָפּט, קאַטעגאָריען, קאָנזעקווענצען. ער זופּט, ער שלינגט און דערגעהט מיר די יאָהרען. אויף יעדער זאַך זאָגט ער אַז עס לאָזט זיך אַנאַליזירען: פליגען האָבען יעדען יאָהר זייער רענע־סאַנס, זייער ווידערגעבורט; וואַנצען האָבען זייער רענעסאַנס עטליכע מאָל אין יאָהר, לויט דעם וועטער און לויט דער ווירטהין פון הויז. איך קען שוין גאָר ניט געדענקען אַלע זיינע לעקציעס, איך ווייס נאָר, אַז איך וועל שטאַרבען פון זיינע „דעפעניציאָנען".

אויף זעלדע'ן האָט ער אַ געוואַלדיגען איינפלוס. און דאָס איז דאָס ערגסטע. איך פערשטעה שוין ניט וואָס זעלדע רעדט צו מיר. נאָכדעם ווי איך האָב מיט מיין זעלדע'ן אָבגעלעבט יאָהרען און מיר האָבען זיך אַזוי גוט פערשטאַנען, מוז איך יעצט קויפען אַ

ווערטערבוך, כדי איך זאָל קענען פערשטעהן וואָס מיין פרוי רעדט צו מיר.

איין מאָל קום איך אַהיים אַ הונגעריגער און איך פרעג מיין פרוי וואָס זי האָט צום עסען, ענטפערט זי מיר:

— איך האָב אונטערגעפייערט מע מיט ערד־עפּעל. —

— גוואַלד, זעלדע קרוין, — שריי איך צו איהר, — וואָס איז מיט דיר געוואָרען? — איך טאַפּ איהר דעם קאָפּ צי האָט זי חלילה היץ. צייגט זי מיר, אַז זי האָט מע מיט ערד־עפּעל. איך קוק אריין אין טעפּעל, ערשט זי האָט געקאָכט שעפּסען פלייש מיט בולבע. מע הייסט ביי איהר די שעפּסענע פלייש און בולבע איז די ערד־עפּעל.

הכלל, איך רעד מיט מיין זעלדע׳ן און איך פערשטעה ניט קיין וואָרט. זי רעדט און איך מוז זוכען דעם טייטש פון די ווער־טער ערגעץ אין אַ דיקשאַנערי.

איך וואָלט איהר רופען צו׳ם רב, צו גט׳ן זיך, קען איך זיך ניט אויפרעדען מיט איהר וועגען דעם.

א מענש

אין יענעם פרייטאג אבענד האט קיינער ניט געעפענט א טיהר ביי די זוסמאנס. מאדאם זוסמאן איז, ווי געוועהנליך, אוועק שפאציערען און בעזוכען א פאר בעקאנטע, און זוסמאן איז פערבליבען אין הויז מיט'ן קינד.

אין הויז איז ליכטיג און ווארעם. עס שמעקט מערען־צימעס, געפילטע פיש און פרישע חלה, וואס די יונגע פרוי האט אנגעקאכט און אנגעבאקט לויט די געוואוינהייט פון א אידישע טאכטער, אבוואהל זיי זיינען פריידענקער, די זוסמאנס.

אין בעט, אויף די ווייסע קלאהרע בעטגעוואנד, שלאפט דאס צוויי־יאהריגע קינד, שלמה'לע, וועלכער האט מיט זיך געבראכט א נייקייט און פרישקייט אין דעם לעבען פון זיינע טאטע־מאמע. אמאל, אין דער צייט פון חתן־כלה, איז זייער הויפט ליעבעס־טהעמא געווען א לבנה־נאכט, איצט איז דאס קינד דער מיטעלפונקט פון טאטע־מאמע'ס ליעבעס־געשפרעכען.

א ליעבליכע אידיש פרייטאג־צו־נאכטיגע שטימונג האט זוסמאן'ען ארומגענומען. עס איז אזוי שבת'דיג אנגענעהם שטיל; ער הערט זיין אייגענעם אטהעם און האט פון זיך אליין הנאה. ער געהט צו צו דער בעט און זעהט און פיהלט דעם זיסען שלאף פון זיין ליעב קינד, וועמעס ליכטיג פנים'ל עס איז ווי א דיימענט איינגעפאסט אויף דער ווייסער קישען. אך, ער האט אזוי ליעב דאס קינד. ער קען זיך אליין ניט פארשטעלען, ווי ליעב און טהייער אט דאס נפש'ל איז איהם. מיט זיינע בליקען צערטעלט ער יעדעס גליעד פון דעם קינד'ס פנים'ל און פיהלט, אז די אויסערגעוועהנליכע ליעבע צום קינד קומט הויפטזעכליך, ווייל עטעל, זיין עטעל, האט עס געבוירען. אין יעדעס גליעד פון

שלמה׳לעס פּנים׳ל זעהט זוסמאַן אַ קאַפּיטעל פון זיין ראָמאַן מיט עטלען. די געשלאָסענע פיינע ברעמעלעך, וואָס דעקען צו שלמה׳לעס אייגעלעך, זיינען די אַמאָליאַגע זומער־נעכט, ווען ער האָט זיך מיט עטלען בעקענט. די ווייכינקע פּולינקע בעקעלעך זיינען די קושען אונטער די בוימער אין דעם שטאָדטישען גאָרטען. די ליעבליכע קנייטשלעך אַרום שלמה׳לעס מיילכעלע זיינען די בענקענדע טעג, ווען ער, זוסמאַן, האָט זיך מיט עטלען ניט געקענט זעהן. פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך אָן אַן ערצעהלונג, וואָס ער האָט געלעזען, ווי אַזוי איינער האָט געוואָלט פּטור ווערען פון אַ קינד, וואָס זיינע אַ געליעבטע האָט פון איהם געהאַט. דאָרטען ווערט געשילדערט ווי אַזוי דער מאַן איז פערבליבען מיט׳ן קינד אַליין אין הויז. עס איז געווען אַ פראָסטיגע נאַכט. יענער האָט אַפּגעדעקט דאָס קינד, געעפענט די פענסטער, אַנגעקיהלט אַזוי דאָס קינד, ביז דאָס האָט געקראָגען לונגען ענטצינדונג און געשטאָרבען.

זוסמאַן האָט זיך דערשראָקען. ער איז צוגעלאָפען צום פענס־טער, האָט עס שטאַרקער פערריגעלט און צוגעלעגט זיך ליעבען דאָס קינד. ער האָט זיין שלמה׳לען אַרומגענומען שטיל און שוואַך און האָט זיך עפּעס ווי פערענטפערט פאַר איהם. שלמה׳לע האָט פערוואָרפען אַ וואַרימע ווייכע הענטעל אויף דעם פּאַפּאַ׳ס האַלז, האָט אויף אַ מאָמענט אָן עפען געטהאָן זיינע אויגעלעך און מיט אַ שמייכעלע אַנגעקוקט זיין פּאַטער. זוסמאַן האָט ווידער בעטראַכט דעם קינד׳ס זיסע פּנים׳ל, האָט געקוקט ווי זיין אָטהעם בעוועגט זיך שטיל און רוהיג און מאָדנע געדאַנקען זיינען איהם געקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אויסערגעוועהנליכער ליעבע צום קינד. וואָס, אַ שטיינער, וואָלט געווען, ווען ער, דער פּאַטער, זאָל זיין אַ שונא צו דאָס שוואַכע נפש׳ל צו שלמה׳לען? ווי אומבעשיצט אַזאַ קינדעלע איז. דריי מינוטען צייט צו אויפדריקען אָט דיעזע קליינע שעהנע העלזעלע און אויס ניטאָ קיין שלמה׳לע. ווי נאָ־הענט עס איז דער וועג און די צייט פון גליק ביז אונגליק, פון ליעבע ביז האַס... ער האָט געקוקט אויף זיינע קרעפטיגע הענד, אויף שלמה׳לעס ווייכע העלזעלע און האָט אויפגעציטערט. איהם

האט זיך גענומען מישען אין קאפ, און האט מורא געקראגען פאר זיך. ווען אימיצער וואלט יעצט אריין אין הויז, וואלט עס איהם זעהר דערפרעהט. יעצט, ווי ער איז אליין אין הויז, אין דער ליעב־ליכער שטילקייט, זיינען די שרעקליכע געדאנקען ווי א שטארקער גיפט, וואס ווירקט טויטליך, ווען מען גיסט עס אריין כאטש א ביסעלע אין א געשמאקען געטראנק.

ער האט א שוואכען קוש אפגעפרעסט אויף שלמה'לעס ווייכע רונדע הענטעלע, איז ארונטער פון בעט מיט איינגעשצעמטע הענט אין זיינע פאקעטס, ווי ער וואלט זיי ניט געטרויען צו זיין פריי... ער האט ווידער געפרואווט די פענסטער צו זי איז גוט פערי־געלט, מחמת אין דרויסען ברענט דער פראסט און שלמה'לעס קער־פערעל איז שטארק איינגעווארעמט אונטער דעם צודעק... זוס־מאן האט זיך אליין א שטראף געגעבען און ניט צוגעגאנגען נאהענט צום קינד. ער האט נור גוט בעטראכט צו שלמה'לע שלאפט, וואַ־רים ביי אזעלכע געדאנקען קען דאך א מענש ניט וויסען, צי האט ער עפעס געטהאן שלעכטס צי גוטעס. פיליכט האט ער טאקע פון ליעבשאפט שוין צודריקט דאס קינד? און ווי ווייט איז דאס גליק פון אונגליק?... ער האט זיך צולאכט. ער ווייס ניט צי האט ער געלאכט הויך אויפ'ן קול, צי בלויז א שמייכעל געטהאן, אדער ער האט גאר ניט געלאכט. ער איז צוגעגאנגען צום שפי־געל און געוואלט בעטראכטען זיין געלעכטער. צו זעהן אויב ער איז אין א נארמאלען צושטאנד, צו קען ער זיך דא יעצט געטרויען מיט'ן קינד, וואס דאס איז זיין גאנצער אייגענס. מען טאר ניט איבערלאזען א קינד מיט א משוגענעם מענשען. ביים געדאנק משוגע, האט ער זיך ווידער צולאכט, ווארום גראדע איהם האל־טען אלע פאר א מעסיגען, געזעצטען, קלוגען מענשען. דער גע־דאנק וועגען איהם אלס משוגע, איז דער גרעסטער משוגעת.

אין שפיגעל האט ער געמאכט א פאר גרימאסען, א לאך גע־טהאן הויך, אבער ער וויסט ניט, צו דאס איז זיין נאטירליכער געלעכטער, אדער דער געלעכטער פון א מענשען, וועלכער איז ניט קיין בעל־הבית איבער זיך אליין

ער האט גענומען שפּאַציערען איבער'ן הויז און האט זיך אַליין אוועקגעשטעלט אונטער אַ שטרענגער קריטיק. ער האט זיך דער־מאַנט, אַז נעכטען האט מיט איהם אויך פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. ער האט בעדאַרפט אַריבערגעהן די בויערי לעבען דעלענסי סטריט. פיער קאַר לײַנס געפינען זיך דאָרטען און עקספּרעס וועגען און אויטאָמאָבילס פליהען ווי שדים. די סטריט איז אַ ברייטע און עס איז אַ געפאַהר זי אַריבערגעהן. ער געדענקט די פּנים'ער פון די מענשען, וואָס זיינען דאָן מיט איהם אַריבער די גאַס. אַ גע־זונטער יונגער מאַן האט געשפּאַנט איבער די קאַר טרעקס ניט קי־מערענדיג זיך, און אַז אַלטינקע איינגעבויגענע איטאַליענערקע איז אַרוים פון פּרינס סטריט און ווי אַ צושראָקענע הוהן זיך געוואַקעלט איבער דער בויערי, געוואָרפען איהרע אויגען רעכטס און לינקס און מאָדנע ציטעריג אַריבער אויף דעם אַנדער זייט: צו דעלענסי סטריט. זוסמאַן האט דאַן געטראַכט, אַז וואָס דער מענש איז עלטער און שוואַכער, וואָס זיין לעבען האט ווייניגער ווערטה פאַר דער וועלט, שרעקט ער זיך אַלץ מעהר פאַר'ן טויט און האלט זיך אַלץ שטאַרקער פאַר דער קליאַמקע פון לעבען. נאָר דאָס איז אַזוי זיך, פאַרבייגעהענדיג. דאָס וויכטיגסטע וואָס זוסמאַן וויל בעטראַכטען, איז וועגען איהם אַליין, ווי ער האט זיך מאָדנע אויפגעפיהרט ווען ער איז אַריבער די גאַס. ער איז דורכגעלאָפען אַ פּלאַנטער פון קאַרס און וועגען און ווען ער איז שוין געווען אויף דער אַנדער זייט, האט ער אַ קוק געטהאָן אויף הינטער, צי האט מען איהם ניט איבערגעפאָהרען. ער האט דאַן געטראַכט, אַז עס קען זיין, דאָס מען האט איהם איבערגעפאָהרען. מענשען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען, און ער ליגט בעוואוסטלאָז. אין דעם בעוואוסטלאָזען צושטאַנד דאַכט זיך איהם, אַז ער איז אַריבער די גאַס און ער געהט בשלום אויף דעלענסי סטריט. און זוסמאַן האט זיך דערמאַנט, אַז אַזעלכע מאָדנע פאַרשטעלונגען זיינען ביי איהם פיעלע מאָל פאָרגעקומען.

ער האט זיך געשטעלט ביים פענסטער, אָנגעשפּאַרט דעם שטערען ביי דער קאַלטער שויב און איז געקומען צום בעשלוס,

דאס ער איז אזוי ווי ניט א דערקוילעטער קאלב, עפּעס פעהלט איהם, אדער עפּעס איז אין איהם צופיעל. זיין גאנצער לעבען איז מיט אמ אזעלכע ווידערשפּרוכען, איבערראשונגען און צווייפ־לען, וואס בלייבען אין איהם דערשטיקט און וואס איז אין דער אמת׳ן, דאכט זיך, דאס וויכטיגסטע פון זיין לעבען אויף דער וועלט. דאס וואס ער איז פון אויבען־אויף, פאר די ארומיגע מענ־שען, איז עס ניט ער. ער אליין איז דאך אין זיך, וואס וועט ווען עס איז ארויסשפּרינגען און ס׳וועט זיין אן אונגליק.

ער האט אנגעפאנגען פאנאנדערוויקלען זיין לעבען פון דער פריהסטער יוגענד און אויף יעדע בלעטעל פון זיין לעבען האט ער זיך דערזעהן אזוי רעטזועלהאפט, אזוי זאנדערבאר. ווען ער איז געווען א חדר־אינגעל און געווען זעהר, זעהר פרום, האט ער מורא געהאט, אז ער וועט זיך שמד׳ען. יע, ער געדענקט יענע איבערלעבונגען זעהר גוט מיט אלע איינצעלהייטען. ווען ער האט מיט כונה געדאווענט און געקושט מיט רעליגיעזע ליעבע דעם סדור און די ציצית, פלעגט איהם ציהען ארויסצוקוקען דורכ׳ן פענסטער פונ׳ם בית המדרש, וואו עס האט זיך געזעהן דער רוסי־שער קלויסטער. און א שטימע פלעגט פון איהם ארויסריידען:

„וואס איז די פּעולה פון דיין דאווענען, דו וועסט דאך זיך סוף כל סוף שמד׳ען".

און מערקווירדיג, ווען ער האט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער, האט ער געזעהן אדער דעם גלח, אדער דעם אלטען, וואס קלינגט אין קלויסטער, אדער דעם גלח׳ס ווייסען הונד. אלס א תשובה פלעגט ער דאווענען מיט נאך מעהר כונה, כמעט ווי מיט טרעהרען; ער פלעגט זאגען פיעל תהילים אדער א בים טהאן זיך א פינגער, אלס שטראף. אבער וואס פרומער ער פלעגט זיך אויפפיהרען, פלעגט ער אלץ זיך מעהרער שרעקען, דאס ער וועט זיך ווען עס איז סוף כל סוף שמד׳ען און אלעס וואס ער שטרענגט זיך יעצט אן צו זיין פרום צו זיין גאט, וועט דאן פערלארען געהן. און אזוי ווי גאט זעהט דאך יעצט אויך די פערבארגענע שמד־מחשבה אין זיין הארצען, איז ער שוין א פערלארענער. צו יענער צייט

האָט זיך גע׳שמד׳ט א ישוב׳ניק׳ס א טאָכטער. וואו זוסמאַן איז דאַן געגאַנגען האָט ער אַלץ געהערט ווי מען רעדט וועגען דער משומדת׳טע, הירשעל דעם קיווירע׳ס טאָכטער. עס פלעגט אויף איהם ברענען דאָס היטעל. ער האָט אַלץ מורא געהאַט, אז מען וועט זיך דערוויסען וועגען איהם, אז מען רעדט עס, אום צו געבען איהם אָנצוהערענישען.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך בעקענט מיט ביכער, ווען ער האָט דערזעהן דעם אמת וועגען לעבען, טויט און רעליגיאָן, ווען ער איז געוואָרען אַן איבערגעבענער פריידענקער, האָט ער זיך גענומען שרעקען, אז ווען עס איז, אויף דער עלטער, וועט ער צוריק פרום ווערען און ס׳וועט זיין זעהר מיאוס. און וואָס מעהרער ער האָט זיך איינגעשטעלט און פערטהיידיגט די פרייהייטס־געדאַנקען, אַלץ שטאַרקער פלעגט אין איהם רופען א שטימע:

„וואַרט, כאָפּ נאָך ניט, דו וועסט נאָך אויף דער עלטער פרום ווערען, און דיינע געגנער, די פרומע, וועלען פון דיר לאַכען און שפּאָטען“.

און וואָס מעהר ער האָט זיך געשראָקען פאַר א נארישען רע־ליגיעזען סוף, אַלץ ביטערע האָט ער אטאַקירט דאָס פרומקייט און פערטהיידיגט די פרייהייטס־געדאַנקען.

אזוי שטעהט זוסמאַן ביי׳ם פענסטער און בלעטערט אַלע זיי־טען פון זיין לעבען און זעהט כסדר מאָדנע ווידערשפּרעכונגען און שגעונות.

ער איז צוגעקומען צום בעט, איינגעקוקט זיך אין שלמה׳לען און האָט זיך דערשראָקען. ער האָט זיך געוואָלט ארויספּלאָנטערן פון זיינע געדאַנקען און עס זיינען דוקא געקומען אַזעלכע סאָרטען געדאַנקען, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַז זיי פערגעסען. עפּעס אַליין זיינען די געדאַנקען געקומען צו איהם פון אַלע פינסטערע ווינקע־לעך און האָבען זיך צושפּרייט אין זיין מח מיט אַלע איינצעל־הייטען, מיט אַלע קנייטשעלעך.

ער איז ווידער צוגעקומען צום פענסטער, ארויסגעקוקט אין דער שטילער גאַס, און אַט קומט איהם אַנטקעגען יענע צייט, ווען

ער איז געווארען א הייסער איבערגעבענער רעוואלוציאנער. דאן האט זיך אויף איהם אנגעטהאן א שרעק, אז ער וועט ווערען א פראוואקאטאר. ער האט דאן איבערגעלעבט דעמזעלבען צער ווי ווען ער איז געווען פרום און האט זיך געשראקען פאר שמד. ער איז געגאנגען אין די געפעהרליכסטע ערטער פאר דער רעוואלו־ציאנערער בעוועגונג, האט איינגעשטעלט זיין לעבען און אימיצער האט איהם פערפאלגט, דאס ער וועט ווען עס איז ווערען א פרא־וואקאטאר.

ער געדענקט יעצט אלע זיינע ליידען, ווען ער איז געזעסען אין טורמע. גאנצע נעכט האט ער ניט געקענט צומאכען מיט אן אויג, ווייל ער געדענקט ניט געגוי, וואס ער האט גערעדט ביי'ם פערהער אין דער זשאנדארמסקי. צי האט ער פיליכט ניט גע־זאגט אזוינס, וואס האט אימיצען ארויסגעגעבען און עס איז מקוים געווארען די שרעק צו זיין א פראוואקאטאר? ווע מען בעפרייט איהם דאן פון געפענגניס, וואלט ער זיכער משוגע ווערען פון צער, ווייל דאס וואלט ווירקליך געווען א בעוויז, אז ער האט אימיצענס נאמען ארויסגעפלאפלעט. און אפילו יעצט, ווען ער טראכט אט דאס אלעס, איז ער נאך אלץ ניט זיכער, צי ער האט זיך געהאל־טען גוט, און צי קיינער ליידעט ניט דורך זיינע אנטווארטען דא־מאלסט ביי'ם פראקורור.

זוסמאן גיט א שפרייז איבער'ן הויז און דערמאהנט זיך זאנ־דערבארע קאפיטלען פון זיין לעבען — זיינע ליעבעס.

ער האט געהאט עטליכע ליעבעס אהן דעם וויסען פון די געליעבטע. בלויז איינער האט ער געזאגט, אז ער ליעבט איהר און מיט דער האט ער חתונה געהאט. דאס איז געווען עטעל. פון פריהער האט ער געהאט א צעהן געליעבטע. יעדערער האט ער געליעבט אין א געוויסער צייט, אוועקגעווארפען איינע, גענומען די צווייטע, און ניט זיי האבען געוואוסט ווען ער האט זיך אין זיי פערליעבט, און ניט זיי האבען געוואוסט, ווען ער האט זיי פער־שטויסען פון זיך. ער פלעגט אנקוקען א שעהנע מיידעל, פערליע־בען זיך אין איהר שטערבליך און ניט אויסזאגען איהר. ער פלעגט

זוכען צו זעהן איהר אַפּט, איבערלעבען אַלע ליידען און אַלע פריי־דען פון ליעבע אין זיך, און ווען ער פלעגט דערזעהן אַ שעהנערע, אַ אינטערעסאַנטערע, פלעגט ער זיך אין דער צווייטער שטרעבליך פערליעבען און יענער פענאַכלעסיגען און מיט דער צייט אין גאַנ־צען פערגעסען. ווען ער איז געוואָרען עלטער און האָט זיך פער־ליעבט אין עטלען, האָט ער איהר וועגען זיין ליעבע אויסגעזאָגט. און ערשט יעצט, ווען זוסמאַן האָט דאָס אַלעס איבערגעטראַכט, איז איהם געקומען אַ געדאַנק, דאָס ווען מען זאָגט אויס, אַז מען ליעבט, ענדיגען זיך אַלע ליעבעס... און וויבאַלד אַזוי, זיינען יענע ליעבעס, וואָס זיינען געווען פערבאָרגען ביי איהם, נאָך אמת׳ר, נאָך ווירקליכער, ווי די ווירקליכע... און דעריבער קען דאָך זיין, אַז ער, זוסמאַן, איז דער אמת׳ער זוסמאַן ווען ער טראַכט אַזעלכע משוגעת׳ן ווי דערווערגען אַ ליעב קינד...

דאָ האָט זיך זוסמאַן מיט געוואַלד אָפּגעהאַלטען פון טראַכ־טען. ער בעשטימט ביי זיך, אַז אין איהם זיצט אַ געפעהרליכער מענש, נאָר די זאָרגען פאַר פרנסה, וואָכעדיגע קליינליכקייטען, לאָזען יענעם מענשען ניט אַרויס פון זיין בעהעלטעניש, און דאָס איז דער איינציגער גליק.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שוין פיעלע מאָל האָבען איהם אָפּגעקלונגען אין מח אַמאָליגע משוגעת׳ן, און איהם האָט דאָן, בעת מעשה הנאה געטהאָן, וואָס יענע מאָדנע געדאַנקען זיינען שוין לאַנג, לאַנג אַוועק פון איהם. יעצט אָבער זעהט ער, אַז ער האָט זיך פון זיי ניט בעפרייט. די זעלבע שרעקען קומען צו איהם אין אַנדערע פאָרמען. ער פיהלט, ער זעהט, אַז ער איז ווי אַ ניט דערקוילעט קאַלב. אין איהם זיצט אַ מענש, וואָס קריגט די אויבער־מאַכט איבער איהם, ווען ער בלייבט אַליין אין הויז. און אַמאָל פערפאָלגט איהם אָט יענער מענש, אָט יענער בעהאַלטענער זוס־מאַן, ווען ער איז צווישען מענשען אין אַ געפּאַקטער קאַר. דאַכט זיך, ווען ער איז געווען אַ אינגעל, האָט ער ניט געהאַט די נאַטור צו גנבֿ׳ענען. יעצט אודאי ניט. און ניט לאַנג האָט פּאַסירט, אַז אין אַ געפּאַקטער קאַר האָבען זיינע אויגען געקוקט צו אַלעמענס

קעשענעס און ער האט איינגעהאלטען מיט געוואלד זיינע הענט, זיי זאלען ניט אריין אין יענעמס פאקעט. עפעס א נייגעריגקייט האט איהם געצויגען אריינצושטעקען א האנד אין פרעמדענס קע־שענע.

זוסמאן האט דערפיהלט, אז ער טראכט שוין ווירקליך וועגען גארישקייטען. איהם איז נאך ארויפגעקומען אויפ'ן זינען וועגען אן איינזאמען אינזעל ערגעץ אין ים. ער האט זיך דערמאנט ווע־גען א חלום אין וועלכען ער האט געשוועבט אין דער הויך ווי א פויגעל און דיעזע פאר אונשולדיגע נארישע פלאנטערס האבען איהם כמעט ווי אויסגעניכטערט.

ער האט אריינגעשפאצירט אין קיך און דערזעהן אויפ'ן טיש א האלבע איינגענע געבאקענע שבת־חלה און א מעסער, האט מיט'ן קלינגעל גע'חלום'ט אויף דער חלה.

ער האט זיך פערקוקט אויפ'ן שארף פונ'ם מעסער און ארויס־געמורמעלט:

„א מאדנע זאך, אט ווי דין עס איז דער שארף פון דעם מעסער, אזוי דין איז דער צווישענשייד פון לעבען און טויט".

ער האט מורא געקראגען פאר אט דעם שארף, וואס קען מא־כען פון לעבען טויט. זיין האנד האט זיך אבער אליין צוגעצויגען צום מעסער.

די טהיר האט זיך געעפענט און עטעל איז אריין. זי האט געזעהן, ווי ער האלט דעם מעסער.

„דו ווילסט דען עסען?" — האט זי געפרעגט.

„יע", האט זוסמאן גאנץ געוועהנליך געענטפערט, „איך וואלט עפעס צוגעביסען".

עטעל האט געגעבען טהעע מיט ביסקוויטס; זיי האבען גע־טרונקען און געגעסען. זוסמאן האט דערצעהלט א פאאר חכמות פון שלמה'לען, ווי ער האט געשמייכעלט און געגלעט דעם פאפא, און אימיצער אין זוסמאן'ען האט זיך שטיל צוגעהערט און איז פאוואלינקע פערשוואונדען ערגעץ ניט ווייט.

דער טויט האָט פערבלאָנדזשעט

דאָס איז געווען אין הויז פון מיין פארלעצטער דירה, אין אַ גרויסער טענעמענט הויז. אויפ'ן סטופּ האָט געוואָהנט אַן אַל־טער שוסטער, זיסעל. אַלע שכנים האָבען איהם גערופען מיט'ן ערשטען נאָמען, ווייל דורך דער אָפענער פענסטער פלעגען מיר הערען ווי זיין פרוי און זיין אַלטיטשקע שוויגער רופען איהם: זיסעל. זיסעל איז געווען אַ גרויער און צימליך געזונטער איד, פון אַ יאָהר פינף און זעכציג, און דעם זעלבען עלטער אויך זיין פרוי, אַ ליעבליכע, בערעדעווידיגע אידענע. אָט דיעזע אַלטע אידע־נע, די שוסטערקע, האָט ביי זיך אין הויז געהאַט איהר מוטער, וועלכע האָט געהייסען חיה. אַזעלכע אַלטע פרויען ווי חיה זייי־נען דאָ גענוג, און קיינער וואונדערט זיך ניט, אָבער אַזוי ווי די שוסטערקע זעהט אויס אַלט, נאָך עלטער ווי זי איז, האָט מען איהר אַלטער מוטער געשאַצט אין אַ יאָהר פינף און ניינציג. מאַנכע האָבען אפילו געזאָגט, אַז זי איז אַלט הונדערט יאָהר. די אַלטע האָט קיינמאָל ניט אויסגעזאָגט איהרע יאָהרען, אָבער אַ יאָהר עטליכע און אַכציג איז זי טאַקע געווען.

זי איז געווען אַ דאַרע קליינע אידענעטשקע, מיט אַן איינגע־בויגענעם רוקען. די קנייטשען אויפ'ן פּנים זיינען געווען אין דער ברייט און אין דער לענג. זי איז געווען געזונד, האָט גוט געזעהן און גוט געהערט. ווי איהר טאָכטער, האָט זי גערעדט מיט אַלעמען ליעבליך און דערצעהלט אַלטע אידישע גלייכווערטלעך. ווען זי פלעגט זאָגען אַ גלייך־ווערטעל און צושמייכלען זיך, פלעגען זיך די קנייטשען צוזאַמענגיסען איינע מיט די אַנדערע; דאָס פּנים איז געוואָרען ווי אַ געפאַלדעטער און פון איהרע אויגען פלעגען אַרויסטרעהרען טראָפּענס.

מיט אַכצעהן יאָהר בעפאָר איז חיה׳ס מאַן געשטאָרבען. זי האָט דאַן געהאַט צוויי הונדער׳ט דאָלאַר פון דעם פעראיין, וואו דער אַלטער האָט בעלאַנגט. הונדערט דאָלאַר האָט זי אַוועקגע־געבען אויף שרייבען אַ ספר תורה, האָט זיך געלאָזען אַ פּאָר דאָלאַר אויף תכריכים און דאָס איבעריגע האָט זי אַוועקגעגעבען צו איהר איינציגע טאָכטער, די שוסטערקע, ביי וועמען זי האָט זיך בעזעצט צו דערלעבען איהרע ביסעל יאָהרען.

זיסעל דער שוסטער מיט זיין פרוי האָבען שוין חתונה גע־מאַכט אַלע קינדער און האָבען זיך געלעבט אין פריעדען צוזאַ־מען מיט דער אַלטער חיה. די דריי אַלטע לייט זיינען געווען די ליעבלינגע פון אַלע קינדער פון דער טענעמענט הויז. פאַרביי זייער טהיר, אויפ׳ן סטופּ, פלעגען פאַרבייגעהן די קינדערלעך. אַמאָל פלעגען די קינדער אריינטראָגען פעררריכטען אַ טאַטען׳ס, אָדער אַ מאַמע׳ס שיך, פלעגען די דריי אַלטע ליעבליכע מענשען פערברענגען מיט די קליינוואַרג. דורך די קליינוואַרג פלעגען שוין די גרויסע זיין בעפריינדעט מיט זיסעל דעם שוסטער׳ס הויז. און מען האָט אַלעם געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך ביי זיסלען, וואָס עס מאַכען זיין פרוי און די אַלטע שוויגער.

ווען זיסעל פלעגט זאָגען אַ וויץ און אַ שכנה פלעגט אין אַ געלעכטער אריינשמייכלען: — „אַי, זייט איהר אַן אַלטינקער״, פלעגט זיסעל צופריעדען קלאַפּען די טשוועקלעך אין פּאָדעשווע און די שוויגער חיה פלעגט זאָגען מיט פערדרוס: „ער איז גאָר ניט אַזוי אַלט ווי איהר דענקט״.

אימער האָט די אַלטע גערופען איהר טאָכטער און איידעם: „מיינע קינדערלעך״. זי האָט געברויכט דאָס וואָרט, קינדערלעך, אום צו מאַכען זיי יונג און מיט זייער יונגען זכות זאָל מען איהר ניט האַלטען פאַר אַזאַ אַלטע.

ווען די אַלטע האָט זיך אַמאָל געפיהלט שוואַך, פלעגט זי ניט זיין געניאַרט אין חשבון. זי האָט בעקוקט די לייוונד פאַר איהרע איבעריגע בגדים, נערעדט וועגען אַ מנין אידען וואָס זאָלען דאַוו־נען אין הויז די וואָך נאָך איהר טוידט, און די טאָכטער פלעגט

איהר אָפּשלאָגען מיט טרייסט ווערטער, צו מאַכען איהר לייכטער אויפ׳ן הארצען.

יעדער פון דער טענעמענט הויז האָט זיך יעדע ווײַלע גע־ריכט איבערצולעבען די שרעקען פון טוידט אין דיזער הויז. דורך דעם אַלטען צוקאַרבטען פּנים פון דעם שוסטער׳ס שוויגער האָט דער טוידט אַרויסגעקוקט און געשראָקען מיט בית־עלמין־געדאַנ־קען אַלע יונגע מענשען פון דער טענעמענט הויז.

יעדען פריהמאָרגען, אַז מען האָט דערזעהן, דאָס די אַלטע חיה קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער, האָט מען פרייער אָפּגעאָטהעמט — זי לעבט נאָך. מען האָט איהר בעגעגענט מיט אַ ברייטען גוט מאָרגען און די אַלטעטשקע האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל און דערביי גוטמוטהיג געזאָגט אַ גלייכווערטעל. זי האָט געפיהלט און פערשטאַנען יעדערענס בליקען אויף איהר. איהר גוטמוטהיגער בענעהמען זיך און דאָס גלייכווערטעל, וואָס זי האָט אַריינגעזאָגט, האָט איהר ענגער צוזאַמענגעקניפּט מיט דעם לעבען און מיט די יונגע מענשען.

איין מאָל אַ פריהמאָרגען, האָבען די שכנים דערהערט אַ גע־וויין פון דעם שוסטער׳ס הויז. די שרעק איז געקומען ניט אונ־ערוואַרטעט, מען האָט שוין פערשטאַנען, אַז די אַלטע איז געשטאָר־בען. מען איז ניט געווען איבערראַשט.

ווען די שוסטערקע איז אַרויס אין האָל מיט אַ געוויין און גע־פּאַטשט פערצווייפעלט מיט די הענד, האָבען זיך שכנים גענומען קלייבען צום שוספּטער אין הויז אַריין. מען גיט אַ קוק, די אַלטע חיה שטעהט אַ לעבעדיגע, אַ צושראָקענע ביי איהר בעט, וואָס שטעהט אין פראָנט רום, דאָ וואו זיסעל׳ס שוסטערשער ווערק־שטאַט געפינט זיך.

„וואָס איז געשעהן?“ — האָבען אַ פּאָאַר שכנות אויסגע־שריען, און געזוכט פאַרשענד מיט זייערע בליקען דעם אונגליק איבער׳ן הויז.

מיט איהרע פערטריקענטע האַלב־געשטאָרבענע ווייסע ליפּען

האט חיה ווי פערשולדיגט ארויסגעמורמעלט: „מיין איידעם, מיין איידעם". און אנגעצייגט אין שלאף צימער.

זיסעל איז פלוצלינג געשטארבען. ער האט זיך געלעגט שלא־פען א פרישער, א געזונטער און איז ניט אויפגעשטאנען. אלע האבען געוועגדעט זייערע בליקען אויף דער אלטער מיט א פראגע־צייכען און כמעט ווי מיט פערדרוס.

אייגענטליך איז דאך זיסעל שוין א איך נאהענט צו זיבעציג יאהר. ווען חיה וואלט ניט געוועזען אין הויז, וואלט דאך יעדערער געטראכט: קיין אינגערע זאלען ניט שטארבען. אבער דא שטעהט די אלטע חיה אין וועג... וואלט זיסעל געוועזען גאר א יונגער מאז, וואלט זיין טוידט ניט געוועזען שייך צו דער אלטער חיה; עס טרעפט אז אונגליק. דא האט אבער דער פלעצליכער טוידט אריינגעפלאג־טערט אזא מיספערשטענדניס, דאס אלע האבען זיך ניט געקענט שענקען, ווארום זיסעל איז געשטארבען. עפעס האט זיך יעדען אפגעדוכט, אז די געשיכטע איז דא ניט גלאטיג. יעדערער האט געפיהלט, ווי נאהענטע קרובים פון אן ארעסטאנט פיהלען ביים פראצעס, ווען דער אורטהייל זעהט זיי אוים ניט יושר־דיג.

און שכנים האבען גענומען אריינקומען איינע נאך די אנדערע און יעדערער האט אויסגעשריען:

„זיסעל גאר?"... און דערביי געקוקט מיט ערשטוינונג און פערדרוס אויף דער אלטיטשקע חיה.

צו יעדען מאל וואס אימיצער איז אריינגעקומען, א בראך גע־טהאן די הענד און אויסגעשריען: „וועה איז מיר, זיסעל גאר?" האט די אלטע אויסגעשטעלט א פאר פערגליווערטע אויגען און מיט רחמנות א פאטש געטהאן מיט די הענד אין די זייטען, ווי זי וואלט זאגען: גלויבט מיר, איך בין ניט שולדיג, אבער ער איז געשטארבען. איהר זעהט דאך, וואס בין איך שולדיג?

די הויז איז פול געווארען מיט מענשען, און קיינער האט דער אלטעטשקער ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. זי האט עס אנגענומען אז מען איז אויף איהר אויפגעבראכט.

לעצטען אבענד האט זיך חיה געפיהלט שוואך. זי האט גע־

רעכענט, אַז אויף מאָרגען וועט זי בלייבען ליגען אין בעט. איצ־טער, אין אַזאַ אומגליק, האָט זי עס ניט געקענט טהאָן. זי איז צי־טעריג געשטאַנען ביי איהר בעט, ווי אַן איבעריגע צווישען אַלע מענשען און האָט זיך געטוליעט צו איהרע קישענס. זי האָט ניט געוויינט. זי האָט ניט געקענט וויינען, ווייל ס'האָט זיך איהר אויסגעדוכט, דאָס ווען זי זאָל וויינען, וועט מען איהר ניט גלויבען. מען וועט זאָגען: זעה נאָר, זעה, זי וויינט נאָך... איהר פּנים, איהרע רויטליכע אויגען און אַלע איהרע קנייטשען און פּאַסעקלעך פון געזיכט האָבען אויסגעקוקט מאָדנע. מיט פערשולדיגטע בליקען האָט זי געקוקט אויף איהר אומגליקליכער טאָכטער און אויף די ברענענדע ליכט אַרום איהר טוידטען איידעם.

זי האָט דייטליך געפיהלט, וואָס אַלע טראַכטען יעצט וועגען איהר. זי האָט געגנומען איבערטראַכטען: אפשר איז טאַקע פאַ־ראַן אַזוינס, מיט וואָס מען קען איהר בעשולדיגען?

צו איהרע אויערען דערטראָגען זיך געשרייען:

„סטייטש, אַ פרישער אַ געזונדער מענש". און חיה טראַכט: אפשר קען מען מיינען, אַז איך האָב צופיעל תהלים געזאָגט. אפשר האָט זי ניט געדאַרפט לאָזען שרייבען אַ ספר תורה. און דערפאַר מיינען זיי, אַז ווען דער טוידט איז געקומען, האָט עס גע־טראָפען גאָר זיסלען, „אַ פרישען געזונדען מענשען". און טרעה־רען שטיקען איהר אין האַלז, ניט אויף זיסלען, נאָר אויף איהר אַליין, אויף דעם בלבול וואָס דאָ פיהלט זיך געגען איהר. און אויף איהרע ליפּען קלעמען זיך די ווערטער: „וואָס ווילען זיי פון מיר, וואָס האָבען זיי צו מיר"...

פּלוצלינג גיט זי זיך אַ כאַפּ, אַז זי וויינט ניט. אַלע אין הויז זיינען פערזאַמערט; אפילו פרעמדע מענשען וויינען. אָט דאָס וואָס זי קען ניט וויינען אויפ'ן קול וואָרפט טאַקע אַ פערדאַכט אויף איהר, כאָטש איין גאָט איז אַן עדות, אַז טיעף דאָרטען אינע־ווענינג אין האַרצען וויינט זי מיט בלוטיגע טרעהרען.

ווען די לויה האָט זיך אַוועקגעצויגען פון הויז, האָט זי געוואָלט נאָכגעהן. זי האָט אָבער ניט געקענט, און די טאָכטער האָט זיך

ביי איהר געבעטען: — מאמע, דו גיוסט אזוי שוואך. — און אלע האבען איהר געגעבען צו פערשטעהן, דאס זי טאר ניט געהן צו דער לויה. די אלטע חיה האט עס אבער אנגענומען אלס א שטראף פון אלעמען. זיי אלע דענקען, דאס זי טאר ניט וואגען צו געהן צו דער לויה, ווייל זי דארף ניט האבען אזעלכע פערשטאכענע אויגען...

דער טוידטען וואגען האט אוועקגעפיהרט איהר איידעם, זיס־לען, און חיה האט פערקלעמט שטיל געמורמעלט: „מען לאזט מיר ניט צו; וואס ווילען זיי פון מיר, וואס בין איך שולדיג".

זי איז געבליבען אליין אין הויז. איהרע אויגען זיינען געפא־לען צו זיסעל'ס ווערקשטאט, וואו עס זיינען געשטאנען צוויי פאר צולעכערטע שיך, וואס מען האט ערשט נעכטען אבענד געבראכט צו פעררינכטען. זיסעל אליין האט נעכטען צוגענומען די שיך און געזאגט, אז מארגען צוועלף אזייגער וועלען זיי זיין פארטיג. עס האט איהר פערקוועטשט דאס הארץ אויף זיסלען און זי האט זיך פערנאנדערגעוויינט הויך אויפ'ן קויל. הייסע גרויסע טרעהרען האבען זיך צורונען אין איהרע קארבען אויף די באקען. יעדע הייסע טרעהר האט ווירקליך בעלאנגט צו זיסלען. אין דעם גע־וויין האט זי ווי צו אימיצען גע'טענה'ט: „אט וויין איך דאך, וואס האבען זיי פון מיר געוואלט? וואס האבען זיי זיך צו מיר צוגעטשעפעט? זיי קענען דאך זעהן, אז איך וויין"... און זי האט זיך צושריען אין דער אפענער פענסטער אריין:

„זיסעל, מיין טייערער זיסעל"...

עספעראַנטאָ

אין די „אָלד קאַנטרי“, אין כאָלאָפּעניץ, האָט ביילע אַרעס ניט געוואוסט וועגען בילדונג. זי איז געווען איינע פון אַ האַלבען טוץ טעכטער, וועלכע האָבען אַ גאַנצען יאָהר געדראַטעוועט טעפּ פאַר פינף גילדען אַ וואָך און פאַר פּסח געכאַפּט אַ געשמאַקערען פערדיענסטעל פון וועלגערען מצה.

נאָר צייט זי איז דאָ אין אַמעריקאַ, איז פון ביילע אַרעס גאָר געוואָרען מיסעס צילי אַ. סטרודעלהאָלץ און אויסער וואָס זי האָט זיך דערוואוסט פון די ווערטער „דידס“ און „מאָרט־גיידזשעס“, האָט זי אויך דערגאַנגען אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי „עדיוקיישאָן“.

נאָר אַליין איז נעבאַך מיסעס סטרודעלהאָלץ ניט געבילדעט. זי איז צופריעדען וואָס איהרע קינדער האָבען „בוקס“ און קענען דאָרטען אַריינקוקען. עס איז שוין פאַר איהר אַ גענוגענדער שטאָלץ, וואָס איהר אַהרן האָט זיך אויסגעלערענט אונטערצו'חתמה'נען זיין נאָמען אויף די טשעקס.

פון דעסטוועגען ווען איינער קומט צוגעהן און בעט ביי ביילען צעהן דאָלאַר און דערפאַר וועט זי איבער אַ נאַכט ווערען אַז „עדיוקייט וואומען“, וואָלט זי עס מיט פערגעניגען געטהאָן, ווייל גלאַט עס וואָלט געווען שעהנער, עס פּאַסט זיך שוין איינעם צו דאָס אַנדערע. אַ פּריוואַט הויז אויף סטאָון עוועניו אַ פּוילישע שיקסע אין קיך, אַ טאָכטער וואָס געהט אין האַי־סקוהל און על כולם דער נייער גרוסער אויטאָמאָביל, וועלכער סאָפּעט, קרעכצעט און בעט זיך רחמים אַז זיין גביר'טע זאָל ניט פערשעהמט ווערען צווישען איהרע „האַי־קלעס־פּיפּעל“.

מיט אַמאָל, גאָר אונגעריכטערהייט, דערוויסט זיך מיסעס צי־

לי א. סטרודעלהאלץ, אז זי איז טאקע א געבילדעטע פרוי. זי קען פאלקאם א שפראך. און נאך וואס פאר א שפראך! א שפראך, וועלכע געהט אז אין דער גאנצער וועלט וואו א לעבעדיגער מענש קען זיך נאר געפינען. זי קען לעזען אויף דער שפראך „עספעראנטא“. די ענטדעקונג איז געמאכט געווארען אין א הינטערשטען פינסטערען צימער ביי דעם אפטאמעטריסט ב...

פאסירט האט עס אויף אזא אופן. שוין פון א לענגערע צייט, אז מיסעס סטרודעלהאלץ האט זיך בעקלאגט אויף קאפ־שמערצען. זי אליין האט עס אנגענומען, אז דאס קומט פון די פיעלע זארגען, ווייל זי נעהמט צופיעל אנטהייל אין אהרן׳ס גרויסע געשעפטען און הויפטזעכליך פון די פוילעניש און קלעמעניש פון דער פוילישער שיקסע, וועלכע איז א גרויסער גולם און טהוט יעדע זאך קאפויר ווי מען דארף. נאר איהר דאקטאר האט עס גראדע אנגענומען, אז דאס קומט פון די אויגען. און ער האט איהר געראטהען אנצוטהאן אויגען־גלעזער.

דעם אמת זאגענדיג, אז דער אפטאמעטריסט ב. האט פאר זיך דערזעהן די אומגעלומפערטע גראבע פיגור פון מיסעס סטרודעלהאלץ, מיט דעם גלאנץ פון רינגען און דימענטען אויף איהרע געוואלדיג פערגרעבטע הענד, איז דעם ארימען ב. נעבעך איינגעפאלען די יאהרען. ווארים איהם איז שוין גוט בעקאנט וואס מען האט אויסצושטעהן פון אזעלכע גביר׳טעס ביז מען פאסט זיי צו די ציערונג אויף זייערע משופע׳דיגע נעזער. אז ער האט נור בעדענקט, וויפיעל מאל ער וועט דארפען איבערטאפען אין זייגע הענד אט דעם חוצפה׳דיגען שמעקער, וועלכען עס טראגט מיסעס סטרודעלהאלץ, אי זאיהם אריבער א קעלט איבער׳ן לייב.

אויסהערענדיג דעם פערלאנג פון זיין נייער פאציענטין, האט ער איהר איינגעלאדען אין דעם פינסטערען צימער, וואו פאר עלעקטרישען שיין האט ער איהר גענומען עקזאמענירען די אויגען.

— זעהט איהר דיעזעס? — פרעגט ער איהר אנצייגענדיג אויף דער טאבעלע פון די פיעלע בוכשטאבען.

— איך זעה, שור זעה איך — ענטפערט מיסעס סטרודעלהאלץ.

— זייט אזוי גוט, מאדאם — טייטעלט ער מיט'ן פינגער אויף א ענגלישען „איי", די גרויס ווי א לאבען ברויט — זייט אזוי גוט, זאגט מיר וואס איז דאס?

— אט איהר גיט מיר בעסער א פאר „גלעסעס", און איך וועל שוין אליין וויסען צו זיי פיטען צו ניט — רופט אויס מיסעס סטרודעלהאלץ פערדריסליך.

— ע, זאלט איהר געזונד זיין, מאדאם — בעט ער זיך ביי איהר — איך וויל דאך וויסען ווי ווייט איהר זעהט.

— נו, איך זאג דאך אייך, אז איך זעה און גענוג! — רעדט שוין די מאדאם מיט כעס.

דער אפטאמעטריסט פערשטעהט שוין, אז די ענגליש־שפרע־כענדע מאדאם קען ניט לעזען קיין ענגליש. ער טייטעלט אן אויף א אידישען „אלף".

— איהר לעזט דאך וואהרשיינליך אידיש אויך, — גיט ער א זאג העפליך — זעהט איהר דיעזען בוכשטאב? קענט איהר מיר ניט זאגען וואס איז דאס פאר א בכשטאב?

— אה, — גיט זי שטאלץ א זאג — איך האב זיך געוועהר גע־לערנט דזשואיש.

אלזא, ער זעהט שוין, אז מיט אידיש איז ער דא אויך אויף צרות. ער וועט דא מוזען שוין בענוצען די אלוועלטליכע בוכשטא־בען, וועלכע געפינען זיך אין מיטען דער טאבעלע, אין דער פארמע פון „וועזענס". א הונד, א פערד, א שוף, א. ז. וו. דא איז ער זי־כער וועט זי קענען לעזען דאס קענען אלע, דער כינעזער, דער רוס, דער פאליאק און דער אלרייטניק, אלע פערשטעהען דיעזע שריפט, וועלכע דער אפטאמעטריסט האט א נאמען געגעבען עספעראנטא, אום ניט צו פערשעהמען זיינע „בעזגראמאטנע" פאציענטען.

— איך דענק, מאדאם, — רופט אויס דער אפטאמעטריסט לוסטיג, — איך דענק, אז עספעראנטא פערשטעהט איהר אם בעסטען.

— איך זאג דאך אייך אז איך זעה! — שלאגט איהם איבער די מאדאם מיט ווילדען כעס, — איך זאג דאך אייך, אז איך זעה,

איך זעה אַלעס, גיט מיר אַ פּאָר „גלעסעס“ און איך וועל שוין אַליין וויסען צי זיי טויגען צי ניט.

— ענטשולדיגט — בעט ער זיך ביי איהר רחמים — ענט־שולדיגען זיי מיר, איך מוז מאַכען דעם עקזאַמען איבער אייערע אויגען, אַהן עספּעראַנטאָ קען מען קיין גלעזער ניט צופּאַסען. אַט דאָ, זעהט איהר? — ציינט ער איהר מיט'ן פינגער אויף דער „אינטערנאַציאָנאַלער“ שפּראַך. — אַט דאָ האָב איך אַ שפּראַך, וועלכע הייסט עספּעראַנטאָ. אויף דער שפּראַך פערשטעהט זיך דער איד, דער פראַנצויז, דער דייטש, דער ענגלענדער, מיט איין וואָרט, אַלע, און אַהן דעם קען מען אבסאָלוט קיין אויגען־גלעזער ניט צופּאַסען.

— אַ מאָדנער מענש זייט איהר — ווערט זי אויפגערעגט און הויבט זיך אויף פון שטוהל — איך זאָג דאָך אייך, אַז איך זעה, וואָס דרעהט איהר מיר אַ קאָפּ מיט אייער עספּעראַנטאָ?

— איין ווייל'ע, מאַדאַם, ענטשולדיגט, זעהט איהר דאָס?

— שור, זעה איך.

— וואָס איז דאָס?

— אַ הונד, מען זעהט דאָך, אַז דאָס איז אַ הונד.

— אויסגעצייכענט! — רופט אויס פרעהליך דער פּערמאַ־מערטער אָפּטאָמעטריסט.

— נו, און דאָס, מאַדאַם? — פיהרט ער ווייטער מיט'ן פינ־גער איבער דער עספּעראַנטאָ אַבטהיילונג פון דער טאַבעלע — דאָס זעהט איהר?

— שור זעהר איך, אַ האַנד.

— און דאָס?

— אַ פוס.

— נו, און דאָס?

— אַ פויגעל.

— בע, בע, איהר קענט דאָך אויסגעצייכענט די עספּעראַנטאָ, האָט איהר דען געדאַרפט זיך אויפרעגען מאַדאַם?

— אַז פריהער האָט איהר מיר אַלעס געציינט אַזעלכע בוכ־

שטאבעז, וועלכע איך האב מיך קיין מאל ניט גענומען די מיה צו לערנען זיי, — ענטפערט מיסעס סטרודעלהאלץ גדלות׳דיג...

— נו, מאדאם, יעצט אז איהר קענט שוין, לאמיר נעהן ווייטער, — און ער טייטעלט אלץ העכער, העכער מיט׳ן פינגער און די ניי געבילדעטע דאמע לעזט עספעראנטא ווי א וואסער.

— א פיש א האק, אן אויג, א ליולקע, א ציבעלע, א צוויי, א דריי, א בוריק, א גאפעל.

— נו, דא ארויף, גאר די קליינצינקע בוכשטאבען? — פרעגט דער אפטאמעטריסט.

— דא איז מיר שוין שווער צו זעהן, — ענטפערט זי שוין אהן כעס און אהן שעהמעריי.

— אט יעצט, — רופט זיך אפ ב., — אט יעצט וויסען מיר ווי צו פאסען פאר אייך גלעזער, די עספעראנטא, אלץ די עספעראנטא...

מיסעס סטרודעלהאלץ האט מיט אמאל דערפיהלט אזוי גוט אויף דער נשמה, עפעס א מאדנע קראפט האט זי אין זיך ענטדעקט, עספעראנטא גאר, זי האט גאר קיינמאל ניט געוואוסט, אז זי קען אזוי גוט די עספעראנטא. די ניי־ערפונדענע שפראך האט פאר איהר אויפגעשיינט ווי א טהייערער אוצר, ווי א שיין־צעטעל, וועלכער גיט איהר די מעגליכקייט און דאס פולע רעכט צווישען די „האי קלעס פיפעל“, מיט וועלכע זי בעגעגענט זיך.

זי איז אוועק פון דעם אפטאמעטריסט מיט א גרויסען גלויבען און רעספעקט צו זיך אליין. די וועלט האט איהר ליעבליך געשיינט, א שעהנע וועלט, יעדערער איז זיך געבילדעט אויף זיין ארט, דער קען ענגליש, יענער „פרענטש“ און זי, מיסעס צילי א. סטרודעלהאלץ קען עספעראנטא, די וועלט שפראך — עספעראנטא...

קאנקורענטען

— זוימען זאלסטו קויפען, אזוי האט דער קאידאנאווער, זכר צדיק לברכה געזאגט צו חיים זלמן־בער׳ס.

געקומען אהיים פונ׳ם רבי׳ן, האט ער זיך פלייסיג גענומען לייהען גמלת חסדים, און פאר יעדען גמלת חסד, וואס ער האט בעקומען, האט ער זוימען געקויפט.

און אז דער שפייכלער איז פול געווארען מיט זיומען, איז טאקע געקומען די ישועה.

זוימען האט געשטיגען. פון איבעראל האט מען פערלאנגט זוימען.

חיים׳ן מיט זיין פולען שפייכלער זוימען האט מען שיעור פארנאנדערגעטראגען. יעדערער האט איהם אנגעבאטען א העכערען פרייז פון דעם צווייטען.

איז זיך חיים דורכגעפאהרען צום רבי׳ן.

— זאלסט נאך ווארטען, האט איהם דער רבי געזאגט.

חיים ווארט. און די זוימען שטייגט און שטייגט. עס האט ארויפגעשטיעגען אזוי הויך, אז צייט חיים איז א סוחר האט ער אזא מקח אויף זוימען נאך ניט געהערט.

צווישען די סוחרים האט מען גענומען ריידען, אז נאך אזא הויכען פרייז וועט מוזען פאלען. חיים וויים אפילו, אז דער רבי איז זיכערער ווי די סוחרים די ניט פערגינער, נאר פון דעסטוועגען טרייסעלט זיך דארט עפעס אן אונרוהיגקייט אין הארצען. און ער טעלעגראפירט צום רבי׳ן.

— פערקויף, ענטפערט דער רבי.

און נעבען חיים׳ס שפייכלער האט זיך אויסגעשטעלט א לאנגע שורה מיט פוהרען, פויערים פאקען די זעקלאך מיט די

תבואה אויף די וועגן. דאס שטעדטעל רעדט, אז חיים זלמן־בער׳ס איז צוריק אויפגעריכט געוואָרען, ער ווערט נתעשר.

נאָך דעם ווי חיים האָט זיך אביסעל ארומגעצאָהלט מיט די חובות, בעקליידט און בעשוכט דאס הויז־געזינדע, איז איהם גע־בליבען במזומן הונדערט און פופציג רובעל.

צוויי בעלנים האָט חיים אויף דעם געלד. טאַקע זעהר־בע־דערפטיגע... אז אלטע מויד און אלטע הויז. פאר איינם פון דיביידע איז דאס אויך ווייניג, נאָר אז אנהויב קען מען מאכען.

און די צוויי אלטע נויט־בעדערפטיגע קאָנקורירען ביי חיים׳ען אין געדאנק.

עס געהט ארום אז אלטע מויד איבער׳ן הויז, ניט קיין פּאר־שוין.

און ער פיהלט ווי דבורה׳ס איינגעפאלענע אומעטיגע אויגען בעטען זיך ביי איהם רחמים.

— זעה, טאטע, ראטעווע מיך פון די לייטישע בייזע אויגען.

— און יעצט איז טאַקע די צייט, מען קען זיך לאָזען ריידען א שידוך. הונדערט און פופציג רובעל לייגט מען איין צו די תנאים, און וועגען דאס איבעריגע וועט שוין ביז דער חתונה גאָט פער־זאָרגען...

ניט אבער פּלוצלינג א גאס א גרויסער רעגען און דער צו־פוילטער שינדעל־דאך לאָזט דורך דאס וואסער אין בוידעם, פון בוידעם אין הויז און די אויסגעבויגענע צוקרימטע ווענד, וועלכע זעהען אוים ניט בעסער ווי דבורה׳ס טאליע, הויבען אן צו וויינען... גאנצע טייכען טרעהרען צורינען זיך מיט די טונקעל־געוואָרענע קאלך פון די ווענד. און די הויז וויינט און בעט זיך, מען זאָל איהר איבערבויען, וואָרים נאָך אביסעל, נאָך אביסעל און זי וועט עס ניט אויסהאלטען; זי וועט איינפאלען אונגעריכט; אפשר אין א מיטען נאכט.

דבורה, די אלטע מויד, דערשרעקט זיך פאר איהר קאָנקור־רענטקע, וואס זי האָט אזוי פיעל טרעהרען צו ריהרען דעם טא־טען׳ס הארץ... און זי צושטעלט טעפּלאך און שיסלען אין די

ווינקלען ביי די ווענד, וואו עס רינט אָם מעהרסטען, ווי זי וואָלט דערמיט וועלען פערהיטען די אַלטקייט פון דער הויז...

נאָר אָט ווערט אַ שטורעם און די געל־גרינע שויבען פון די אויסגעקרימטע פענסטער נעהמען זיך טרייסלען פון שרעק; די גאַנצע הויז קרעכצט... און דבורה פיהלט, אַז די יסורים פון דער הויז שטייגען אַריבער. און עס ווילט זיך איהר דאַן אויסברעכען אין אַ גרויס, ביטער געוויין און זאָל מען זעהן, אַז איהרע יסורים זיינען נאָך גרעסערע און טיעפערע...

נאָך מעהרער תקיף איז די הויז, ווען עס קומט ערב פסח. אַלע קאַלכען אוים זייערע הייזער, עס ווערט ליכטיג — אַ מחיה צו קוקען. נאָר צו חיים זלמן־בער׳ס וויל קיין קאַלבער ניט געהן. די ווענד צעשיטען זיך אין שטויב און זיי ווילען ניט פטור׳ן זייער קאַלך־בערשטלאָך.

און חיים ציהט פאַרנאַנדער אַ ראָגאָזשע אין לעקשלאָך, בינדט זיי אָן צו אַ שטעקען און קאַלכט אַליין די הויז. קאַלכענדיג, פאַלען שטיקער צופוילטע האָלץ פון די ווענד.

— אוי, האָט מען שוין באַדאַרפט איבערבויען די הויז! — זיפצט אָפּ חיים.

און דבורה׳ן רייסט זיך דאָרט עפּעס אָפּ אין האַרצען...

ביינאַכט קען חיים ניט איינשלאָפען. אין די געדיכטע פינסטערניש פון דער נאַכט, דוכט זיך איהם, אַז ביידע שטעהען ביי זיין בעט, די אַלטע הויז פון איין זייט און די אַלטע מויד פון צווייטען.

ביידע ווילען אַריבערשרייען איינער דער אַנדערער. ביידענס טענות זיינען גערעכטע. מעהרער מאָל בלייבט דבורה גערעכט...

און אַז די הויז זעהט, אַז דבורה איז שטאַרקער פון איהר, גיט זי אַ זאָג:

— מיט אַ נייער הויז איז צו אַ שידוך אויך גרינגער.

— ס׳אַ ליגען, טאַטע, גלויב איהר ניט, שרייט איהם נאָך דבורה פון שלאָף, אַ הויז איבערבויען פערשפּעטיגט מען ניט, אָבער אַז אַלטע מויד האָט דאָך אויף זיך לייטישע צינגער... און

חיים'ען חלום'ט זיך, אַז דבורה וויינט, וויינט, זי מאַכט דאַרטען נאָם די קישענס.

און חיים פּאָהרט זיך דורך צום רבי'ן אָרונטערוואַרפען פון זיך די ספקות.

— די טאַכטער זאָלסטו חתונה מאַכען און אויף דער אַל־טער הויז זאָלסטו אַ נייעם דאַך אַרויפשטעלען — אזוי האָט איהם דער רבי געזאָגט. — דו הערסט, זאָגט איהם אַז דער רבי ביי'ם אַוועקגעהן, דו הערסט חיים, אַ שעהנעם דאַך זאָלסטו מאַכען, ווייל די הויז וואָס דו וועסט שפּעטער בויען וועט אויך זיין אַ שעהנע. גאָט וועט העלפען, גאָט וועט העלפען.

אין עטליכע וואָכען אַרום איז שוין נחום דער טשעסלער גע־זעסען איבער חיים זלמן־בער'ס אַלטע הויז און האָט צוגעשלאָגען וויים בלישצענדע שינדלען אויף די ניי צו־שטעלטע קראָקוועס.

אונטען אין הויז איז געזעסען חיים מיט אַ רוהיגען צופריע־דענעם געמיטה און האָט פערבראַכט מיט אַ גאַנצע מחנה שדכנים, וועלכע פלעגען דורך'ן טאָג ביי איהם אויסרויכענען זיינע גאַנצע טאַבאַק.

אַז דער דאַך איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער עדות געזאָגט, אַז אונטער איהם וועט ווען עס איז קומען אַ שעהנע הויז, אַ ברייטע, אַ לאַנגע, מיט אַ שעהנעם גאַניק און אַ גלעזערנע גאַס־טהיר, ווי ביי'ם פּוילישען דאָקטאָר.

נאָר דערווייל שטעהט ער אויף פיער פיס, אונטערגעשפּאַרט מיט פיער הויכע אָפּגעשיילטע ברושעס.

אַרום און אַרום דעם דאַך שלענגלען זיך קיילעכדיגע און שפּי־ציגע זאַמבעס, ווי אַ קרוזשעווע אַרום אַ נייער קלייד. און די קליינע איינגעבויגענע הייזעל, וועלכע קוקט אוים שוואַרץ נעגען די נייקייט פון דעם דאַך, קוקט אַרוים ווי אַ קליין פערמאַרעטע הינדעלע פון אונטער דער גרויסער געלער קוואָקטוכע.

אין אַ שעהנעם אָבענד האָט זיך חיים'ס אַלטע הויז זעהר שעהן פערפּוצט. דעם הייננ־לאָמפּ אויף די פעררוּאָסטעטע קייטען, האָט מען אָנגעצונדען. ווייסע פּאָרהאַנגען האָבען זיך איבער די צו־

קרימטע פענסטער פערשפרייט. די אויסגעוואשענע צובויגענע פאדלאגע האט מען מיט געלען זאמד אויסגעשאטען. מען האט איינגעלייגט א הונדערטער און די אלטע מויד איז א כלה געוואָרען מיט זרח לייב דעם העברעאישען לעהרער, א בחור שוין אויך אין די יאהרען, א הויכער דראנג, דין ווי א שפענדעל מיט א גרויסען ארויסגעסטארטשעטען קנופיק אין מיטען פון זיין לאנגער דינער האלז.

שבת פארנאכט, ווען די ליעבע זומערדיגע זון ווארפט צו איהרע לעצטע רויטע שטראהלען, און חיים געהט פון מנחה, דערזעהט ער ווי זיין נייער ווייסליכער דאך שיינט רויטליך אנטקעגען דער זון. ער שטעלט זיך נעבען פארקאן פון זיין גוי'אישען שכן, וועלכער איז פונקט געגענאיבער זיין הויז. בעטראכט און און קוועלט אן פון דעם שעהנעם גרויסען דאך. אין געדאנק וואקסען ביי איהם אוים פערשיעדענע פלענער ווי צו בויען די נייע הויז.

אז גאט וועט העלפען אין גיכען אויסצובויען די הויז, איז דעם איז חיים כמעט ווי זיכער. דער מופת איז דא פון אויבען אויף. ווארים א הויז ווערט דאך געבויט פון אונטען ארויף, פריהער דער פונדאמענט, נאכדעם די ווענד, נאכדעם ערשט דער דאך. און דער „רבי זאל לעבען" האט איהם גאר געהייסען צו ערשט מאכען א דאך... זעהט מען דאך בעשיינפערליך, אז דא ליעגט א גרויסער רעיון, א טיעפער מופת.

לעוויש, זיין גוי'אישער שכן, נעבען וועמעס פארקאן ער שטעהט, פאהרט אן פון פעלד, מיט א גרויסען וואגען פרישע היי. ביידע שכנים בעגריסען זיך און לעוויש גיט א זאג:

— אליש פאן חיים דאברי סטרעכא זראבי (איהר האט געמאכט א גוטען דאך, פאן חיים).

— אי בודיניק דאברי בודזשע (און די הויז וועט אויך זיין א גוטע) — ענטפערט חיים מיט שמאלץ און זיכערהייט. און זיין הארץ קוועלט און וואקסט פאר פרייד.

יאהרען זיינען פאראיבער. דבורה'ס חתונה וואלט שוין לאנג

פערגעסען געווארען, ווען ניט די חובות וואס חיים צאהלט נאך און קען פון זיי ניט ארויסקריכען.

דער גרויסער דאך שטעהט נאך אלץ אויף זיינע פיער פיס און האלט אונטער זיין בויך, די האלב־צופוילטע הייזעל. די אמאליגע ווייסע שינדלען זיינען שוין גראה געווארען.

און אין די געדיכטע פינסטערניש פון די הערבסט נעכט, ווען רעגען און שטורעם־ווינדען צו׳בעל־היבת׳עווען זיך איבער׳ן שטעדטעל, שלעפט זיך דבורה מיט א גרויסען קאשיק פון׳ם מארק פארביי דעם פאטער׳ס הויז. דער ווינד קעהרט וועלטען, פייפט און שרייט אין די קראקעוועס פון אונטער דעם פוסטען דאך. די האלב איינגעפאלענע הייזעל טרייסעלט זיך און ציטערט פון שרעק. דבורה פערשווינדט פייל פון בויגען אין די פינסטערקייט פון דער רעגענדיגער נאכט. עס דוכט זיך איהר, אז די אלטע הויז, מיט איהרע רחמנות׳דיגע פענסטער־אויגען רופט איהר צו א דין תורה...

און אין דער גאנצער אימה׳דיגער לופט פיהלט זיך דער שרעקליכער גרימצארן פון דעם ריעזיגען דאך, וועלכער ווארט אלץ אויף זיין זיווג און קען איהם ניט קריגען זייט די אלטע מויד האט חתונה געהאט.

ישראל מיט זיינע קינדער

נאך יעצט דערמאנט זיך ישראל, דאס ווען ער איז געווען א חדר אינגעל, האט ער רחמנות געהאט אויף די קריסטליכע אינג־לאך, וואס זיי זיינען ניט קיין אידען: זיי האבען ניט קיין שבת; זיי וועלען ניט קענען אויפשטעהן קיין תחית המתים און וועלען ניט קענען זעהן משיח'ן.

שפעטער, ווען ישראל איז שוין געווען א גרויסער בחור, ער האט געלערענט פאר זיך, אהן א ראש ישיבה, פלעגט ער זיך אויך פערטראכטען ווי גוט עס איז, אז מען איז א איד. ער, ישראל, פלעגט זיך געשמאק אנלערנען מיט א קלוגע בלאט גמרא און א שכל'דיגען תוספות. דורכ'ן פענסטער פון בית המדרש פלעגט ער זעהן דעם אלטען ניקאלקע ווי ער טראגט וואסער, און ישראל פלעגט פיהלען א טיעפען רחמנות צו ניקאלקע'ן, וואס ער איז א גוי; ער קען נעבעך קיין הנאה ניט האבען פון א שכל'דיגער שטיקעל גמרא און האט ניט וואס צו ערווארטען ווען משיח וועט קומען.

אמאל פלעגט זיך ישראל פערטראכטען: וואס וואלט עס גע־ווען, ווען ער, ישראל, וואלט געבארען ווערען ביי קריסטען און וואלט ניט געווען קיין איד. ביי דעם געדאנק פיהלט ער, דאס ער געהט פון זינען ארונטער; ער קאן גארניט טראכטען פון אזא אומגליק. דאן וואלט דאך אלעס געווען פערשפיעלט, אוים איד, איז אוים אלעס.

נאך אזעלכע געדאנקען צויאגט זיך ישראל מיט גרוים התמדה איבער דער גמרא. זיין שטימע ווערט העכער, קלינגענדער און שטארקער, דאס אידישע הארץ שלאגט מיט אזא ליעבשאפט צו דעם בית המדרש און די ספרים און זיינע אויגען ווערען פערלאפען מיט פריידענס טרעהרען, קוקענדיג אויף די עמודים פון ביידע

בלעטער גמרא. דאָס אידישקייט און דער לערנען ווערט ביי איהם דאָן אַזוי טייער, אַזוי געטריי און ליעב, ווי ביי אַ מוטער איהר זויג־קינד, נאָכדעם ווי איהר האָט זיך גע׳חלום׳ט אַז דאָס קינד איז געשטאָרבען און אַט דריקט זי עס צו איהר ברוסט אַ לעבע־דיגע, אַ וואַרימינקע.

ווען ישראל האָט געדאַרפט געהן אין סאָלדאַטען, האָט ער גאָר ניט געזאָרגט, ווייל אַן אמת׳ער איד ווערט ערגעץ ניט פער־פאַלען. ער האָט מיטגענומען די תפילין מיט׳ן סדור און איז אַוועק מיט דעם געדאַנק צו אָפּדיענען די פיער יאָהר געטריי.

אין דער קאַזאַרמע, צווישען די רוסישע סאָלדאַטען, איז ישראל מיט זיין יונגע שפּראָצענדע בערדעל געווען אַ חוזק פאַר אַלעמען, אָבער ער האָט זיך ניט געפּיהלט אָראָפּגעפאַלען ביי זיך, ווייל דער געדאַנק, אַז ער איז אַ איד, האָט אין איהם געגעבען מוטה און שטאָלץ. ער האָט אַלעס פערשוויגען זיינע רוסישע חברים די סאָלדאַטען, ווייל אויף זיי איז דאָך אַ גרויסער רחמנות, זיי זיינען נעבאַך קריסטען. ער, ישראל, איז דאָך צווישען זיי ווי אַ שעפּסעלע צווישען זיבעציג הונגעריג־צודרייטע וועלף. די וועלף קענען איהם גאָר ניט טהאָן, און ס׳איז אַזוי גוט, אַזוי זיס צו זיין די שעפּסעלע און קוקען מיט מיטלייד אויף די זיבעציג הונגעריגע וועלף...

ישראל האָט חתונה געהאַט מיט שלום דעם פּאַכטער׳ס עלט־סטע טאָכטער, חנה.

שלום דער פּאַכטער איז געזעסען אין דאָרף, אַ מייל ווייט פון דער שטעדטעל. די געשעפטען מיט די מילכיגס זיינען גע־גאַנגען גוט און ער האָט אויסגעהאַלטען זיין וואָוילען איידעם ישראל, וועלכער איז געזעסען אין שטעדטעל מיט זיין כשר׳ע אי־דישע צנועה, חנה, זאָל געזונד זיין.

אין אַ מאַרק־טאָג פלעגט ישראל אַרויסגעהן עפּעס האַנדלען. אַמאָל אַ בינטעל חזיר־האָר, אָדער אַ ביסעל פלאַקס. זיין האַנדלען איז געווען סתם פון יוצא ווענען, ווייל אַז עהרליכער איד דאַרף עפּעס טהאָן וועלטליכע זאַכען אויך. אין דער אמת׳ן איז ישראל

געווען שותפות מיט זיין שווער. ישראל איז געווען מיט זיין שווער ווי יעקב אבינו'ס זיהן יששכר מיט זבולון'ען. יששכר האט גע־לערנט תורה און זבולון איז געווען דער ביזנעסמאן; ישראל האט געלערענט א בלאט גמרא און דער שווער האט געבראכט די מיל־כיגס אין שטאדט און געגעבען ישראל'ן א טייל פון די פער־דיענסטען.

אזוי האט ישראל געלעבט ווי אן עהרליכער איד מיט זיין גר־טער פרומער חנה.

און חנה האט איהם געבוירען צוויי אינגלעך; איינער א לייבעלע, א נאמען נאך ישראל'ס טאטען, רב לייב דער דיין, און דעם צווייטען האט מען א נאמען געגעבען חיים'קע, נאך חנה'ס א פע־טער א דארפס־מענש, אבער אן עהרליכער איד געווען.

די יאהרען זיינען געפלאסען רוהיג און שטיל, ווי די טייכעלע לעבען פייווע גרשון נח'ס קוזשנע.

אז עס איז געקומען ראש השנה, האט מען געעהוז בעשיינ־פערלאך, דאס אויף דער גאנצער וועלט איז ראש השנה, פורים איז אויף דער גאנצער וועלט פורים און פסח איז אויף דער גאנ־צער וועלט פסח. די ערד, דער הימעל און אלע לעבעדיגע בעשעפע־נישען האבען אויסגעזעהן יום־טוב'דיג, ווייל דער יום־טוב איז דאך איבער דער גאנצער וועלט. ישראל פלעגט אמאל א טראכט טהאן: ווי וואלט געווען, ווען מען זאל א שטייגער שבועות אדער סוכות מאכען מיט א טאג אדער צוויי פריהער? מען וואלט עס ניט גע־קענט. ווען מען וואלט מאכען יום־טוב אין הויז, וואלט אויף דרוי־סען נאך אלץ געווען אינדערוואכען. אט אזוי האט שוין גאט קלוג איינגעשטעלט די וועלט, דאס דער יום־טוב קומט צו דער ריכטי־גער צייט, און די גאנצע וועלט ווייס, ווייל די גאנצע וועלט זעהט דעם יום־טוב אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, אויף פעלד און וואלד, אויפ'ן ים און יבשה.

ישראל'ס קינדער זיינען שוין מיט מזל אוועק אין חדר; דער עלטערער, לייבעלע, לערנט שוין חומש מיט רש"י, און אויף א שבת נעהמט איהם ישראל אוועק צום שווער אין דארף צו צייגען דעם

זיידעו ווָאס פאַר אַ נייער דור עס וועט אַרויסקומען — אַ כבוד פאַר'ן כלל ישראל.

פּלוצלינג האָט זיך אין ישראל'ס רוהיגע אידישע יאָהרען אַריינגעריסען אַ שטורעם־ווינד. די זיבעציג וועלף האָבען זיך צו־ברומט און די שעפּעלע האָט געמוזט איבעררייסען איהר שטילען זיסען דרעמעל אויף גאָט'ס שעהנער וועלט.

נאַטשאַלסטווא האָט אַרויסגעטריבען שלום דעם פּאַכטער פון דאָרף, ווייל אַ איד טאָר דאָרטען ניט וואָהנען.

שלום מיט זיין גאַנצע הויז־געזינד האָט זיך אַריינגעקליבען אין שטאָדט. ער האָט געפּרואווט עפּעס טהאָן, עפּעס האַנדלען, אָבער אין שטאָדט זיינען דאָ גענוג אָרימע אידען וואָס מוטשען זיך.

שלום דער פּאַכטער איז שוין אַן עלטערער מענש, ער קען דאָך שוין גאָר ניט אויפטהאָן. איז געבליבען, אַז ישראל, וועלכער איז אַ יונגער שטאַרקער מאַן, זאָל פאָהרען קיין אַמעריקאַ.

עס איז געווען אַ גרויסע לויה אין שטעדטעל — מען האָט בעגלייט ישראל'ן צום באַהן; ער איז אַוועקגעפאָהרען צו זיין על־טערען ברודער קיין אַמעריקאַ.

אין אַמעריקאַ האָט זיך ישראל אַרומגעזעהן אַז פאַר אידען איז דאָס גראַדע אַ גוטע לאַנד, דאָ זיינען פאַראַן אַ פולע שוהלען און ווער עס וויל קען דאָ זיין אַן עהרליכער איד. קיינער שטערט דאָ ניט דעם אידען; דער איד איז דאָ פריי פונקט ווי דער קריסט. די נאַטשאַלסטווא בעשטעהט פון אידען, אַזוי גוט ווי פון קריס־טען. פיעלע מאָל, ווען ישראל געהט דורך אָרטשאַרד סטריט אָדער עסעקס סטריט, דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז ניט אַמעריקאַ, נאָר ארץ ישראל. אָט געהען אידען מיט פיינע בערד אין שוהל אַריין; ער זעהט די שילדען מיט די אידישע אותיות; אַ קאַטערינקע שפּיעלט אַ אידישען נגון; אַ פּאָליסמאַן רעדט מיט זיין אַלטער אידישער מאַמען; מען זעהט דאָ ניט קיין קריסט אין די אויגען און ישראל'ן גלויבט זיך ניט אַז דאָס איז אַמעריקאַ, די בעריהמ־

טע טרפה'נע אמעריקא. וועגען איין זאך נאר האט ישראל'ן גע־דריקט אן אומעט אין הארצען: דאס איז וועגען די קינדער. די קינדער וואקסען דא אויף מאדנע ברואים. די קינדער ווייסען דא ניט וועגען די אלע שעהנע אידישע זאכען, וואס מאכען דעם אי־דישען נאמען גרויס און וויכטיג.

אט קוקט ער אויף זיין ברודער'ס קינדער און א שרעק בע־פאלט איהם וועגען זיינע קינדערלאך, לייבעלע און חיים'קע, ווען ער וועט זיי ברייננגען אהער אין אמעריקא.

ישראל'ס ברודער איז אכצעהן יאהר אין אמעריקא; ער איז פערבליבען אן עהרליכער איד, אבער די קינדער? וואס פאר א קינדער האט ער? וואס ווייסען די קינדער פון אידישקייט און פון דער אידישער תורה?

דעם ברודער'ס עלטערער בחור'ל, איזי, א הויך געוויקסיגער געזונדער זעכצעהן יאהריגער בחור, און עס איז אויף זיין פנים גאר נישט קענטיג, אז ער איז א איד. קוים וואס ער רעדט אויס א אידישען ווארט און דער אידישער ווארט קומט ביי איהם ארויס ווי א רוסישער פויער וואלט איבערגעקרימט ווי א איד רעדט. דער זעכצעהן יאהריגער איזי שטעהט גאנצע שטונדען אויפ'ן גאס מיט נאך אזוינע אידישע „גוים" און שפיעלט מיט'ן מויל אויף א הארמאניק, אן אמעריקאנער האפקע. ער קען זיך אפילו ניט צו־זאמענריידען מיט זיין אידישער מאמען ווי געהעריג איז.

און ישראל'ן דריקט אזוי ביים הארצען, ווען ער בעטראכט, אז אט אזא בריאה זאל אויסוואקסען זיין לייבעלע, וועלכער דארף שוין באלד אנפאנגען גמרא, אדער זיין חיים'קע, וועלכער לערענט שוין חומש.

ביי די געדאנקען פלעגט ישראל ארויסנעהמען א בריעף פון פאקעט, וואס ער האט ניט לאנג ערהאלטען פון דער היים. ער לעזט זיין לייבעלע'ס האנדשריפט. אין א לשון־קודש'דיגען געדרוס לאזט לייבעלע וויסען, צו זיין „אבי אהובי", צו זיין פאטער דעם געליעבטען, דאס ער איז אנגעקומען צו אברהם אהרן דעם גמרא

מלמד. און חיים'קע שרייבט אונטער: „ממני הצעיר", פון מיר דער אינגערער, „חיים בן ישראל", חיים דער זוהן פון ישראל גאלד־שטיין.

אט פיהרט דורך א סקוהל־לעהרעריז, א הויכע דארע איי־רישע קריסטיו, א מחנה אידישע סקוהל קינדערלעד. ישראל זעהט, ווי אט דיעזע איירישע קריסטין איז די איינציגע מלמד'יכע פאר די אידישע קינדערלאך, און דאס, דענקט ער, איז דאס ערגסטע אין אמעריקא. ער ווארפט א בליק אויף די גרויסע סקוהל געביידע און איהם דאכט זיך, אז אט דיעזע סקוהל געביידע איז עפעס א מין שמד־הויז. אמת, אין דער סקוהל לערענט מען ניט שבת; דאס איז זעהר א גרויסע זאך; מען איז דא אין סקוהל ניט מחלל שבת. אבער וואס איז די פעולה, אז אט דיעזע שעהנע גרויסע סקוהל וויל איינשלינגען זיין לייבעלען, זיין חיים'קען און ער, דער טאטע ישראל, וועט שוין ניט קענען צוקומען צו זיינע קינדערלאך, צו זיינע צוקונפטיגע אידעלעך, און דאס ערגסטע איז, וואס מען מוז, מען צווינגט דורך דער פאליציי, צו אוועקגעבען די קינדער אויף א גאנצען טאג אין סקוהל און זיי קומען יעדען טאג פון דארטען מיט ווייניגער אידישקייט, ווי ער זעהט עס ביי זיין ברו־דער אין הויז. און וואס פרעהט זיך אזוי זיין ברוטער'ס פרוי, ווען זי פיהרט אוועק א קינד אין סקוהל?... זי ווייס ניט, זי זעהט נעבאך ניט, אז אין דעם טאג, וואס זי האט אוועקגעפיהרט איהר קינד צו דער קריסטליכער רביצין, האט זי זיך אפגעזעגענט אויף אייביג מיט איהר קינד. דאס קנד בעלאנגט שוין אין גאנצען אהין, און וועט קיין מאל ניט טרעפען דעם וועג אויף וועלכען די אידישע ליטווישע מאמע איז געגאנגען. און וואו זיינען דען פאראן שעה־נערע אידישערע וועגען, ווי די שטעזשקעלע פון דער ליטווישער מאמען? אזוי האט ישראל געטראכט, און האט ביי זיך פעסט בעשלאסען, דאס זיין חנה'ן מיט די קינדער וועט ער קיין אמע־ריקא ניט ברייננען. אויב עס וועט ניט זיין קיין אנדער ברירה, און זיי וועלען דארפען קומען אהער, וועט ער עס אפציהען אזוי לאנג, ביז זיינע קינדער וועלען שוין זיין דערוואקסענע און דאס

אידישקייט וועט שוין אין זיי זיין איינגעזאפט, דאס קיין אמעריקאנער סקוהל זאל עס ניט קענען אפמעקען.

חנה האט אבער אנגעהויבען שרייבען טרויעריגע בריעף, דאס זי קען שוין לענגער ניט זיין אין רוסלאנד, ווייל א איד איז דארטען יעצט ניט זיכער מיט'ן לעבען. מען ריכט זיך אלע טאג אויף פאגראמען, עס איז א געפאהר איבערצולעבען א טאג און זי בעט זיך ביי ישראל'ן, ער זאל איהר וואס שנעלער צונעהמען מיט די קינדער קיין אמעריקא.

ווען ישראל האט ארונטערגענומען זיין חנה'ן מיט די קינדערלעך פון שיף, האט ער זיי אוועקגעפיהרט אין טשערי סטריט, אין א דירה אויפ'ן העכסטען שטאק, פון וואנען מען האט געזעהן א שטיינערנע וואנד פון א פעקטארי און א קליין שטיקעלע הימעל אין דער הויך צווישען דער פעקטארי און דער הויז וואו ישראל'ס דירה געפינט זיך.

ישראל האט בעשלאסען אויסצובעהאלטען זיינע קינדער פון סקוהל און צו חנה'ן האט ער געזאגט:

„חנה קרוין, דו ביזט דאך א כשר'ע אידישע טאכטער, פון אן עהרליכען אידען. אונזערע קינדער זיינען דאך ביי אונז ווי די אויגען אין קאפ און דו מוזט אבהיטען אונזער לייבעלע'ן און חיים'קען, זיי זאלען אויסוואקסען אמת'ע אידען. דא אין אמעריקא לויערען אויף די אידישע נשמות פיעלע, פיעלע פאסטקעס, וואו אידישע קינדער ווערען פערכאפט און דערקענען נאכהער ניט זייערע עלטערען. בכן, מיין גוטע חנה, זאלסט היטען די קינדער; האלט זיי לעבען זיך אין הויז א גאנצע טאג, און פארנאכט, ווען איך וועל קומען פון שאפ, וועל איך מיט זיי אליין לערנען תורה, זיי זאלען אויפוואקסען אידען ווי עס בעדארף צו זיין. אט דיעזע הויז אונזערע זאל בלייבען אפגעשיידט פון דער פרעמדער אמעריקאנער גאס און פון די קריסטליכע טיטשערקעס".

חנה האט אפילו ניט אלעס פערשטאנען, אבער זי האט צו אלעס מסכים געווען. און ישראל האט זיך גענומען צו פערהיטען

זיינע צוויי קליינע קינדער פון דער אמעריקאנער גאס, פון דער אמעריקאנער סקוהל און זיין הויז זאל זיין אפגעשיידט ווי כשרות פון טרפות.

גאנצע טעג פלעגען די קענדערלאך אפזיצען אין הויז, אויפ'ן טאפ פלאר אין טשערי סטרים, און ווי פון א געפענגניש פלעגען זיי ארויסקוקען צו דער טויבער וואנד פון דער פעקטארי און צום קליינעם שטיקעל הימעל אין דער הויך. א מאל פלעגען זיי דער־זעהען א פאר אינגעלעך ערגעץ ארומלויפען אויף א דאך; פון אונטען דערטראגען זיך קינדערשע אויסגעשרייען און לייבעלע מיט חיים'קען בענקען דאן נאך דער גאס, נאך זייער היימישען שוהל־הויף.

ווי אן ארעסטאנט פון א טורמע שטעקט ארויס חיים'קע א הענטעלע צו יענע אינגעלעך דארטען צום רוף, און יענע שטעלען איהם ארויס צינגער.

אמאל לאזט חנה ארויס איהרע קינדער אין קארידאר. זיי בעגעגענען זיך מיט די שכנישע קליינע קינדער, וועלכע געהען נאך ניט אין סקוהל און ווי אונבעקאנטע נאוואטנע הענדלעך קוקען זיך אן די גרינע פערשפארטע קינדער מיט די אידישע אמעריקא־נישע געבארענע קינדערלעך. צוויי וועלטעלעך, צוויי בעזונדערע שפראכען און גאנץ פערשיעדענע פנים'לעך.

ישראל זיצט א גאנצען טאג אין שאפ און שטעפט ווייבער־שע קליידלאך. זיין געדאנק און זיין הארץ זיינען דארטען, אין דער היים, ביי די קינדער. ער בעט גאט, אז איהם זאל זיך כאטש איינגעבען, כאטש פינף זעקס יאהר אזוי איינהאלטען די קינדער לעבען זיך און דאן וועט ער קיין מורא ניט האבען פאר אמעריקא און וועט דוקא לאזען זיינע קינדער לערנען זיך ענגליש.

ווען ישראל געהט פון שאפ אהיים און דערזעהט די גרויסע שעהנע געביידע — די סקוהל, ציטערט ער, אז אט דיעזע געביידע וויל איהם איינשלינגען.

ער בעגעגענט א פאליסמאן לעבען זיין הויז און עס רייסט זיך איהם אפ אין הארצען, ווי אמאל אין רוסלאנד, ווען ער איז

געווען אין א פרעמדער שטעדטעל אהן א פאספארט. ישראל'ן דוכט זיך, אז דער פאליסמאן איז מסתמא געשיקט געווארען צו ארעסטירען דעם טאטען, וואס לאזט זיינע קינדער ניט געהן אין סקוהל. אבער דער פאליסמאן קוקט גאר ניט אויף ישראל'ן. ישראל קומט אריין אין הויז און דערוויסט אלעם ווי עס בעדארף צו זיין, אטהעמט ער אפ פרייער און נעהמט ארום לייבעלע'ן מיט חיים'קען. ער דריקט זיי שטארק צו זיך, ווי ער וואלט וועלען מיט זיין כח שטעלען זיך געגען דער גאנצער וועלט, איינצוהאלטען לע־בען זיך זיינע צוויי אידעלעד...

אין אבענד,ביים טונקעלען גאז־ליכט, לערענט ישראל מיט זיינע קינדער תנ"ך.

פון דרויסען דערטראגט זיך א גערויש, א געמישעכטס פון שטימען פון פערשיעדענע שפראכען. אן איטאליענער קריעגט זיך מיט א אידען און גוי'אישע און אידישע קולות פליהען פארביי די פענסטער.

און ישראל קוקט אויף זיינע קליינע אידעלעד, וועלכע זיצען ביי'ם תנ'ך און ער דערמאנט זיך אויף א ביכעל, אין וועלכען ער האט געלעזען וועגען דער שפאנישער אינקוויזיציע.

עס מאהלט זיך איהם אויס, אז ער איז איינער פון יענע שפא־נישע אידען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע. ער, לייבעלע און חיים'קע, זיינען פון די אנוסים, וואס מען נויטה צו ווערען קריס־טען... יענע אידען, די אנוסים, האבען זיך בעהאלטען מיט דער תורה אין די קעלערס און ער, ישראל, מיט זיינע אנוסים'לעך, זיי־נען בעהאלטען אין דער הויך, אין א גרויסער טענעמענט הויז אויף טשערי סטריט. ישראל דארף זיך אויסבעהאלטען מיט זיינע אי־דישע קינדערלעך ווער וויים צו וועט עס איהם געלינגען.

אזוי זיינען אריבער דריי מאנאטען און ביי'ם אנפאנג פון פערטען מאנאט האט ישראל גענומען בעמערקען א מאדנע ענ־דערונג אין זיינע קינדער. ביסלעכווייז זיינען זיי געווארען קאלט צו איהם און צו זיין תורה. איבערהויפט איז דער אינגערער, חיים'קע, גאר געווארען אן אנדער קינד. חיים'קע האט גאר גע־

נומען ריידען ענגליש און פערטייטשען דעם תנ״ך אויף מאָדנע ענגלישע ווערטער.

איין מאָל גיט חיים׳קע אַ זאָג:

— פאָפּ, אי וואָנט טו גאָ טו סקול.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? — פרעגט ישראל ביי חיים׳קען מיט פערדאַכט.

— דזשייקי — ענטפערט חיים׳קע — דזשייקי טאָלד מי, דזשייקי האָט מיר געזאָגט.

— ווער איז דאָס דער דזשייקי?

— דזשייקי פון נעקסט דאָר — ענטפערען ישראל׳ס ביידע אינגעלעך.

דזשייקי פון נעקסט דאָר איז אַ פינף יאָהריגער אינגעלע, וועלכער ווייס אַלעס, ווייל זיינע עלטערע ברידערלעך און שוועסטערלעך געהען אין סקוהל.

יעדען טאָג האָט ישראל בעמערקט ווי זיינע קינדער ווערען קעלטער צו דער תורה און רעדען אַלץ מעהר און מעהר וועגען דזשייקי׳ן.

זיי האָבען גענומען שפּיעלען צווישען זיך אַלע גיימס וואָס דזשייקי האָט זיי אויסגעלערענט; זיי האָבען איבערגעזאָגט אַלע חכמות פון דזשייקי׳ן און דזשייקי איז ביי זיי געוואָרען דער גאַנ־צער פערטרעטער פון דער פרייער וועלט. מיט יעדען טאָג איז דזשייקי געוואָרען אַלץ אַ גרעסערער קאָנקורענט געגען דעם טאַטען ישראל; און ישראל האָט דערפיהלט, ווי דער פינף יאָהריגער נעקסט דאָריגער דזשייקעלע ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און ער נעהמט אַוועק פון איהם זיינע קינדער.

לייבעלע און חיים׳קע האָבען געזונגען אַלע ליעדער וועגען „קריסטמעס איוו", וואָס דזשייקי האָט זיי אויסגעלערענט. צום תנ״ך האָט שוין ישראל געדאַרפט שלעפּען די קינדער מיט גע־וואַלד און אַ גרויסער אַפּגרונד פון שנאה און מורא האָט דער קליי־נער שכן דזשייקי אויסגעגראָבען צווישען דעם טאַטען ישראל מיט זיינע כשר׳ע אידעלעך.

די גוטע אידישע מאמע, חנה, האט קלאהר ניט געקענט פער־שטעהען וואס דא קומט פאר. פאר איהר האבען געקלונגען די ווער־טער פון איהרע קינדער זעהר זיס, צי האט זיי פערשטאנען צי ניט. נאר ישראל האט גענומען איינזינקען אין א מרה שחורה. ער האט דייטליך געזעהן, ווי דער קליינער דזשייקי שלעפט אוועק זיינע קינדערלעך אהין, אין דער גרויסער סקוהל.

ישראל האט דערפיהלט, דאס קיין זאך קען שוין דא ניט העלפען; עס איז פארפאלען; די אמעריקאנער סקוהל, די טי־טשערקעס און דער גאנצער פרעמדער טאראראם וואקסט פון אונ־טער דער ערד ארוים.

ישראל זיצט אין שאפ און אין דעם גערויש פון די מאשינען וואקסט פאר איהם ארוים דזשייקי, דער פינף יאהריגער נעקסט דארינגער דזשייקי.

— וואס טהוט זיך דא? — טענה'ט מיט זיך ישראל — ווער איז דער דזשייקי? פון וואנען האט ער זיך גענומען? ווי פון פון אונטער דער ערד איז ער ארויסגעוואקסען.

פון דער הויכער סקוהל שרייט דאכט זיך חיים'קע:

— „העללאו, פאפ!"

און ישראל מיט זיין חנה'ן פערגעהען אין א טיעפען מורא־דיגען אפגרונד פון פערגעסענהייט.

איהם פלאנטערען זיך אין די געדאנקען פיעלע שעהנע פסוקים פון תנ"ך... ער איז אזוי אנמעכטיג, אזוי שוואך... אלעס פער־געהט, אלעס איז פערפאלען...


בונדיסטען

אריינגעפאלען

אליהו גומעס און יאשקע צירעס זיינען געווען א גאנצען זו־מער אין דער גובערניע, האבען זיי זיך דארט בעקענט מיט דער חברה „ארבייטער“.

קומען זיי אויף ווינטער אין שטעדטעל און גרינדען אויך אן ארגאניזאציע פון „ארבייטער“.

דערהער איך אזעלכע שעהנע זאכען, שטעה איך אויך צו דער ארגאניזאציע.

בעשווערט מען מיך, אז איך זאל זיין „קאנספי“... פער־קוועטש איך מיט די ליפען און בין מסכים, ס'הייסט איך וועל זיין געטריי, און האלטען מויל... אונזער שכן מאיוסקי, וועלכער איז דער „סאטסקי“ אין „סטאן“, וועט אפילו א כפרה איינגעהמען, וועט ער ביי מיר גאר ניט וויסען...

צאהלען מיר יעדערער „וואכער“, צו צעהן קאפיקעס א חודש. באלד ווי עס האט זיך אויפגעקליבען די ערשטע דריי רובעל, האבען מיר אוועקגעשיקט א שליח אין דער גובערניע, ער זאל בריי־נגען „ליטעראטור“...

איך האב מיט גרויס נייגעריגקייט געווארט צו זעהן ווער עס איז דער „ליטעראטור“.

נעבראכט האט מען קליינינקע ביכלאך, איינגעבונדען אין שווארצע, ווייכע טאוולען, און דאס האט מען גערופען „ליטע־ראטור“.

שושקעט מען זיך לאנג, וואו זאל מען עס בעהאלטען, אז קיינער זאל זיך ניט דערוויסען.

זאג איך: אז ביי אונז אין שפייכלער קען מען עס בעהאל־טען, קיינער וועט ניט דערגעהן.

בעשווערט מען מיך, אז איך זאָל זיין „קאָנספּ...“ אז קיינער זאָל ניט וויסען, אפילו די חברים, וועלכע גיבען מיר די ביכלאַך, זאָלען אויך ניט וויסען אויף וועלכען אָרט דאָס וועט ליגען.

— קיינער וועט ביי מר ניט וויסען — גיב איך אַ זאָג, און קוועטש אויף מיינע ליפּען, אַז זיי זאָלען זעהן ווי איך בין „קאָנספּי...“

כאַפּ איך די שוואַרצע ביכלאַך און לויף מיט שמחה אַהיים.

אַ קלייניגקייט! מען געטרויט מיר די „ליטעראַטור“ אַליין!

קום איך אַהיים, שלאָג צו אַ דעקעל צו אַן אַלטע לעדיגע קעס־טעל פון טשוועקעס, לייג אַריין אַהין די ביכלאַך און געה אין שפּייכלער אַריין.

אַ חבר האָט פערשלאָסען פון דרויסען די שפּייכלער טויער.

איך נעהם זיך גראָבען אַ גרוב ערגעץ אין אַ ווינקעל פון שפּייב־לער, דאָרט, וואו אַמאָל איז געשטאַנען אונזער בהמה, איידער מען האָט איהר פערקויפט צו יאָשע דעם קצב.

שטעה איך אַזוי און גראָב און גראָב אַלץ טיעפער, טיעפער.

אַ גרויסע געלע קופּע זאַמד פון איין זייט, די קעסטעל מיט די ביכלאַך פון צווייטען זייט. און שווייס קאַפּעט פון מיין שטערען גלייך אין גרוב אַריין.

מען שליסט דעם שפּייכלער...

בלייב איך שטעהן דערשראָקען...

די מאַמע בעוועיזט זיך... זעהט זי מיר ניט אין דעם טונ־קעלען ווינקעל.

שטעה איך מיט אָפענע אויגען און וואַרט ביז די מאַמע וועט דאָ ענטדעקען מיין געהיימע אַרבייט...

דערזעהט מיר מיין מאַמע און ווערט בלייך ווי קאַלך.

— אוי! — גיט די מאַמע אַ געשריי, דערזעהענדיג די גרוב מיט דער קופּע געלע זאַמד, — אַה, בעריל, וואָס מהוסטו דאָס?

— גאָר ניט — ענטפער איך צושראָקען און איך דערמאָן זיך אויף „קאָנספּי...“

— בעריל, וואָס איז דאָס פאַר אַ גרוב? — וויינט איבער

מיר די מאמע, — בעריל, צו וואס דארפסטו די גרוב? וואס ווילסטו טהאן, וועה איז מיר.

— גאר־ניט, מאמע, גאר ניט, — ענטפער איך געלאסען, און האלט אין זינען דעם „קאנספי"...

— צו וואס האסטו זיך פערשלאסען? — וויינט וויעדער די מאמע — וועה איז מיר, ווער האט דאס דיר פערשלאסען? וואס איז דאס פאר א גרוב?...

איך שווייג.

— בעריל, איך וועל פון דאנען ניט אוועקגעהן. זאג מיר מיין קינד, וואס האסטו געוואלט טהאן? וועה איז מיר, וועה איז מיר!

איך שווייג.

— עפעס אזוי ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, איך זאל געהן אין שפייכלער... אין דרויסען איז טאקע אזא ווינד... עס קעהרט וועלטען...

איך זעה אז די מאמע שרעקט זיך גאר וועגען אן אנדער זאך. קריג איך רחמנות אויף מיין צושראקענער מאמען, אבער דעם „קאנספי" פערגעס איך אויך ניט.

— וואס ביזטו עפעס אזוי צושראקען? — פרעג איך דער מאמען, און שמייכעל. דערשרעקט זיך די מאמע, פאר מיין מאד־נעם צוויי־דייטיגען שמייכעל און זי צו־וויינט זיך וויעדער.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר, וואס איז דאס פאר א גרוב, צי דען אז דער טאטע האט דיר היינט אביסעל אויסגעמוסר'ט, דארף מען שוין איך וויים... זאל גאט אויסהיטען... וועה איז מיר, בעריל, זאג וואס האסטו געוואלט טהאן?

— מאמע — זאג איך איהר — ס'איז גארניט מיט גארניט, כ'האב געוואלט עפעס בעהאלטען.

— וואס האסטו געוואלט בעהאלטען? — פרעגט די מאמע, שוין פרעהליכער.

— דו'סט ניט אויסזאגען דעם טאטען? —

— ניין.

— שווער זיך.
— גלויב מיר אויפ'ן וואָרט — זאָגט ערנסט די מאַמע.
— ניין, שווער זיך ווי דו ביזט אַ אידיש קינד.
— נו, ווי איך בין אַ אידיש קינד.
— אַז וואָס? — פרעג אַך איהר ווייעדער.
— אַז איך וועל ניט אויסזאָגען דעם טאַטען, — גיט מיר די מאַמע נאָך.
— ס'איז גאָרניט, מאַמע... קענסט געהן אין שטוב, איך קום באַלד אריין, וועל איך דיר דאָרטען אויסזאָגען — וויל איך דער־ווייל אַרוים'פטור'ן איהר פון שפייכלער.
— ניין — זאָגט די מאַמע — איך געה ניט אָן דיר.
קען איך דאָך ניט לאָזען די ביכלאָך אַזוי שטעהן. און אין דער מאַמעס רייד פיהלט זיך אַן איינגעשפּאַרטקייט.
— מאַמע, ס'איז גאָר־ניט, איך האָב געוואָלט באַהאַלטען ביכלאָך...
— ס'אַ ליגען — שרייט אויס די מאַמע — ביכלאָך בעהאַלט מען ניט אין אַ גרוב, דו נאַרסט מיך.
— פערשטעהסט, מאַמע, דאָס איז פון די שוואַרצינקע ביכ־לאָך, וואָס מען מוז זיי בעהאַלטען, מען טאָר זיי ניט לעזען... פער־שטעהסטו?
— טפוי, צו מיינע שונאים'ס קעפּ — ווערט פרעהלאַך די מאַמע, — הם, סט'געזעהען אַביסעל ווי מיר האָט זיך דאָס איינ־געריסען אין האַרצען!
זי געהט אַרוים פון שפייכלער פריילידְ און בערוהיגט.
— זאָלסט ניט אויסזאָגען דעם טאַטען! — שריי איך איהר נאָך.
— איך וועל ניט אויסזאָגען — ענטפערט מיר די מאַמע, — נאָר בעסער וואָלט געווען אַז מען זאָל דאָס בעהאַלטען ביי אַנאַנ־דערען אין שפייכלער...
איך בין געבליבען שטעהן ביי דער אויסגעגראָבענער גרוב

און האב בעקלעהרט אז דא טויג שוין נים צו פערגראבען די קעס־טיל מיט די ביכלאך. די מאמע האט זיך שוין דערוואוסט...

מיט גרויס הארץ־וועהטאג האב איך מיטגעטהיילט מיינע חברים, אז די „ליטעראטור" איז שוין פראוואליעוועט (אריינ־געפאלען).

— ווי אזוי? — פרעגען מיך אלע ערשטוינט און צושראקען.

— מיין מאמע האט זיך דערוואוסט — ענטפער איך טרויע־ריג.

אלע זיינען געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט און אלע־מענס ליפען האבען שטיל און צושראקען געשעפצעט:

— פראוואליעוועט, פראוואליעוועט...

מענדעל דער בלעכער

איך האָב זיך מיט איהם בעקענט אין רוסלאַנד, אין אַ בונדיסטי־שען קרייז. ער איז נאָך דאַמאָלס געווען נאָך גאָר אַ יונגער אינ־גל, אַ ערשט אויפגעוואַקסענער בחור, מיטעלער וואוקס, ברייטע שולטערען, פעסטע אייזערנע הענד שווארצע געקרויזטע האָר און ברענענדיגע גרויסע אויגען אין וועלכע עס האָט געגליהט אַ ים פון גבורה און מוטה.

איהם איז שווער געווען צו בענעהמען די אוראַקען (לעסאָנס) פון פאָליטישע עקאָנאָמיע, ער האָט ניט געוואָלט ברעכען זיין מח וועגען די „פראָדוקטען" און „פראָדוקטיוו", וועלכע, לויט זיין שכל, האָבען גאָר ניט געהאַט צו טהאָן מיט'ן קאַמפף. דערפאַר האָט ער אָבער גוט געדיינקט וועגען דעם „פאַל פון באַסטיליען", וועגען די „פאַריזער קאָמונע" און „אַנדרעי קאַזשוכאָוו".

— אַט דאָס זיינען געווען קעמפפער! — פלעגט מענדעל שטענדיג מענה'ן, — וואָס־זשע? פון זיצען ערגעץ אויף אַ ביי־דעם אין יאַטקע גאַס און אַמפּערען זיך וועגען „פראָדוקטען" און „קוואַנטיטעט", וועט ווערען אַ רעוואָלוציע? מען דאַרף קעמפ־פען! באַריקאַדעס דאַרף מען מאַכען. פאַר וואָס הייסט ניט די אָרגאַניזאַציע מאַכען די באַריקאַדעס?

מען האָט איהם פערזיכערט, אַז מען וועט מאַכען באַריקאַ־דעס אויך. נור איצט איז נאָך ניט די צייט. מענדעל פלעגט דער־ווייל לערנען זיך שיסען. גאַנצע טעג פלעגט ער ארומגעהן אויפ'ן אַלטען בית־עולם און צילעווען זיך אין די אַלטע אַפּגעריבענע קברים.

עס איז ניט געווען די וואָך וואָס מענדעל האָט ניט אָפּגעטהאָן אַ שטיקעל אַרבייט. דאָ האָט ער ביי אַ פּאָליציסט דעם רעוואָל־ווער אַרויסגעריסען און געגעבען איהם במתנה אַ פּאָר אויסגע־

האקטע ציינער; דארט האט ער געכאפט אן אויפזעהער פון טור־מע און האט איהם אויסגעדרעהט א האנד און נאך פערשיעדענע סקאנדאלען, וועלכע זיינען כלל נים נויטיג געווען.

די ארגאניזאציע האט איהם וויפיעל מאל געגעבען צו פער־שטעהן, אז זיין בענעהמען זיך קען זעהר שאדען, ווייל זי, די אר־גאניזאציע, צו וועלכער ער, מענדעל, בעלאנגט, איז א סאציאל־דעמאקראטישע און זי איז לחלוטין געגען טעראר.

מענדעל האט עס אבער גאר ניט געקענט פערשטעהן. וואס הייסט? די ארגאניזאציע אליין לאזט גאר ניט קעמפפען! ווי קען דאס גאר א סאציאליסט דורכגעהן פארביי א פאליציאנט און גאר ניט טהאן? אוועק גלאט אין דער וועלט אריין. אויב אזוי, טא ווי וועט זיין די רעוואלוציע? ווען מען זאל איהם, מענדעל'ן, לאזען, וואלט ער זיך אפגערעכענט ניט נור מיט דער פאליציי און די בעלי הבתים, נור אט מיט די בחורים און מיידלאך, וועלכע שטעהען ניט צו צו דער ארגאניזאציע, און זיי ליגט גאר אין קאפ טאנצען און הוליען. ער וואלט זיי איינציגווייז דערשטיקט. מענ־דעל פיהלט אז זיי, די צוהוליעטע בחורים און מיידלאך, האלטען אפ די רעוואלוציע. אמאל האט עס טאקע א רעדנער געזאגט...

— אדער אהער, אדער אהין, — אזוי פלעגט מענדעל טענה'ן אדער שטעהט צו צו דער ארגאניזאציע, א ניט אין דער ערד אריין!

ווער ווייסט וואס מענדעל וואלט אפגעטהאן, ווען די אר־גאניזאציע וואלט איהם ניט אנגעזאגט פראסטע דבורים: אז ער זאל איינהאלטען זיינע הענד, א ניט וועט איהם אויסשליסען פון דער בעוועגונג. דערפאר האט מענדעל מורא געהאט, ווייל די אר־גאניזאציע איז איהם געווען טייערער ווי דאס לעבען.

אז עס איז געקומען די טעג פון פאגראמען און זעלבסט־שוץ, האט מענדעל אפגעלעבט. די ארגאניזאציע האט אפגעקליבען פיע־לע אזעלכע מענדעלס און האט פון זיי געמאכט „א באיעוואי זטריאד“. מענדעל האט דערפיהלט אז יעצט קומט זיין צייט, די ארגאניזאציע האט אליין איינגעזעהן, אז מיט „פאליטישע

עקאנאמיע" ערגעץ אויף א בוידעם אין יאטקע־גאס, ווען מען קיין רעוואלוציע ניט האבען.

אין דעם „באיעוואי אטריאד", וואו יעדערער האט געהאט זיינע כלי־זיין, ווער א גומענע נאגאיקע, ווער א רעוואלווער, א ביקס א שפיעז, א קינזשאל מיט א לעדערנע שייד — דארטען האט זיך מענדעל געפיהלט ווי אין א אייגענער היים. ער האט זיך נעהארכזאם צוגעהערט צו יעדען ווארט פון דעם נאטשאלניק און דאך האט ער זיך אליין געפיהלט ווי א פעלד־מארשאל.

— ניעדער מיט דער זעלבסט־הערשונג! — פלעגט מענדעל אויסשרייען און העלדיש ארויסציהען א בלאנקענדען זעקס זא־ריאדנעם רעוואלווער פון איין קעשענע און א קינזשאל מיט א גו־מענע נאגאיקע פון דער אנדער קעשענע. זיינע אויגען האבען דערביי געגלאנצט, געברענט מיט פייערדיגע גבורה און גרויסע האפנונגען.

פון דעסטוועגען האט מענדעל ניט געווארט ביז דער „באיע־וואי אטריאד" וועט מהעטיג און האט דערווייל געהאלטען זיין אויג איבער'ן שטאדט, ניט צו פערזעהן זיינע אן אייגענע שטיקעל ארבייט... יעצט איז ער געווען זיכער, אז די ארגאניזא־ציע וועט איהם ניט פארוועהרען, ער איז דאך עפעס אין דער ער־שטער רייהע פון'ם „באיעוואי אטריאד".

* * *

עס איז געווען דער ערשטער טאג שבועות, א שעהנער זו־מערדיגער טאג. די ארגאניזאציע האט פעררופען א פערזאמלונג אין וואלד פון אלע שניידערקעס. פארנאכט, די פערזאמלונג האט זיך געהאלטען ביים ענדיגען. פלוצלינג קומען אן א מחנה ריי־טענדע פאליציי מיט א פריסטאוו בראש. מען האט אלעמען ארעס־טירט, ארויסגעפיהרט פון וואלד און געשלאגען די חבר'טעס מכת רצח.

די נייעס האט זיך שנעל פערשפרייט איבער'ן שטאדט. מענדעל האט עס דערהערט, האט אין איהם גענומען קאכען דאס

בלום. ער איז געלאפען צום וואלד, ער האט שוין קיינעם דאר־מען ניט געטראפען.

זיין צארן האט געברענט. נקמה, נקמה מוז ער נעהמען, א ניט וועט ער עס ניט אויסהאלטען. סטייטש, מען האט געשלאגען זיינע חברים, אזעלכע איידעלע מיידלאך, די שניידערקעס, איהם טהוט אזוי וועה דאס הארץ!

דעם זעלבען אבענד איז געפונען געווארען אין א זייטיגער גאס, יענער פריסטאוו אז אפגעגאנגענער מיט אלים און מיט א צולעכערטען קאפ.

דורך דער נאכט זיינען פיעלע ארעסטען געמאכט געווארען. צווישען די ארעסטירטע איז אויך געווען מענדעל דער בלעכער. מעהר האט מען מענדלען ניט געזעהן.

* * *

איינמאל געה איך אזוי איבער די ניו יארקער גאסען און בעגעגען צוויי פלאמבערס אין געלע הארטע אווערא־לס און זיי האלטען צו שטיקער אייזערנע טרויבען אין די הענד. איינער איז מיר אזוי בעקאנט און איך קען זיך ניט דערמאנען וואו איך האב איהם געזעהן. מיר געהען דורך איינע פארביי די אנדערע און קו־קען זיך איבער; ווען איך האב זיך אהינטער אפגעקעהרט איינ־צוקוקען זיך אין דעם בעקאנטען פלאמבער, האב איך איהם אויך געטראפען אומגעקעהרט צו מיר. מיר זיינען צוגעגאנגען איינע צו די אנדערע, מיר האבען זיך דערקענט. דאס איז געווען מענ־דעל דער בלעכער.

און מענדעל האט מיר דערצעהלט, אז ער האט געהאט אויף זיך זעהר א שווערע קלאגע. ער האט זיך געריכט אויף דער „שטריקעל"... נאר ווען עס איז ארוים דער מאניפעסט וועגען קאנסטיטוציע, האט מען אין גרויס טומעל, דורך א טעות פון דער טורמע אדמיניסטראציע, איהם אויך ארויסגעלאזען. אבי־סעל שפעטער האט מען איהם געוואלט צוריק זוכען, נאר ער איז אנטלאפען.

— ווי פיהלסטו זיך יעצט אין אמעריקא? — פרעג איך מענדלען.

— אי, שלעכט, גוטער ברודער! — ענטפערט מענדעל טרויעריג, — איך וואלט וועלען צוריק אנטלויפען, דא איז גאר קיין ארגאניזאציע ניטא.

און אין זיינע גרויסע שווארצע אויגען האט געפעהלט דער אמאליגער פייער; א טיעפע בענקעניש האט פון דארט ארויסגעקוקט.

— סייטשט מענדעל, — וויל איך איהם אויפמונטערען, — דא אין אמעריקא איז דאך די ריכטיגע בעוועגונג, פריי צו ריידען, פריי צו פערזאמלען זיך ניטא דא די זעלבסט־הערשונג.

— וואס פריי, ווען שמיי, — ענטפערט מענדעל מיט יאוש, — דארטען אין רוסלאנד זיינען געווען „יאטען"! פערשטעהסט? „יאטען"! און דא וואס? גאר נים, א פאליסמאן איז דא קיין פאליסמאן נים און א „יאט" איז דא קיין „יאט" נים, דער פאליסמאן טראגט א קאפעליוש און פרעגט אפילו קיין פאספארט נים, און די בונדיסטען טראגען דא ווייכע קראגענס מיט שניפסען און לעהרנען אפילו נים קיין „פאליטישע עקאנאמיע" אויך זאך האבען זיי דא אין זינען: טיקעטס, אבער טיקעטס, ווידער טיקעטס, דאס איז זייער גאנצע בעוועגונג, שלעכט גוטער ברודער, ווי אנטלויפט מען פון דאנען?

איך האב זיך מיט איהם געזעגענט און בין אוועק מיט א גרויס מיטגעפיהל צו מענדלען. עס האט מיר באנג געטהאן וואס אמעריקא לעשט אויס אזעלכע פלאם־פייערדיגע אויגען און פערזאמערט אזא שטארק שלאגענדע הארץ ווי מענדעל'ס...

* * *

דא נים לאנג, געהענדיג אין גאס, האט מען מיר געגעבען א „הענד־ביל": א גרויסע פארשטעלונג פון דעם בעוואוסטען „אטלעטיק קלאב" ווערט געגעבען אין דעם גרעסטען זאאל פון שטאדט. דער בעריהמטער „טשעמפיאן־אטלעט" מאקס רודערמאן וועט מיט

זיינע צייהנער צוברעכען די גרעסטע אייזערנע טשוועקעס. אין מיטען פון דעם „הענד־ביל" איז געווען א בילד פון דעם „משעמ־פיאן־אטלעט" מאקס רודערמאן. איך האב זיך גוט צוגעקוקט צו דעם הוילען מענשען מיט די שטארקע ברייטע שולטערען. איך האב דערקענט — מענדעל דעם בלעכער...

און דאכט זיך, אז אין זיינע אויגען האט זיך געזעהן זיין אמאליגער פייער, זיין אמאליגע גבורה.

דער גענעראַל־סטרייק

אין יענע יאָהרען איז עס געווען, ווען איך בין געווען אין דער — ווילנא און האָב מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד, געהאַלטען אַ דרשה פאַר בעבערבעלדעטע און גע׳טלית׳טע אידען, שבת צו שחרית. איך האָב זיי געוואָלט מיט ווערטער און „ברויניננס" איבערצייגען, אַז זיי דאַרפען ניט זאָגען אין דאַווענען דעם „הנותן־תשועה". וואָס די צושראָקענע אידלאַך פון „שאבי־מים" שוהל, האָבען געטראַכט איבער מיר און מיין „פיסטאָלעט", ווייס איך ניט... נאָר אין מיין געבורטס־שטעדטעל איז מיין נאָמען געוואַקסען. טייל האָבען געזאָגט, אַז ווען די „בונדיסטען" וועלען אויספיהרען, וועל איך זיין געוויס אַ גענעראַל. טהייל האָבען זיך משער געווען, אַז איך וועל מיט מיין אייגענעם טויט ניט שטאַרבען.

יעדע וואָך, ווען די „קאָמישאַנערען" פלעגען ברענגען פון דער — ווילנא אין שטעדטעל אַריין די סחורה פאַר די קרעמער, האָבען זיי שוין אויך געבראַכט די לעצטע נאַכריכטען פון די בונטען און דעמאָנסטראַציעס אין דער גובערניע.

טוביה דער „קאָמישאַנער" האָט געהאַט זיין „שטאָדט" נעבען דעם טאַטענ׳ס „שטאָדט" אינ׳ם אַלטען בית המדרש. בעת „קריאת־התורה" האָט טוביה דערצעהלט מיין טאַטען פון מיינע „שבחים", וועלכע ער הערט זיך אַן אויף דער אכסניה.

נאָר ניט דאָס איז דער עיקר, ווייל וואָס געהט מיר אַן, וואָס „מעלקאָ־סאָבסטווענִיקעס" טראַכטען וועגען מיר? דער עיקר איז וואָס מיין נאָמען האָט געווירקט ווי אַ צויבער אויף דעם „פּראָלעטאַריאַט", און זיי האָבען אויף מיין רעכענונג געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם „פּראָלעטאַריאַט" אין איוויע און אומגעגנד. דער „פּראָלעטאַריאַט" פון דער שטעדטעל איוויע און אומ־

גענגענד איז בעשטאנען פון צוויי טעפער (איינער א שטומער), דריי לעהן בחורים סטאליארעס, פיער שניידערס (איינער אהן א פוס), צוויי שוסטער טשעליאדניקעס און צירל די זאקען־מאכערין. ווייטער איז די שטעדטעל בעשטאנען פון קליינע „בורזשועס", און מען האט זיי ניט געקענט ארגאניזירען, ווייל עס וואלט געוועזן געגען די גרונד פרינציפען און געגען די אינטערעסען פון די „אר־בייטער מאסען" פון איוויע און אומגעגענד...

אז די ארגאניזאציע האט זיך ריכטיג בעפעסטיגט, מיט א סטעמפעל און צוויי גומענע נאגאיקעס, האט מען אנגעהויבען טראכטען וועגען אן אפענעם קאמפף מיט די „קאפיטאליסטען", צו פערבעסערען די לאגע פון דעם „פראלעטאריאט" אין איוויע.

דורך א געהיימען שליח האט מען מיר „ארויסגעטרעבעוועט" פון ווילנא אהין אויפ'ן קאמפפס־פלאץ. איך האב צוזאמען גע־רופען דעם קאמיטעט, ארגאניזירט א „באיעוואי אטריאד" און פראקלאמירט א גענעראל סטרייק פון אלע פאכען. די פאדערונ־גען זיינען געווען ניט קיין ערגערע ווי אין אלע גרויסע לייטישע שטעדט. עס זיינען געבליבען שטעהן אלע רעדער שטיל. אפילו „קאנפעקטשיק" דער גוי, וועלכער האט געטראגען וואסער פאר יאשע דעם וואסער־טרעגער, ווייל יאשע איז דאן געלעגען אין א טיפוס, איז איהם, קאנפעקטשיק'ען, האבען מיר אויך געמאכט צו סטרייקען מיט זיין עקספלאטאטאר. אויף יאשע'ן האט די אי־וויער ארגאניזאציע שוין לאנג געווארפען אן אויג. ער איז א גע־פעהרליכער עקספלאטאטאר, אט דער יאשע. אויסער זיינע פיעלע וואסער־זאוואדען אין אלע טהיילען פון שטעדטיל, אין דעם גע־שטאלט פון טיעפע ברונעמס, האט ער אויך א מאנאפאל אלס קברן. און מאכט זיך א מת אין שטעדטעל, פראצעווען פאר איהם צוויי פוילישע גוים ביים גראבען דעם קבר, פשוט פאר הונגער־לוין...

הכלל, די שטעדטעל איז געגאנגען כאדראם. דער „באיע־וואי אטריאד" האט געארבייט טהעטיג מיט פיעל ענערגיע, און משה דער גלעזער האט געהאלטען אין איין שטעלען שויבען...

און געזיעגט, מיינט איהר האַט ווער? די בעלי־בתים, זאָגט איהר? אַה, אַ שעהנע זאַך וואָלט געווען, אַ מכה די קאַפּיטאַליס־טען, געזיעגט האָבען מיר, מיר די אַרבייטער־מאַסע פון איוויע און אומגעגענד. די בורזשועס די טיראַנען האָבען געציטערט און נאָכגעגעבען אַלע אונזערע פאָדערונגען.

געוואונען דעם קאַמפּף, גרייט איך זיך שוין צו פאָהרען צו־ריק אין דער — ווילנא, מיט אַ בעריכט איבער אונזער זיעג, דער־געהט זיך גאָר, אַז מיר האָבען פערזעהן אַ גאַנצע אינדוסטריע, ביי וועלכע מען האָט לחלוטין ניט געסטרייקט, און נאָך וואו? גראָדע ביי אַ אינטעליגענטער פּראָפעסיע, ביי די זייגער מאַכער.

יודעל־מאיר דער זייגער מאַכער, וועלכער האָט דעם גאַנצען לעבען אַליין געמאַכט די זייגערס, אַריינגעשטעלט די רעדלאַך, אַריינגעדרעהט די שרייפלאַך, אַלץ אַליין, איז זיך מישב מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק און נעהמט אַריין אַ לעהרן־בחור צו זייגער־מאַכעריי. וואָס טענה׳ט ער — ס׳איז איהם קאַליע די ראיה אויף דער עלטער וויל ער אויסלערנען איציקען דעם שמש בחור׳ל די מלאכה, און עס וועט איהם זיין אַ הילף אויף דער עלטער.

אַזוי? אַז מיר האָבען דערהערט, אַז איציקע ווערט עקספּלאָ־טירט פאַר צוויי גילדען אַ וואָך, גלאַט אַזוי זיך, אהן אַ סטרייק? האָבען מיר אויפגערופען דעם קאָמיטעט (דער קאָמיטעט איז בע־שטאַנען פון דעם הינקענדיגען שניידער, דעם ריידעווודיגען טע־פּער און צירל די זאָקען־מאַכערין). און דער קאָמיטעט האָט גע־אָרדערט אַ גענעראַל סטרייק, דאָס הייסט אַז אַלגעמיינער סטרייק פון דער זייגערמאַכער־אינדוסטריע, און דאָ האָבען מיר געהאַט אַ שווערען קאַמפּף. יודעל־מאיר, דאַרפט איהר וויסען, איז אַ פער־ביסענער בורזשוא, זיין ווייב גנעשע, האַלט אַ שניט־קראַם און איז בעקענט מיט׳ן פּריסטאַוו. נו נו, האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון „פּאָליציייאישע ווילקיר״... דער פּריסטאַוו האָט דערהערט פון דער „וסיע אבשצאיא זאבאסטאווקא״ ביי די „צשאַסאָוויך דיעל מאַסטערים״, האָט ער זיך געוואַלדיג דערשראָקען, און האָט אַרויסגע־

רופען א מחנה סטראַזשניקעס פון דער גובערניע אין שטעדטעל אריין.

דעם הינקענדיגען קאַמיטעטניק האַט מען ארעסטירט און איך בין שנעל אבגעפאהרען אין ווילנא, ווייל דערהויפט האַט דער פריסטאוו מיך געזוכט צו ארעסטירען.

דער קאַמפף פון איצקע דעם שמש'ס מיט יודעל־מאיר דעם זייגער־מאַכער איז פאַרטגעזעצט געוואָרען מיט גרוים־העלדענ־מוטה. דורך געהיימע בריעף האָב איך זיי פון דער־ווילנא די נויטיגע עצות געגעבען ווי צו בענעהמען זיך אין שטרייט מיט דער איוויער „בורזשואזיע.

אין עטליכע וואָכען ארום קומט א שליח פון דער שטעדטעל צו מיר אין דער גובערניע אריין, און זיין פנים זעה איך איז פער־אומערט.

— זאָג שוין, זאָג שוין גיכער וואָס אָזינס איז געשעהן!

— דער סטרייק, דער סטרייק, — רעדט דער שליח טרויעריג, — דער סטרייק פון די זייגער־מאַכער איז פערלוירען.

— ווי אזוי האָט עס געקענט געשעהן? — פרעג איך פער־ביטערט.

— ניט פון אונזער זייט; ניט מיר זיינען שולדיג, — פער־ענטפערט זיך דער חבר מיט א פרומע מינע.

— ווי אזוי, ווי אזוי, דערצעהל שוין, — וויל איך שוין הע־רען אונזער נידערלאַגע.

— עס האָט אנדערש ניט געקענט זיין, — ערקלעהרט דער חבר, — יודעל־מאיר איז א איד פון איבער אכציג יאָהר, נו, ווי פיעל לעבט דאָס א מענש? כאָמש א בורזשוי, פון דעסטוועגען איז ער געשטאָרבען אין מיטען דערינען נו, טאַ מיט וועמען זאָל מען פיהרען א קאַמפף? האָט אונזער קאַמיטעט גענומען אויף זיך די אחריות און ערקלעהרט דעם סטרייק צו ענדע. ס'הייסט פערלאָ־רען. און איצקע'ן האָבען מיר „ראַזרעשעט“ צו געהן ערגעץ אנ־דערש ארבייטען. נאָר אזוי ווי ביי אונז אין איוויע איז מעהר נימאַ קיין „זייגער־מאַסטערסקאַיעס“ אויסער יודעל־מאיר, עליו

השלום, איז איצקע אוועק לעהרנען זיך פאר א סופר. סופרים זיינען דא צוויי...

איך האב צוגעגעבען, אז אונטער די דאזיגע אומשטענדען האבען זיי ריכטיג געהאנדעלט און איך האב בעריכטעט דער גרויסער ארגאניזאציע, אז צוליעב אן אומגליקליכען ציפאל פון דעם טויט פון יודעל־מאיר דעם זייגער־מאכער, איז דער אלגעמיינער סטרייק פון דער זייגער־מאכעריי אינדוסטריע אין איוויע, פערלארען געגאנגען.

די ראַדיקאַלען

בעקענט האָבען זיי זיך אויף אַ זעהר אינטערעסאַנטען אופן.

ער איז געווען אַ „בונדיסט", און זי — אַ „איסקראַוויצע". צופעליג האָבען דיביידע אָרגאַניזאַציאָנען אָראַנזשירט פערזאַמלונגען אויף אַ זומערדיגען פרייטאָג צו־נאַכט אין אַ וואַלד.

די פערזאַמלונגען האָבען זיך געצויגען דורך דער גאַנצער וואַרעמער נאַכט, ביז אין גרויסען טאָג אַריין. ווען פון די נאָהענטע דערפער האָט זיך דערהערט דאָס פייפען פון די פאַסטוכער און צושראָקענע בהמות און שעפּסען האָבען גענומען צו־שטעהן צו די פערזאַמעלטע, האָט דער לעצטער רעדנער זיין „וואָרט" געענדיגט. דער גאַנצער עולם מיט פערשלאָפענע און טויה בעדעקטע פּנים׳ער האָט זיך צושאָטען איבער׳ן וואַלד און איינציגווייז זיך גענומען קלייבען אין שטאָדט.

געהענדיג אין דעם געדיכטען וואַלד, האָט זי זיך עפּעס צו־טומעלט און ניט געוואוסט וועלכער זייט פיהרט אין שטאָדט. וואָס ווייטער זי איז געגאַנגען, אַלץ מעהרער האָט זי זיך צו־פלאָנטערט צווישען די ביימער, ביז זי איז אַריינגעקראָכען אין אַ טיעפען זומפּ. ס׳האָט שוין געהאַלטען, זי זאָל איהרע זומער־שיכ־לעך דאָרטען לאָזען.

דאָ האָט ער זיך בעוויזען.

געקענט האָבען זיי זיך ניט, נאָר אויף דער „בירזשע" פלעגט זי איהם זעהן צווישען די „בונדיסטען" און ער זי — צווישען די „איסקראַוויצעס".

ער איז איהר געקומען צו הילף און זעהר העלדיש האָט ער איהר פון זומפּ אַרויסגעשלעפּט.

ווען ער איז פלינק אַריינגעשפּרונגען אין זומפּ און האָט מיט

זיינע שטאַרקע הענד אַנגענומען איהר ווייך־צאַרטען, יונגען קער־פּער, האָבען זיי זיך מאַרנע געהיימניספול איבערגעשמייכעלט... און דער עלעקטרישער שטילער ציטער, וועלכער האָט אין זיי ביי־דען דורכגעבליצט, האָט אין גאַנצען פערטריבען די פּאַרטייליכ־קייט פון „בונד" און „איסקראַ"...

פון דאַן אַן בעטראַכטען זיי זיך פאַר אַלטע בעקאַנטע. ווען לייט האָבען גענומען ריידען וועגען זיי אַלס חתן־כלה, האָבען זיי זיך אַפּגעשעהמט און האָבען זיך ערקלעהרט אין ליעבע.

ווען בעקאַנטע פלעגען איהם פרעגען אין שאַפּ: ווי קומט עס, אַז אַ „בונדיסט" מיט אַן „איסקראַווקע" זאָלען זיך פערליעבען?

—פון אַ בלאַטע, מיינע העררען! — פלעגט ער ענטפערען מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל. — אונזער ליעבע האָט זיך גע־נומען פון אַ בלאַטע, דערפאַר איז זי אַזוי היים און זויבער.

אין גיכען איז זי געוואָרען אַן איבערציינגטע בונדיסטין און די ליעבע איז נאָך פייערדיגער געוואָרען.

אַפּגעערדט האָבען זיי, אַז ווען מען וועט אימיצען פון זיי ביידען אַרעסטירען און שיקען אין סיביר, זאָל דער אַנדערער אויך פרייוויליג מיטגעהן.

דערביי האָבען זיי זיך פאַרגעשטעלט, ווי זיי וואַנדערען ביי־דע דורך די וויסטע „טונדרעס" פון סיביר. שטיל איז דאָרטען אין דער לאַנגער קאַלטער נאַכט, עס בעגלייטען זיי בלויז זייערע שאָטענס, וועלכע פאַלען ביי דעם גרינליכען שיין פון דער לבנה.

און אפשר וועט אַ קינד דאָרט געבאָרען ווערען? זי וועט די עופה'לע האַלטען איינגעוויקעלט און צוגעטוליעט צו איהר ברוסט, זי וועט געהן אַביסעל איינגעבויגען צו דאָס קינד און ער וועט איהר פיהרען אונטער'ן אַרעם, זי זאָל ניט פאַלען איבער די חרר־דעם פון די סיבירער פערפראָרענע בלאָטעס.

און דאָס מיאוס'ע קאַלטע סיביר מיט זייער שעהנעם אי־דעאַל, האָבען זיך פאַר זייערע אויגען אויסגעפּלאַכטען אין אַ שעהנע גאָלדענע ראָם, אין וועלכער עס איז איינגעפּאַסט זייער ליעבע...

אַרעסטירט האָט מען זיי ביידען ניט. נאָר דאָס שטענדיגע שרעק, אַז אָט קענען זיי פּלוצלינג אַפּגעריסען ווערען איינע פון די אַנדערע, האָט זיי זעהר נערוועז געמאַכט, און זיי האָבען בע־שלאָסען ערגעץ אַוועקצופאָהרען, וואו זיי זאָלען קענען געהערען איינע די אַנדערע אָהן שרעק.

געטרוימט האָבען זיי צו פאָהרען אין פּאַריז אָדער אין דער שווייץ, נאָר געקומען זיינען זיי אין אַמעריקאַ.

אָפּגעוועזען אַניסעל צייט אין אַמעריקאַ, האָט ער זיך אַרום־געזעהען, אַז פון זיינע פריהערדיגע אידעאַלען איז איהם בלויז פערבליבען זיין טייערע שעהנע סאָניע, דאָס גלייכען איהר איז בלויז פערבליבען דער גוטער ליעבער מאיר.

זיי האָבען ערשט דערפיהלט, אַז אין דעם גרויסען טיעפען ים, איבער וועלכער זיי זיינען געפאָהרען, זיינען דערטרונקען גע־וואָרען זייערע געפליגעלטע חלומות, וועלכע האָבען זייער ליעבע בעציערט.

צו נידעריג קריכען זיי אום אויף דער „ערד". עס פעהלט די „גאָלדענע ראָם", אָהן וועלכער די ליעבע איז ווי אַן ארויסגעפליקטע בילד, וואָס ווערט אַלץ ביליגער און ביליגער, ביז מען גיט עס צו קליינע קינדער אַלס שפּיעלצייג. און ווען מען הויבט דאָס אַמאָל אויף פון דער ערד, איז שוין דאָס בילד מיט אַרומגעריסענע ברע־גען, צופּאַרקעטע אויגען, צוצייכענט טיעף מיט בליי פעדער.

און זיי האָבען זיך זעהר געשראָקען פאַר דער וואָכעדיגער כוואַליע, וועלכע לויערט אויף זייער בעגייסטערטע ליעבע.

אָבער אַז מאיר האָט געקראָגען אַ גוטע שטעלע, און סאָניע האָט מעהר ניט געדאַרפט געהן אין שאַפּ, זיינען זיי גוט־פריינד געוואָרען מיט די אַמעריקאַנער וואָכעדיגקייט.

און אַזוי ווי אידעאַלען ווערען ניט בעשאַפען צו אָרדער, האָבען זיי זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זייער אַרט לעבען וועלען זיי איינאָרדענען און פיהרען, לויט אַלע געבאָטען פון „ראַדיקאַ־ליזמוס". זיי האָבען אויף דעם, כמעט ווי אַ פרומען נדר געטהאָן.

איידער זיי האָבען חתונה געהאַט, איז בכלל ניט געווען ביי וואָס אַרויסצואווייזען זייער טרייהייט צום פרייען געדאַנק.

געוואוינט האָבען זיי ביי אַ לאַנדספרוי, גראָדע אַ פרומע, די הויז האָט זיך געפיהרט ווי די בעל־הבית'טע האָט פערשטאַנען און זיי האָבען ניט ווילענדיג געמוזט נאָכטאָנצען; אַ ברירה האָט מען?

נאָר אַז עס איז געקומען די צייט, ווען זיי האָבען בעשלאָסען חתונה צו האָבען, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען זייער וועלט.

דאַ וועלען זיי ערשט בעווייזען דער פאַנאַטישער וועלט, ווי מאָדערנע מענשען דאַרפען זיך אויפפיהרען.

מען האָט געדונגען אַ דירה, אַריינגעבראַכט מעבעל, איינגע־קויפט אַלע פערשיעדענע מטלטלים, וואָס אַ הויז דאַרף האָבען. געשיקט איינלאַדונגען צו אייניגע גוטע פריינד, אַז אין דער און דער צייט זאָלען זיי קומען. מען וועט פערברייינגען פריילעך אַ אָבענד, און דאָס וועט הייסען, אַז סאָניע און מאיר האָבען חתונה געהאַט.

האָט אָבער מאיר אַ עלטערע שוועסטער אין אַמעריקאַ, — אַ פרומע גאָט'ס־פאַרכטיגע אידענע. מאיר'קע איז ביי איהר די אויג אין קאָפּ. און זי וויל ניט דערלאָזען אַזאַ סקאַנדאַל! אָהן חופה און אָהן קדושין, גאָר ווי ביי גוים!

מאיר האָט ליעב זיין שוועסטער. איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט, אַז זיין שוועסטער, דאָס איינציגע פערמעגענס זיינע, דאָ אין אַמעריקאַ, פון זייער גאַנצער הויז געזינד, זאָל איהם ווע־רען אַ שונא, און עס זאָל זיך פאַרציהען אַ ברוגז אויפ'ן גאַנצען לעבען...

זעהר פאַרזיכטיג האָט ער אַ פרעג געטהאָן ביי סאָניע'ן, צי זי וועט ניט האָבען דאַגעגען, אַז אַ רב'ל מיט אַ מנין מענשען זאָ־לען פּראַוועון זייער חופה וקדושין.

— אַ דאַגה דיר, סאָנעטשקע, — וויל דאָס איהר מאיר איינ־ריידען, — אַ דאַגה אַ גרויסע, אַז זיי וועלען זיך מאַכען נאַריש, מיר ווייסען דאָך ביי זיך אַז מיר האַלטען ניט דערפון; די וועלט

איז נאָך פול מיט פאַנאַטיזמוס, מיין שוועסטער עקשן׳ט זיך, זי איז דאָך ניט מעהר ווי אַ פּראָסטע אידענע, מען דאַרף איהר נאָכגעבען, יאָ, סאָנעטשקע? ניט אַזוי? דו ביזט דאָך אַ גוטינקע.

סאָניע האָט שנעל מסכים געווען. שוין לאַנג אַז זי האָט זיך געקליבען ריידען מיט מאיר׳ן, אַז זיי זאָלען כאָטש הייראַטהען אין געריכט־הויז, נאָר עס איז איהר שווער געווען צו ריידען מיט איהם וועגען דעם... איצט, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, נו, איז דאָך געווים גוט...

איין מאָל ווען מאיר איז געקומען פון דער אַרבייט, האָט איהם סאָניע פערטרויט אַ הייליגען סוד...

אַ מין יום־טוב׳דיגען אָבענד האָבען זיי דאַן פערבראַכט; אַ שטילע ציטעריגע פרייד האָט זיי אַרומגענומען.

וועגען פיעלע, פיעלע זאַכען האָבען זיי יענעם אָבענד גע־רעדט. זיי האָבען אויך בעשפּראָכען די פראַגע וועגען דעם ווילדען באַרבאַריזם, וואָס ביי אידען איז איינגעפיהרט, ווי מען געהמט דאָס אַ קינד, אַן אונשולדיגען נפש און מען שניידט איהם דאָס פלייש... און צופריעדען זיינען זיי מיט זיך, וואָס זיי זיינען אויפ־געקלעהרטע מענשען: זייער קינד וועט ניט דאַרפען ליידען פון דעם באַרבאַרישען מנהג...

עס איז אַוועק אַ מאָנאַט נאָך אַ מאָנאַט סאָניע׳ן איז שווער געוואָרען איהר אייגענער גוף. די פיס זיינען ווי שווערע קלעצער, ריהרען זיך קוים פון אָרט. אונטער׳ן האַרצען איז שווער, עס שטיקט אַ אומעט, אַ שרעק...

אַ גליקליכער לאַנג ערוואַרטעטער „פחד״ וואַקסט... געהן צו־ריק קען זי שוין ניט, זי מוז מיט איהרע צושראָקענע אויגען נאָכ־פאָלגען איהר לאַנגע ביז צו דער העכסטער גרויזאַמקייט...

ווען סאָניע ליגט זיך שלאָפען, וויינט זי און ווייס ניט פאַר וואָס.

— מאיר׳קע — גיט זי פּלוצלינג אַ זאָג אין דער פינסטער.

— מאיר׳קע, איך האָב זעהר מורא...

— וואס איז ? — פרעגט מאיר דערשראקען, — וואס איז דיר, סאניעטשקע ?

— איך האב מורא, — ענטפערט סאניע, — איך האב שרעק־ליך מורא עס שרעקט מיך די קומענדע צייט.

מאיר טרייסט איהר, אז אלע פרויען האבען קינדער, מען קומט אריבער, ס'איז גאר ניט.

אויף סאניע'ן מאכען אבער זיינע רייד קיין איינדרוק נים, אלעס וואס ער זאגט, וויים זי אליין. זי הערט איהם אוים און שרעקט זיך ווייטער...

אין א מאדנע שטימונג געפינט זיך סאניע. עפעס קלעהרען זיך איהר אזעלכע זאכען, וואס עס פאסט גאר ניט פאר אזא פריי־דיינקערקע ווי זי איז...

אלע נאכט קומט איהר צו חלום איהר פערשטארבענע מאמע און מוסר'ט איהר.

— סטייטש שרה'לע, אז דו ביזט אין אזא צייט... דערמאהן זיך, וואס אזא צייט בעדייט פאר א כשר אידיש קינד. דו דארפסט דאך זעהן ניט איינרייסען דארטען אין הימעל, אפילו מיט'ן שטן... אין אזא צייט, דארף א אידיש קינד תפילה טהאן. אין אזא צייט האט דער שטן א גרויסע שליטה...

איך וואלט זיך געווים דארטען מיהען פאר דיר, מיין קינד ברייננגט אבער דער שטן דיינע געשיר פאר'ן כסא הכבוד. ניטא קיין מילכיגס, ניטא קיין פליישיגס... און דיין נשמה פערשרייבט דארט אין הימעל אלע נאכט גרויסע עבירות, גרויסע עבירות...

מען וויים שוין דארטען אפילו דיינע מחשבות וועגען דעם ברית... געדענק, שרה'לע געדענק ! אין וואס פאר א צייט דו ביזט ! . . .

ווען סאניע שטעהט אויף אין דער פריה, איז מאיר שוין לאנג צו דער ארבייט אוועק. אין די צימערען איז שטיל. די פארהאנגס ביי די אפענע פענסטער הויבען זיך און ציטערען אין שרעק און עס דוכט זיך איהר, אז די גאנצע הויז פלאטערט. ווען פון א צווייטען צימער הערט זיך א שטארקער קלאפ פון א טיהר,

גיט זיך סאניע א צאפעל ווערט בלייך. עס נעהמט איהר ציטערען הענד און פיס. אט, דוכט זיך איהר, איז מען שון געקומען זיך אפרעכענען מיט איהר...

שווער איז סאניע'ן אויפ'ן הארצען, שווער. אזוי ווי צוויי כוחות שלעפען איהר פאר די הענד, פוןביידע זייטען...

זי ווייס, אז א חלום איז גאר ניט, אבער זי פיהלט, אז איהר גוטע טייערע מאמע רעדט ניט קיין אומזיסטע רייד...

עפעס איז ניט גוט...

און עס ווילט זיך איהר פארנאנדערטהיילען די געשיער מיל־כיגס פון פליישיגס. פרעמד ווערט איהר די קיך מיט די אנגעווארפענע ניט געוואשענע געשיר פון נעכטען. שטום, אכזריש ליגען דארט די טריפ'ע מעסערס אויפ'ן טיש און זינדעגען דארטען צוויי־שען די לעפעל, וועלכע זיינען פערשמירט: די אין פוטער און די אין געבראטענע קארטאפעל־פלייש.

און עס לויפט איהר דורך אין געדאנק א גרויסע פראגע: פיללייכט איז איהר יעצטיגער לעבען א גרויסער ליגען?...

אפשר איז דער אמאליגער לעבען, צווישען איהר טאטע־מאמע, דער אמת'ער?... אפשר דארף מען טאקע יעדען פרייטאג פאר־נאכט אנצינדען פיער גרויסע ליכט אין די אויסגעשייערטע מע־שענע לייכטער, פערדעקען דעם איינגעוואשענעם פנים מיט אלע צעהן פינגער און בענטשען מיט גרוים כונה דעם הייליגען שבת?... אפשר?...

אפשר האט מען איהר פערפיהרט?... און דער וועג איז צו לאנג אומצוקעהרען זיך צוריק... און יעצט, אין אזא שווערע צייט וועט מען איהר אנלעהרנען... ווייזען ווער עלטער איז...

און עס ווילט זיך איהר וועגען דאס אלעס ריידען מיט מאיר'ן. נאר זי ווייס, אז אין א געשפרעך איז ער שטארקער, זי וועט ניט האבען וואס צו ענטפערען. זי ווייס, אז זי וועט אליין ווידער אי־בערצייגט ווערען... און טאמער איז דאס טאקע עבירות?... זאר לען זיי אמווייניגסטענס ניט ווערען נאך גרעסער...

עס איז געקומען די צייט...

סאָניע ליגט אין פערמאַכטען שלאָף־צימער, נעבען איהר בעט זיצט אַ דאָקטאָר. אַ פרעמדע אידענע דרעהט זיך אַרום פון שלאָף־צימער אין קיך, פון קיך אין שלאָף־צימער.

אין דרויסען ווערט טונקעל. אַ געדיכטער שטילער רעגען שיט זיך אין דער קרום. פון דעם פערמאַכטען צימער הערען זיך פערשטיקטע וועה־געשרייען... מאיר שטעהט ביים טונקעלען פענס־טער, קוקט שטאַר אין גראָהען דרויסען אַרויס. יעדער געשריי געמישט מיט אַ טיעפען וועהטאַג, רייסט איהם דאָס האַרץ פאַר־נאַנדער.

ער וואָלט וועלען עפּעס טהאָן, פערגרינגערען סאָניע׳ן אין איהרע וועהטאַגען.

נאָר וואָס קען ער טהאָן?

און ער דערמאָנט זיך, ווי עהנליך צו דיזעלבע געשרייען האָט ער אַמאָל געהערט, ווען ער איז נאָך אַ אינגעל געווען, געלערענט אין „חדר״.

זיין עלטסטע שוועסטער האָט באַלד נאָך איהר חתונה ביי זיי אין קאַמער געוואָהנט.

עס איז אויך געווען עפּעס אַזאַ טונקעלער פאַרנאַכט. ער האָט געהערט פון קאַמער זיין שוועסטער׳ס פערשטיקטע יללות. די „באָבע״ לאה און זיין מאַמע האָבען געהאָוועט אַרום זיין שוועס־טער׳ס בעט.

דער שוואָגער און דער טאַטע זיינען געשטאַנען אומעטיגע ביים גראָהען פענסטער, און שטיל וויינענדיג תהילים געזאָגט.

אַ טייערע זאַך דאָס תהילים״, רייסט זיך אַרויס ביי מאיר׳ן אָן „אפּיקורסישער״ געדאַנק. „אין שווערע מינוטען פון לעבען, האָט דער תהילים הערצער געהיילט און אפשר וועהטאַגען פער־גרינגערט...״

די שווערע צייט איז אַריבער. אַ זוהנעלע איז אויף דער וועלט געקומען די מרה־שחורה פון דאָס פּאָר־פאָלק איז פערשוואונדען.

נארביידע האבען שטענדיג גערעדט וועגען א נייע טהע־אריע, וואס זיי האבען געהערט: „אז מ'ל זיין א קינד איז נויטווענ־דיג צום קינפטיגען געזונד פאר דעם מענשען...“

און באשלאסען האבען זיי, צו פרעגען ביי אן אלט פראק־טיצירטען דאקטאר, וועלכער איז גוט בעקאנט אלס פריידיינקער אין דער אידישער קאלאניע.

ווען דאס פאארעל איז אריינגעקומען צום דאקטאר, און שטאמלענדיג געפרעגט די דאזיגע שאלה, האט דער דאקטאר גוט געזעהען, ווי דאס פאארעל פערלאנגט, עס זאל גע'פסק'ענט ווערען...

ער האט געזעהען, אז דאס רוהיגע לעבען פון די יונגע טאטע מאמע נויטיגט זיך זעהר אין א היתר...

און מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל האט דער דאקטאר מעשה אויטאריטעט, געזאגט:

— עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דיעזע קליינע אונבע־דייטענדע אפעראציאן פערמיידעט פיעלע קראנקהייטען פון דאס קינד אין דער צוקונפט.

מאיר און סאניע זיינען ארויס פון'ם דאקטאר גליקליך און צופריעדען.

דאס קינד איז געבראכט געווארען בברית של אברהם אבינו...

און פון יעמאלט אן איז יענער גוטער דאקטאר פערבליבען זייער שטענדיגער הויז־ארצט...

די מאמא'ס יום־כפור

יום כפור איז געווען דער טאג, ווען זי האט געלעבט ווי א פיש אין וואסער, עס איז געווען אויף וואס צו וויינען און זי האט ניט געקארגט קיין הייסע טרעהרען, וועלכע פלעגען זיך גיסען מיט געבעט און אמת'ע הארציגקייט.

זי האט געוואוסט, אז איהרע קינדער זיינען ניט פרום. עס האט זיך איהר ניט געלעגט אויפ'ן זינען, ווי אזוי איהרע זיהן פאס־טען אום יום כפור, דאך פלעגט זי גערן זיך לאזען אפנארען פון איהרע קינדער, אז זיי פאסטען יא אין דעם גרויזאמען טאג פון תשובה...

זי איז געווען זעהר א שוואכע פרוי, דעם גאנצען לעבען האט זי געלעבט מיט א שוואכע הארץ. אז עס פלעגט קומען די מורא'־דיגע טעג פון אלול און תשרי, האט זי זיך שטארק געשראקען פאר דעם תענית. יום כפור מוז מען דאך פאסטען, און גאט ווייסט, צי זי וועט עס איבערלעבען.

די קינדער פלעגען בעצייטענס איינ'טענה'ען מיט דער ליע־בער מאמען:

— זעה, מאמע, דו פערדיענסט אן עברה, ווען דו פאסט. דו טארסט עס ניט טהאן. זיי פלעגען איהר ברענגען הכשרים פון דאקטוירים, פון רבנים; אבער זי האט זיך געהאלטען ביי איהר'ס: אז ווי באלד דעם גאנצען לעבען האט זי געפאסט, וועט זי יעצט, צו דער עלטער, ניט מאכען קיין נייעסען.

די לעצטע יאהרען פון איהר לעבען איז זי אבער געווען זעהר, זעהר שוואך. כאטש ניט גאר קיין אלטע, איז זי אבער שוין גע־ווען אויסגעקרענקט. זי האט שוין אליין גענומען די הכשרים פון דעם דאקטאר און פון דעם רב, אז זי זאל ניט דארפען פאסטען.

כאטש ביי זיך אין הארצען, האט זי געוואוסט זיכער, אז עסען וועט זי ניט... עפעס א קליינינקייט — יום כפור! די קינדער זיי־נען ניט פרום, מען וואהנט אין אמעריקא, די לאנד איז א זינדיגע, וועך? ווער וועט בעטען גאט צו פערגעבען אלעמען די עברות? צו שענקען די זינד פון איהרע קינדער, וואס זיינען איהר אזוי ליעב און טהייער?

און אז עס איז געקומען יום כפור נאכט, האט זי בעשלאסען צו פרואוזען זיך, אויב זי וועט קענען פאסטען, איז דאך ווי גע־פונען. און אזוי פרואווענדיג, פלעגט זי אפפאסטען און אפווייגען דעם גאנצען טאג, נאך מיט מעהר טעם ווי אלע מאל.

אזוי פלעגט שוין עס געהן אלע יאהר. זי האט אנגעגרייט א הכשר פון א דאקטאר און פון א רב, און פלעגט אפפאסטען פא־מעלינקע דעם גאנצען טאג.

יום כפור ביי טאג קומען די קינדער זעהען, וואס מאכט די מאמע. זאטע, אפגעגעסענע, קומען זיי ארויף אין דער ווייבער־שער שוהל. ערגעץ אין א ווינקעל, טרעפען זיי זייער מאמען. א דארע, א בלאסע, מיט אויסגעוויינטע הייליגע אויגען, מיט א ליע־בען מוטערליכען שמייכעל בעגריסט זי די קינדער. זי איז גליק־ליך. עס פאסט זיך. אט דיעזער גליק גיט איהר כחות.

— מאמע, — פרואווט זיך איין זוהן בעטען, — מאמע, געה אהיים און ביים אן.

אנשטאט צו ענטפערען גיט זי א שמייכעל פאר גליק פון דעם תענית, און פון די גוטסקייט און איבערגעבענהייט, וואס זי זעהט פון די קינדער, פאלט ארויס א זילבערנע טרעהר פון איהר אויג.

— געהט אהיים, קינדערלאך, געהט, — געהט, — שטארקט זי זיך אויסצוזעהען מונטער און געזונד, אז די קינדער זאלען ניט האבען קיין הארצוועהטאג. — געהט אייך געזונדערהייט, איך בין גאנץ שטארק, איך וועל שוין פאר אייך אויך אויסבעטען א גוטען יאהר.

זי האט א הכשר ניט צו פאסטען און זי פאסט דאך. פיהלט זי זיך עפעס היינט אין א געהיימער שטימונג. זי פיהלט ממש,

אַז זי איז יעצט מיט דעם רבונו של עולם גאָר ווי אַנדערע צוויי. זי איז איהם גאָר ניט שולדיג... זי האָט „קרעדיט“ צו בעטען איהם פאַר איהרע קינדער. זי בעט ביי איהם אויף באָרג... צו מוחל זיין אַלעמען.

און ווען די קינדער פערלאָזען די שוהל, הערען זיי דער מאַמעס געבעט. אַזאַ שוואַכע ציטעריגע וויינענדיגע שטימע טרעלט, כלי־פּעט פון זייער מאַמעס קראַנקע האַרץ. די מאַמע וויל נאָך זיין בעשיידען פאַר גאָט, און זי בעט פאַר איהרע קינדער, פערשטעל־טערהייד...

— גאָט, ליעבער גאָט, גיעב אַ גוט יאָהר די פרומע און די ניט פרומע...

די ניט פרומע, טראַכט זי, וועט שוין דער פאָטער אין הימעל אַליין פערשטעהן, אַז זי מיינט עס איהרע קינדער.

די פריינעזאַנגנע קינדער פיהלען, אַז די מאַמע שטרענגט זיך אָן צו פאַסטען גאָר צוליעב זיי, ווייל זיי זיינען ניט פרום. די גאַנצע הייליגקייט און האַרציגקייט פון זייער מוטער מאַכט זיי צו פיהלען חרטה אויף זייער זאָט אַנעסען זיך אום יום כפור. עס ווילט זיך זיי מיט עפּעס העלפען זייער מוטער, אָבער זיי קענען ניט... די מאַמע האָט אַ גרויסען פאָטער אין הימעל... אָבער זיי? זיי פאַרמאָגען בלויז אַ ביסעלע רחמנות צו זייער הונגעריגער מאַמען...

עס זיינען שוין אַריבער עטליכע יאָהר, זייט זייער ליעבע מאַ־מעלע איז געשטאָרבען. און אַז עס קומט יום כפור ציהט די קינ־דער צו יענער שוהל, וואו די מאַמע פלעגט דאַווענען און פאַסטען. עס ווילט זיך זיי כאָטש נאָך איין מאָל הערען יענע ליעבע הייליגע ווערטער: „גאָט, ליעבער גאָט, גיעב אַ גוט יאָהר די פרומע און די ניט פרומע“...

אָבער... מיט דעם טוידט פון דער גוטער ליעבער מאַמע, איז אויך פערשוואונדען די לעצטע הייליגקייט. יענע שוהל איז יעצט ניט מעהר ווי אַ געוועהנליכער שניידער שאָפּ... און די הייליגע ווערטער זיינען פערבליבען איינגעטריקענט אויף די בלאַסע טוידטע ליפּען פון דער גוטער מאַמען...